STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00307

# GEZAMELTE SHRIFTEN FUN YONAH ROZENFELD

Yonah Rozenfeld

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Brent Vine*
*in honor of*
*Irvin & Ruth Vine*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאמעלטע שריפטען

פון יונה ראזענפעלד

## זעקסטער
## באַנד

אַרויסגעגעבען פון דער
יונה ראָזענפעלד קאָמיטע
ניו יאָרק : 1924

Copyright by
Yona Rosenfeld
1924

# אויף די גרענעצן

# אינהאַלט:


מזל־טוב — — — — — — — — — — — — — — 18 - 7
די „קינדער" — — — — — — — — — — — — — 27 - 19
אַמעריקאַנער — — — — — — — — — — — — — 36 - 29
נומער איינס, נומער צוויי און „נומער ערגער" — — — — 46 - 37
זי נעהמט זיך דאָס לעבען — — — — — — — — — — 55 - 47
„ווערפּלאַמרענדן" — — — — — — — — — — — — 63 - 57
מיס בערטע — — — — — — — — — — — — — — 79 - 65
אַ מאַמע מיט קינדער — — — — — — — — — — — 91 - 81
אַ אָרענטליכע פרוי — — — — — — — — — — — 100 - 93
אַ שפּיל — — — — — — — — — — — — — — — 119 - 111
אַ באַקאַנטער — — — — — — — — — — — — — 126 - 121
אין געלאַף — — — — — — — — — — — — — — 132 - 127
נערוואַ — — — — — — — — — — — — — — — 151 - 133
אַ פּאָרטרעט — — — — — — — — — — — — — — 160 - 153
ווער? — — — — — — — — — — — — — — — — 168 - 161
צווישען מענשען — — — — — — — — — — — — 178 - 169
אַ מיידעלע — — — — — — — — — — — — — — 197 - 179
עס טרעפט — — — — — — — — — — — — — — 213 - 199
אין פרומע הענט — — — — — — — — — — — — 229 - 215
דער טויט פון אַן אַסימילאַטאָר — — — — — — — — 252 - 231
אַ קורצער ראָמאַן — — — — — — — — — — — — 285 - 253

# מזל טוב.

(נאָוועלע)

אזוי גלייך ווי דער דאָקטאָר האָט אָפּגעטאָן זיין דאָקטאָרסקע זאַך מיט'ן ווייבעל און די זאַך וואָס ער האָט אָפּגעטאָן איז אַרי־בער בשלום, האָט ער אָנגעקלונגען צום מאַן פונ'ם ווייבעל און איהם אָפּגעגעבען:

— מזל טוב!

און ס'האָט אריינגעשמייכעלט אין טרייבעל פונ'ם טעלעפאָן דאָס דאָקטאָרעל פון דעם קלוגען איינפאַל, וואָס ער האָט אָפּגע־געבען מזל־טוב דעם מאַן, וואָס האָט איהם דאָס ווייבעל גע־בראַכט, אַז ער, דער דאָקטאָר, זאָל איהר טאָן דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן.

נעכטען ערשט זיך באַקענט אַלע דריי, מאַן און ווייב און דאָקטאָר, און נאָך נעכטען גלייך איז מען היימיש געוואָרען, ווי אַלע מאָל אין אַזא פאַל ווען מאַן און ווייב קומען צוזאַמען צו אַ דאָקטאָר מיט אַ דריטער זאַך צווישען זיי, זיינס און איהרס, און וואָס ווילען בהסכם ביידע ניט, אַז די דריטע זאַך זאָל ווערען... דער דאָקטאָר האָט איהר נאָכ'ן באַטראַכטען אַ פּעטשעל געטאָן אין בייכעל אריין און געזאָגט:

— אַלל רייט!

אַביסעל האָט מען זיך געאַמפּערט. דער דאָקטאָר האָט גע־זאָגט, אַז ער האָט אויסגעפונען, אַז זי איז שוין אין פינפטען חודש, און זי, דאָס ווייבעל, האָט געזאָגט, אַז אין פערטען. דער דאָקטאָר האָט אין אמת'ן ניט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ חודש דער ולד געפינט זיך. נאָר ער האָט עס באַדאַרפט אזוי זאָגען

צוליב דעם, צו וויסען געבען מאַן און ווייב אַז פון פינף חדשים אַ קינד ארויסצוטרייבען איז פיל שווערער ווי פון פיר חדשים און אַז פאַר אַ זאַך, וואָס איז שווערער, האָט מען באַדאַרפט פאַרשטעהן, קומט מעהר געלט צו באַצאָהלען.

און היינט אויפ'ן פריהמאָרגען האָט עס דער מאַן, איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען אין זיינע ביזנעס, אין זיין אייגענער מאַשין צוגעפיהרט דאָס ווייבעל צום דאָקטאָר און זי דאָרטען איבער־געלאָזט, און איצט האָט עס דער דאָקטאָר צו איהם געקלונגען און וועגען דעם האָט מען זיך עס איבערגערעדט — פאַרשטעהט זיך, פאַרשטעלט. ווען אַ זייטיגער וואָלט דאָס געשפּרעך געהערט, וואָלט איהם קיינמאָל ניט איינגעפאַלען, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ יצור אָדם, וואָס איינער האָט אריינגעבראַכט און אַ צווייטער האָט ארויסגעריסען פון די געדערים פון אַ פרוי.

דאָס יונג ווייבעלע האָט געהערט פון צווייטען צימער דאָס געשפּרעך פון דאָקטאָר און געוואוסט מיט וועמען ער רעדט, און עס האָט איהר עפּעס פאַרדראָסען אויף די צוויי מענער... כאָטש זי האָט עס אַזוי געוואָלט פּטור ווערען ווי דער מאַן, נאָר איצט האָט זי זיך עפּעס ווי באַליידיגט געפיהלט און זיך געשעמט; איצט האָט זי געהאַט אַ געפיהל, אַז זי האָט עס ניט באַדאַרפט געטוען טאָן.

זי האָט געטראַכט: אַשטייגער, ווען זי וואָלט אויסגעטראָ־גען און אַ קינד געהאַט, וואָלט זי דען איצט אין אַ פרעמד בעט גע־לעגען, אין אַ פרעמדער שטוב איינע אַליין אָהן דעם מאַן און אָהן די אייגענע?... ווען זי געהט אַ שטייגער צו קינד, וואָלט דער מאַן זי געלאָזט אַליין? וואָסי, זי האָט דען קלענערע וועהטאָגען ווי ווען זי וואָלט אַן אויסגעטראָגען און לעבעדיג קינד געהאַט?

פריהער איז דער גאַנצער שכל געווען דערפאַר, אַז אַזוי האָט זי באַדאַרפט טאָן. וואָס דען? פינף חדשים נאָך דער חתונה, און שוין ניט וויסען פון קיין לעבען... אַ מיידעל, אַ באַוואוסט־זיניג, אָרענטליך מיידעל, וואָס האָט ביז דער חתונה געלעבט אַ באַוואוסטזיניג אָרענטליך באַשיידען לעבען, אָרענטליך ניט צוליב

זיך, נאָר צוליב יענעם וואָס וועט קומען צו איהר און דאָס פאָר־דערען פון איהר, — אזעלכער ווילט זיך עפּעס א זינדיגען לעב טאָן כאָטש נאָך דער חתונה... מיט'ן מאַן טאַקע... אָבער אז מ'פאַרבינדט זיך שוין מיט א קינד... עפּעס מיט דעם ווערט מען ארומגעצאַמט, עפּעס כאַפּט עס אריין אין גרענעצען... עס ווילט זיך אָפּלעבען א שטיקעל צייט אין מיידעלש־ווייבערשער צוואַנגלאָזיגקייט... און ווייבאַלד מ'פאַרגעהט אין טראָגען, איז אָפּגעריסען אינגאַנצען... עס ווילט זיך מיידעלש שטיפען און זינדיגען פאַר דער גאַנצער צייט פון איינגעהאַלטענקייט... מיט איינעם, פאַר אַלעמען...

דער דאָקטאָר האָט זיך פון טעלעפאָן אומגעקעהרט צום ווייבעל און געפרעגט ביי איהר ווי זי פיהלט.

דאָס יונגע ווייבעלע האָט אונבאַוואוסטזיניג זיך געשעמט פאַר'ן דאָקטאָר, וואָס זי האָט עס געלאָזט טאָן, און ערגעץ טיף אין איהר ווייבליכער נשמה האָט א חרטה געעגבערט... און ס'האָט זיך איהר נעבעלדיג געטראַכט וועגען דעם „עפּעס“, וועגען עפּעס אזעלכעס, וואָס מ'האָט ארויסגעריסען פון איהרע גדערים... זי האָט זעהר געוואָלט וויסען ווי אזוי ס'האָט אויסגעזעהן און וואָס איז דאָס עפּעס אזעלכעס געווען, צי ס'איז נאָך גאָרניט געווען... געהאַט א נעבעלדיגען באגריף, אז מ'האָט פון איהר ארויסגענומען עפּעס אַן אונבאַוועגליך שטיל־שווייגענדיג פאָרמלאָז שטיקעל לעבען... א זאַך, וואָס פאַנגט זיך אָן פון טויטער אונבאַוועגליכקייט און וואַקסט אין לעבען אריין... האָט מען עס צום לעבען ניט דערלאָזט, איז עס אריבער פון איין טויט צום צווייטען, אָהן א לעבען צום טויט אריבער; פון א טויט וואָס האָט געזאָלט אריבערגעהן צום לעבען איז עס צום צווייטען גלייך געקומען, דאָס לעבען פון יאָהרען און א וועלט און מענשען ארי־בערגעשפּרונגען און איז פון גאָרנישט צו גאָרנישט אריבער...

האָט עס איהר דאָך ניט באַדאַרפט אַרען, און עס האָט איהר דאָך געאַרט, און דאָס דאָקטאָרעל וואָס האָט שוין ניט איין אָפּעראַציע אזעלכע איבער ווייבלאַך געמאַכט און וואָס קען שוין

גוט זיינע פּאַציענטקעס און ווייס שוין פון פּראַקטיק אַז אייניגע פון זיי האָבען נאָכדעם חרטה, האָט זיך שוין אויסגעלערענט צו־ליב זיין זאַך און צוליב זיינע ביזנעס. פאַר אַזעלכע האָט ער שוין איין דרשה זיינע, וואָס ער האַלט פאַר יעדער איינער פון אַזעלכע פּאַציענטקעס, צו מאָל, פאַרשטעהט זיך, בייטענדיג די פאָרמע. צו אַ פּראָסט ווייבעל רעדט ער עס פּראָסטער מיט פּראָסטע ווערטער און אמאָל אויך ציניש, און צו אַן אינטעליגענ־טער רעדט ער ריינער און באַגרינדליכער, און אין אַלגעמיין איז דער אינהאַלט פון זיין באַלעהרענדער לעקציע אַזעלכע, אַז דאָס ערשטע און צווייטע קינד זיינען זעהר זעלטען געראָטענע. דאָס, זאָגט ער, איז שוין סטאַטיסטיש באַוויזען געוואָרען, און ער פאַרגלייכט דער מוטער'ם „טראַכט" צו אַ פּורם. אַ נייער פּורם, אַז מ'גיסט עפּעס אויס, איז אַלעמאָל די ערשטע אויסגיסאַכץ ניט געלונגען... און צו נאָך עפּעס פאַרגלייכט ער עס... צו דער נאַטור. אַז ס'איז דורך דער באָטאַנישער וויסענשאַפט באַוויזען געוואָרען, אַז די ערשטע פּאָר יאָהר גיט אַ בוים ארויס שלעכטע פרוכט, און וואָס ווייטער אַ יאָהר ווערען די פרוכטען אַלץ בע־סער... אַזוי איז עס ביי מענשען... מ'ערקלעהרט עס מיט פאַר־שיידענע סיבות. יעדער גערטנער גיט זיך צו זיין סברא פאַר וואָס דאָס איז אַזוי, אָבער דער פאַקט איז אַ פאַקט; אין דעם געהען זיך אַלע געלערנטע צונויף, אַז דאָס ערשטע און דאָס צווייטע קינד זיינען אַם מייסטען ניט קיין געראָטענע ביי על־טערען. און עס איז נאָכגעפאָרשט און אויסגעפונען געוואָרען, אַז אַלע גרויסע מענשען געהערען צו די שפּעטערדיגע קינדער, וואָס קומען אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, ווען מאַן און ווייב דערגרייכען זייער מיטעלען עלטער, דאָס הייסט, אַז די געראָטענע קינדער זיינען אַלעמאָל די לעצטע אָדער פאַר די לעצטע.

מיט דער דרשה געמיינט צו זאָגען, אַז ס'איז גאָר אַ גרויסע מצוה ניט צו ברענגען אויף דער וועלט די ערשטע פרוכט פון יוגענד, אַז ס'איז אַ מצוה דאָס צו פּטר'ן, דאָס ערשטע און אפילו דאָס צווייטע.

דאָס ווייבעל האָט איהם ניט געקענט אויסהערען, געפיהלט איהרע וועהטאָגען און איהר גייסטיגען צושטאנד, אָדער דעם גייסטיג אינסטינקטיווען צושטאנד פון א פרוי וואָס האָט געקענט א מוטער ווערען און איז עס ניט געוואָרען... זי האָט דאָס דאָק־טאָרעל ניט געקענט אָנקוקען; עפּעס האָט ער, קענטיג, געוואָלט מאַכען אויף איהר אזא איינדרוק, אז ער טוט זיין ארבייט שוין גאָר צוליב הויכע צילען; און זי האָט דאָך געוואוסט, אז ער מיינט ניט מעהר ווי די פּאָר צעהנדליג דאָלאר... און צוליב וואָס האָט זי עס געטאָן און צוליב וואָס האָט עס געוואָלט דער מאַן זי זאָל עס טאָן?... ניין, ער האָט עס ניט געוועזן באדארפט פאַר־לאַנגען פון איהר... אויב ער האָט זי ווירקליך ליב, האָט ער גע־דארפט באגעהרען צו האָבען א קינד פון איהר, און אויב ניט, איז א סימן...

---

אין אָוונט, פריהער ווי ער קומט אַלע מאָל אהיים צו זיין געזונטער ווייב, אָבער פיל שפּעטער ווי אזעלכער וואָלט באדארפט געוועזן קומען אין אַן אנדער פאַל, איז דאָס מאָל דער מאַן צום ווייבעל געקומען. ווייל ער האָט דאָס ניט גערעכענט פאַר א קרענק; ווייל די קרענק איז פון זיך ניט געקומען, נאָר מ'האָט אָפּגערעדט צווישען זיך, אז דאָס ווייבעל זאָל זיך זי געהן מאַ־כען, איז דערפאַר אַליין ניט געוועזן וואָס צו איילען זיך...

ארויסגעשפּרונגען פון דער מאשין, איז די מאשין אזוי גלייך אנדרימעלט געוואָרען, און באגעגענט זיך מיט'ן דאָקטאָר אין דאָק־טאָר'ס קאַבינעט,ביידע מיט דיקע ציגאַרען אין די מיילער. איינער האָט מיט'ן דיקען ציגאַר געוואָלט באווייזען, אז ער איז א געהויבענער דאָקטאָר, און דער צווייטער — אז ער איז א גע־הויבענער ביזנעסמאַן. זיי האָבען עס שוין ביידע באוויזען: דער ערשטער, אז ער האָט אָפּגעטאָן אזא איידעל שטיקעל ארבייט, און דער צווייטער, וואָס קען זיך פאַרגינען און פּטר'ן הונדערט און פופציג דאָלאר. זיי האָבען זיך באגעגענט מיט קוראזש, ווי ביידע וואָלטען אָפּגעטאָן צוויי וויכטיגע, גאָר זעהר וויכטיגע

זאַכען. דער דאָקטאָר האָט איהם, דעם מאַן פון זיין פּאַציענטין, אָנגעקלאַפּט אין דער לאָפּעטקע און מיט דעם געגעבען צו וויסען, אַז ס'איז אָלרייט, אַז דער מאַן איז אָלרייט, און בכלל:

— אָלרייט!

אוןביידע מענער זיינען ארויף אויבען, אויפ'ן צווייטען פלאָר, און איין מאַן האָט דעם צווייטען אריינגעפיהרט צום ווייבעל אין צימער אריין. דער מאַן פון דער ווייבעל האָט דער ווייבעל אָפּגעגעבען מזל־טוב. ער האָט אפילו, איידער ער האָט עס געזאָגט, געטראַכט, אַז מ'דארף עס ניט זאָגען, נאָר ווייל דער דאָקטאָר איז דאָ מיט איהם געוועזען און ווייל דער דאָקטאָר האָט איהם דורכ'ן טעלעפאָן אָפּגעגעבען מזל־טוב, האָט ער געמיינט, אַז ער דארף אָפּגעבען מזל־טוב. זי האָט אָפּגעמאָסטען דעם מאַן מיט אַ מידען, פרעמדען בליק; דורכגעלעבט אָט די גראַטולאַציע ווי אַ ביליגען, איבעלדיגען וויץ... ער האָט עס אַליין געוואָלט, און דאָך... דאָך האָט זי שוין געפיהלט מיט איהר פרויען־אינ־סטינקט, אַז ווען זי וואָלט ווירקליך אַ קינד געבאָרען, וואָלט ער זיך ניט ערלויבט צו מאַכען שפּאַס איבער איהר. ביי איהר איז דאָס שוין גאָר קיין געלעכטער ניט... זי האָט עס ניט באַדאַרפט געוועזען... ער האָט עס גענומען פון איהר פארלאַנגען, נאָר זי... זי איז אַ פרוי... אַ פרוי איז עפּעס אַנדערש... זי האָט אַחוץ איהרע גרויסע וועהטאָגען, וואָס זי האָט געהאַט, זיך נאָך מיט די וועהטאָגען געשעמט... וועהטאָגען אָהן גאָרניט, אָהן עפּעס... זי האָט די צוויי מענער אין די אויגען אריין ניט געקענט קוקען... זי האָט זיך אַזוי נידערגעשלאָגען און נישטיג געפיהלט... ביידע זיינען זיי געזעסען נעבען איהר, ביידע צוגלייך, ווי גלייכע שותפים, ווי צוויי גלייכע מענער מיט צוויי גלייכע חלקים, מיט גלייכבילטיגקייט אויף איהר לייב און אויף איהר ווייבליכקייט, און צוויי שותפים אין אַ קינד, וואָס איינער האָט אריינגעבראַכט אין איהרע געדערים און אַ צווייטער האָט ארויסגעריסען... אין אַן אַנדער פאַל וואָלט עס אַנדערש געוועזען... דער מאַן וואָלט זיך ניט פארהאַלטען צו איהר מיט אַזאַ גרינגשעצונג... פארוואָס

שמייכעלט ער עפּעס איבער איהר?... צי מיינט ער, אז איהרע וועהטאָגען זיינען גרינגער פון אַ געווינערין'ס? פאַר וואָס זאָגט איהם ניט דער דאָקטאָר, אַז די וועהטאָגען זיינען נאָך אפשר שמערצליכער?... נו, און אַז ער וועט איהם זאָגען, וועט זיך דער מאַן דען נאָכדעם פארהאַלטען אַנדערש?... קען ער דען די וועהטאָגען איהרע רעספּעקטירען?..

— זי איז אָלרייט! — האָט דער דאָקטאָר צווישען יאָ און ניין אַ זאָג געטאָן, כדי מיט דעם צו געבען צו וויסען דעם מאַן, אַז ער האָט גוט אָפּגעאַרבייט די אַרבייט זיינע און עפּעס ווי נאָך געוואָלט באַווייזען, אַז אין זיין אַרבייט ליגט אביסעל מעהר חכמה, ווי אין מאַן'ס אַרבייט.

— מיט וויפיל, מיינט איהר, האָט עס ביי מיר לענגער געדויערט ווי ביי אייך?...

דעם ווייבעל האָט דעם דאָקטאָר'ס ציניזם האַרט און בייז וועה געטאָן, וויסענדיג איינצייטיג, אַז נאָכדעם וואָס ער האָט מיט איהר צואַרבייט, קען ער זיך נעהמען דאָס רעכט אַזאַ ציניישען וויץ אַרויסצוואַרפען, און געוואוסט, אַז ס'וואָלט שוין גאַר קיין פּנים ניט געהאַט ווען זי באַליידיגט זיך.

דער מאַן האָט געפרעגט ביים דאָקטאָר, צי דאָס ווייב וועט נאָך היינט קענען אַהיים געהן, און דער דאָקטאָר האָט זיך גלייך אָפּגערופען:

— נאָו, נאָו!

געמיינט: חס וחלילה! און דאָס געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ גרויסען דאָקטאָר און פון אַ גרויסען ווייסער.

— מיט וואָס איז דאָס בעסער פון געבורט? וועט איהר דען נעמען אַ געווינערין דעם ערשטען טאָג און זי אַראָפּשלעפּען פון בעט?

ווייל עפּעס אַזאַ קרענק און ווייל פון דער קרענק איז גאָרניט געלעגען ביי דער ווייב'ס זייט, איז דערפאַר דעם מאַן געווען לאַנגווייליג נעבען דער ווייב און נעבען איהר קרענק. זי איז נעבאַך געלעגען אין געהאַקטע וואונדען, אָבער ער האָט עפּעס ווי

געפיהלט, אז ער האָט אזא רעכט זיך צו פארהאַלטען גלייכגילטיג צו איהרע שמערצען, און זיינע געדאַנקען האָבען געבלאָנדזשעט אין הייזער און צווישען לייט, וואו און מיט וועמען ער וואָלט אין אזא לעדיגען אָווענט געקענט מאכען א קערטעל. און ווען ער האָט געטראכט דערפון, האָט איהם דער דאָקטאָר ארויפגע־לעגט א האנט אויפ'ן פּלייצע און א רעד געטאָן וועגען דעם, געפרעגט, צי ער גלייכט א קערטעל.

פאר'ן מאַן איז דאָס גליק ווי פון „מזל תאומים" אראָפּגע־פאַלען... דאָס וועט דאָך זיין „ביוטיפול", אי זיין ביי דער ווייב, אי כאַפּען א קערטעל.

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעהויבען, און דער מאַן נאָך איהם,ביידע צוזאַמען אריין און ביידע צוגלייך ארויס, געלאָזט אָפען די טיר און דאָרטען, אין צווייטען צימער, זיך אָוועקגע־זעצט. דער מאַן מיט יענער היימישקייט, וואָס עס קען פיהלען נאָר אזעלכער, וואָס קומט ספּעציעל אין א שטוב אריין שפּילען אין קאָרטען, וואָס דערפיהלט זיך גלייך, דאָס ערשטע מאָל אין דער שטוב, היימיש. און צו זיי ביידען, צום מאַן און צום דאָק־טאָר, האָבען זיך צוגעזעצט דעם דאָקטאָר'ס ווייב און א יונגער־מאַן, וואָס קומט אַלע אָווענט צום דאָקטאָר שפּילען אין קאָרטען און וואָס שטעהט אַלעמאָל — שטעהט פון זיין קומען, שטעהט מיט וואָרטעניש, וואָרט און שטעהט אזוי לאַנג ביז מ'געהט שפּילען.

און דאָרטען, אין יענעם צימער, איז דאָס ווייבעל, נעבאָך, אַליין געלעגען, אַליין דאָרטען מיט איהר ליכט פון עלעקטרישען לעמפּעל, וואָס האָט געבלענדט די אויגען מיט זיין ליכטיגקייט און מיט צוגעפאַלענער ליכט, וואָס האָט זיך אראָפּגעגאָסען פון צווייטען צימער דורך דער אָפענער טיר און ניט געהערט די ספּעציפישע רוהיגע אונרוהיגקייט פון עטליכע מענשען, וואָס זיינען צוזאַמען ביי איין טיש און שפּילען אין קאָרטען, און וואו אַלע טוען איין זאַך, רעדען פון איין זאַך און זיינען פארטיפט אין איין זאַך. געוואוסט, אז דער מאַן האָט שוין דאָרטען פאר־

געסען אָן איהר, האָט זיך איהר, ווי איהם אויף צו־להכעים, פאַר־וואָלט אריינשלעפען אין זיך טרויעריגע געדאנקען, אז מ׳קען פון אַזאַ זאַך, ווי זי האָט אָפּגעטאָן, שטאַרבען... און ס׳איז איהר אויסגעקומען זעהר מאָדנע: זי האָט דאָס געטאָן צוליב לעבען, וועט זי גאָר פּלוצים נעמען און אוועקשטאַרבען. און זיך פאַר־טיפט אין דעם, האָט זי געוואָלט, אז דער מאַן זאָל דערפון וויסען, אז זי קען שטאַרבען, און קיינער, אחוץ צוויי, דער מאַן און דער דאָקטאָר, קיינער וועט ניט וויסען פון וואָס זי איז פּלוצים געשטאָרבען, פּלוצים, אזוי אומגעריכט. און דערפון וועט זיך דערוויסען יענער, דער ערשטער, וועמען זי האָט געהאַט ביז דעם, און חתונה געהאַט פאר א צווייטען, וועמען זי האָט דוקא ווינציגער געליבט ווי יענעם. אָבער דערפאַר האָט דער זי גע־גלייכט מעהר ווי יענער און דערפאַר טאַקע האָט זי מיט דעם חתונה געהאַט, מיט דעם, און ניט מיט יענעם... וואָס וועט יענער טראַכטען וועגען איהר? פון וואָס איז זי עס פּלוצים אזוי גיך און אזוי יונג געשטאָרבען? ער וועט עס קיינמאָל ניט וויסען און אזוי ניט וויסענדיג פאַרגעסען אָן איהר... און א ביסעל (אָ, ווי ניט באַגרייפליך) א ביסעל האָט זי עס דאָך געטאָן צוליב יענעם... יענער זאָל צומאָל אין איהר קיין נקמה ניט נעמען... אָט שוואַנגערט זי שוין... שוין נאָך אַלעמען... עפּעס וואָלט זי דאָפּעלט אָפּגעריסען געוואָרען פון יענעם...

פון צייט צו צייט האָט זי שוין אין א געוויסען אָרט און אין נאָך ערטער עפּעס אזעלכע שרפה׳דיגע פלעמעלאַך א נעם געטאָן, פייערדיגע וועהטאָגען, וואָס האָט עפּעס מעהר געפייערט ווי געוועהטאָגט, און באַזונדערס האָט איהר געברענט אין רוקען. זי האָט זיך אזוי פון צייט צו צייט אונטערגעהויבען מיט א קרעכץ און מיט א קרים און פאַרביסען די אונטערשטע ליפּ פון וועהטאָג און פון שווייגען. גאָר איצט, אין אָוועגט, שוין ווייט נאָך אַלעמען, האָט זי די ערשטע, די אמת׳ע שמערצען דערפיהלט, מיט טיף־באַליידיגטען פּאַרדרוס, וואָס קיינער וועט דאָ ניט זיין און קען ניט זיין, ווייל זי האָט עס אזוי געוואָלט... און וואָס

ווען ס׳וואָלט עפּעס אויף אַן אַנדער אופן, אויף אַ נאַטירליכען, קיין גרעסערע שמערצען שוין ניט געקענט זיין. און זי מוז עס שטיל פאַר זיך איבערטראָגען...

זי האָט היץ דערפּיהלט, דערשפּירט ווי פּנים און אויגען ווערען עפּעס ווי פאַרהאַרטעוועט און ווערען פאַרגאָסען מיט הייסער אָנגעצויגענקייט. געשפּירט ווי זי געהט איבער באַוואוסטזיניג עפּעס אין אַן אוננאַרמאַלען צושטאַנד, וואָס מ׳ווערט עפּעס נאַרישער און קליגער איינצייטיג. און סיי דאָס נאַריש־קייט, סיי די חכמה איז עפּעס אזוי ניי, געהען ביינאַנד און רייבען זיך איינס אין דאָס אַנדערע, באַגלייט מיט וואַרימקייט. און זי אַליין האָט ניט געקענט באַנעמען, וואָס עס איז ביי איהר קלוג און וואָס ס׳איז נאַריש... עפּעס גאָר ווי אַ נייעם שכל באַקומען און עפּעס אַלעס מיט נייע באַגריפען האָבען געדאַנקען געגליהט און ווי דרעטלאַך אָנגעברענט אויפ׳ן פייער, וואָס ווערען לויטערער און פאַרלירען איינציגווייז זייער נאַטירליכקייט, אזוי איז דאָס מיט איהרע געדאַנקען געוואָרען... אַלעס אזוי קלאָר, אָבער קלאָרער ווי געוועהנליך, ווי אין נאָרמאַלען צושטאַנד. ס׳האָבען זיך דערוואַרימט און צוגליהט די געדאַנקען איהרע מיט אוננאַטירליכער קלאָרקייט און לויטערקייט, אָנגעהויבען אַלעס צו באַנעמען און באַגרייפען.

אין היציגען צושטאַנד דערשפּירט זי, אַז זי ליגט אין די זאָקען. דאָס האָט זי אין דעם כמעט באוואוסטלאָזען צושטאַנד עפּעס איבעלדיג באַליידיגט; עפּעס ווייט אין איהר, אין די טיפ־קייט פון איהר ווייבליכער נשמה, האָט זיך אָט די באַליידיגונג געגראָבען, און אריינגעוויינט אין זיך אריין. אַלעס אין איהר האָט געוויינט אין גליהענדער קלאָרקייט און אין אוננאַטירליכען צושטאַנד, אריינגעקליבען זיך אין זיך אריין און דאָרטען איבער־געלעבט די ווירקליכקייט אויף אַ שאַרפערען אופן... עפּעס איז אַלעס פאַרגרעסערט, געדאָפּעלט געוואָרען... זיך איבערגעגאָסען אין אַנדערע פורעמס און אין אַנדערע געשטאַלטען... איהר האָט זיך געדאַכט, אַז צוויי פאַרשוין זיינען געקומען צו איהר, אין

מאַסקעס פאַרשטעלט די פּנים׳ער, און ניט געוואוסט ווער זיי זיינען, און ערגעץ טיף אין איהר זיינען זיי איהר ווי באַקאַנט געווען און די צוויי שלעפען און רייסען עפּעס פון איהרע גע־דערים און ארויסגעריסען עפּעס אַ שוידערליכע, אומעטיגע זאַך... אַ פאַרמלאָזע זאַך, אָהן עפּעס עהנליך אויף עפּעס... און באַ־האַלטען הינטער זייער פאַרשטעלטקייט...

און זי האָט זיך דערמאָנט און אַליין דערהערט דעם געוויין. אַ דערשראָקענע זיך אויפגעכאַפּט און דערזעהן נעבען זיך דעם דאָקטאָר און דעם מאַן.ביידע זיינען זיי געשטאַנען ווי צוויי דאָקטוירים, דער מאַן מיט קאָרטען אין האַנט. דאָס האָט שטורמ־דיג אויפגערעגט דאָס ווייבעל:

— געהט אוועק פון מיר!

— זי איז אַל רייט! זי איז אַל רייט! — האָט דער דאָק־טאָר בארוהיגט דעם מאַן און זי באטראַכט אין זיין געגענוואַרט און פאַרשטאַנען האָט דאָס אומגליקליכע ווייבעל, אַז איהרע קאַפּריזען פּאַסען זיך ניט פאַר איהר אין דעם מאָמענט... אַז זי האָט קיין רעכט ניט צו ליאַרעמען און אין האַלטען זיך פון די צוויי מענער אויסגעפּונען וואָס זיי פאַרלאַנגען פון איהר... באַ־זונדערס אין דאָקטאָר... ער האָט זעהר פיל אריינגעשושקעט אין איהר און זיך געפּליסט מיט אַלע מעגליכקייטען זי צו בארוהיגען אין זיינע פּערזענליכע אינטערעסען...

זי האָט פון איהר טיפער באליידיגונג און פיזישע וועה־טאָגען די אונטערשטע ליפּ פאַרביסען, באַנעמענדיג ווי ווייט און פרעמד די צוויי מענער זיינען איהר מיט זייער מאַנסבילש־קייט; אַז ווען זי וואָלט אפילו ביז׳ן זיבעטען הימעל אריינגע־שריען, וואָלטען זיי אויך ניט געקענט באַגרייפען איהרע פּיזישע און גייסטיגע וועהטאָגען. האָט זי טיף איינגעביסען די אונטער־שטע ליפּ און געבליבען ליגען רוהיג און שטיל, ניט געקוקט ניט אויפ׳ן מאַן און ניט אויפ׳ן דאָקטאָר, און דער ערשטער האָט אריינגעלעגט די קאָרטען אין קעשענע, זי אריבערגעשפּאַנט מיט׳ן האַנט און אריינגעקוקט און אריינגעפרעגט אין פּנים אריין:

— ווי פיהלסטו? ס'איז דיר שוין בעסער?

— יאָ, ס'איז מיר בעסער... איך פיהל בעסער... איהר קענט זיך געהן...

— זי איז אָלל רייט! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, און דער מאַן האָט באוויזען פאַר דער ווייב, אז ער גלויבט שטארק אינ'ם דאָקטאָר.

אוןביידע זיינען געשטאַנען ווי אויף שפּילקעס. איינער אָהן דעם אנדערען האָט דאָרטען ביים טיש גאָר ניט געקענט אויפטאָן, געהאַלטען אין מיטען דער „גיים", האָבען זיי זעהר קיין געדולד ניט געהאַט און געוואָלט זי ענדיגען.

— אז דו וועסט עפּעס ווען, וועסטו זאָגען, זאָלסטו א רוף טאָן, האָט דער מאַן געזאָגט.

— זי איז אָלל רייט!

און ביידע זיינען אוועק און באַזעצט זיך ביים טיש, גלייך אינ'ם ווייבעל פאַרגעסען, און דאָס ווייבעל האָט היסטעריש און שטיל שעה'ן לאַנג אריינגעוויינט אין קישען אריין.

# די „קינדער".

פאַר דער צייט אַרויסגעשטויסען געוואָרען פון לעבען, אָפּגע־ריסען געוואָרען פון זייער סביבה, פאַרוואָרפען געוואָרען אַהער מעבר לים און דאָ אַהער געקומען די רעשט יאָהרען אָפּצולעבען און צו פאַרענדיגען. צו קינדער, צו זיי געקומען, ביי זיי צו זיין, צו לע־בען און דולדען זייער אַרט לעבען און זייערע קאַפּריזען... פריהר־צייטיג די עלטער פאַרכאַפּט מיט אָנוואַרפען זיך אויף די קינדער און מיט גאָר ניט טאָן... די מעהרהייט פון זיי זיינען נאָך קרעפטי־גע, און וואָלטען ביי זיך אין די היימען געקענט געוועזען לאַנג נאָך פאָרטזעצען די אַרבייט זייערע וואָס זיי האָבען אין דער היים גע־טאָן. נאָר אַ דאַנק די גרוילזאַמע געשעהעבנישען, דאָרטען איז די פאַר'חרוב'טע היימען, זיינען זיי הילפלאָז געבליבען און געקומען אַהער פאַראורטיילטע ביי קינדער צו זיין און לכתחילה אויף גאָר ניט צו טאָן.

אַלע טאָג אין נאָכמיטאָג שעה קלייבען זיי זיך צונויף אַזוי אַ מנין אָנדערטהאַלבען אין אַ סקוועריק וואָס באַשטעהט פון אַ פּאָר צעהנדליג בוימער, וואָס געפינט זיך אין איינע פון די ברוקלינער גאַסען. אָט אַזוי ניט קענענדיג זיך האָט איינער אַ צווייטען דער־שמעקט און צוויי דריי האָבען צוגעצויגען אַ פערטען און אַ פינפטען און די צאָהל זייערע וואַקסט דאָרטען פון טאָג צו טאָג. אַ איד פון פוילען, אַ איד פון ליטא, עטליכע וואָהלינער, עטליכע פון פּאָדאָ־ליען, וואָס ריידען אויף פאַרשידענע אַקצענטען, אַלע אינאיינעם פיהלען זיי זיך גוט, גלייך ווי איין קלאַסען־אינטערעס וואָלט זיי פאַראייניגט... אידען עלטערע. ווער אינגער מיט אַ פּאָר יאָהר, ווער ס'איז עלטער, אָבער אַלע געהערען זיי שוין צו דער עלטער און

צו דער אַלטער וועלט און צו דער אַלטער טראַדיציע, וואָס ענדיגט זיך שוין מיט זיי, וואָס נאָך זיי וועלען שוין אַזעלכע ניט זיין... זיי טראַכטען אפשר ניט דערפון, נאָר טיף אין זיך, יעדער איינער פאַר זיך פיהלט עס... אַלע אינאיינעם, ווען זיי זאַמלען זיך צונויף, דער־מאהנען זיי מיט זיך ווי אַמאָל אין די בתי מדרשים ווען זיי, עלטע־רע, זיינען פאַרבליבען צו יזכור פאַרלאָזט פון יוגענד און זיך פאַר־בונדען מיט די טויטע.

אויף אַ באַנק פון איין זייט אַלעע, אויף אַ באַנק אַנטקעגען פון דער צווייטער זיצען זיי, און אייניגע שטעהען נעבען דאָ און נעבען דאָרטען, נעבען די און יענע און בייטען זיך פון צייט צו צייט מיט׳ן זיצען און מיט׳ן שטעהען, אידען מיט בערד און מיט אונטערגע־שוירענע בערד, אַזוי זיך צוגעפוצט, ווער וויים, אפשר ניט מיט׳ן אייגענעם ווילען, אפשר פאַרלאַנגט עס פון זיי זייערע אַ טאָכטער, אַ שנור, אַ זוהן אָדער אַן איידעם... מיט אַ פרעמדען ווילען טוען זיי דאָס, דורך אַ פרעמדען קאַפּריז... און ס׳איז טאַקע צו באַמער־קען, אַז יענע מיט די צוגעשוירענע בערד פיהלען עפּעס ניט אַזוי גוט, ווי יענע ביי וועמען די בערד זיינען אין זייער גאַנצקייט גע־בליבען, ווי קינדער, וואָס ווערען אָפּט באַשטראָפט פון עלטערען פיהלען זיך נידערשלאָגען, אַזוי פיהלען זיך אָט די אידען מיט גע־שוירענע בערד. צווישען זיי, צווישען די אַלע וואָס זאַמלען זיך טאָג־טעגליך אין דעם גערטעל צונויף געפינט זיך איינער אַ איד מיט אַ הדרת פנים, מיט אַן אויסערגעוועהנליך לאַנגער, שעהנער באָרד. דעם גאַנצען אידען וואָלט געפּאַסט צו זיין אַ פּראָפעסאָר אין אַ בער־לינער אוניווערסיטעט. ארום דעם אידען גרופּירען זיך אַלע. אין זיין אָנטאָן, און זיין גאַנץ האַלטען זיך איז צו זעהן, אַז ער פיהלט זיך גוט, צו דערקענען אין איהם, אַז ער האָט לייטישע פאַרמעגליכע קינדער. די קליידער אויף איהם זיינען אין זיין מאָס, אין זיין שניט ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ מענשען און פאַר אַזאַ עלטער.

אין דער צייט, ווען אַלע איבעריגע אָדער די מעהרהייט טראָ־גען מלבושים אויף זיך ניט פון זייער מאָס, ניט פון זייער שניט, וואָס פּאַסט ניט פאַר זייער עלטער, וואָס מאַכט זיי לעבערליך. אויף

איינעם איז אַ רעקעל לאַנג און ברייט, אויף אַ צווייטען קורץ און שמאָל און איינגעצויגען צו דער טאַליע. איינער און אַ צווייטער טראָגען פּראַנטישע שיך, קענטיג פון יונגע פּראַנטען און אפשר נאָך פון טענצערס דערצו. און... עפּעס רופען זיי ארויס אַ מין מיט־לייד צו זיך... עפּעס זעהען זיי אויס ווי אַלטע קינדער... ס'זעהט אויס פיל קאָמישער, ווי ווען אַ קינד טוט אָן אויף זיך אַ מלבוש פון אַ גרויסען...

יאָ, צו פריהצייטיג אריינגעפאַלען אין דער עלטער, וואָס האָט זיך איהר עהנליכקייט צו קינדער־יאָהרען. פּונקט ווי קליינע קינ־דער רעדען צווישען זיך און באַריהמען זיך מיט טאַטע־מאַמע, אַזוי באַריהמען זיך די טאַטעס מיט זייערע קינדער אויפ'ן קינדער־שען אופן, ניט ווי עלטערע, ניט ווי טאַטעס. איינער אַ איד פון אַ יאָהר זעכציג מיט אַ פאַנאַמאַ־העט האַלט אין איין באַריהמען זיך מיט זיין זוהן וואָס האָט אַ מאַשין, ווי אַזוי ער טרייבט די מאַשין גיך, ווי אַזוי ער געהט אָפּט אין „סוד" אריין און צאָהלט פינפער דאָלארס און צעהנערלאַך און נאָך מעהר פאַר עובר זיין אויף דינים, וואָס איז אָנגעוויזען אויף צו פאָהרען.

דאָס גערטעל איז באַשאָטען מיט קינדער, אַ חוץ דאָס שטיק פּלאַץ, וואָס איז ארומגעגרויזעט מיט אייזען, ספּעציעל פאַר שפּילען אין באָלל, וואו עס איז קיין גראָז אויף קיין רפואה ניט צו געפינען, זיינען די פּאָר אַלעען אויך פארנומען, פאַרצאַמט מיט צעהנדליגער וויגעלאַך, וואָס ברוסטיגע מאַמעס מיט קורצע קליידלאַך און לאַנגע פּיס פיהרען ארום הין און צוריק. קינדער גרעסערע, קינדער קלע־נערע, קינדער וואָס מען פיהרט ארום אין די וועגעלאַך און קינדער אָהן וועגעלאַך, וואָס לויפען ארום הין און צוריק און פּלאָנטערען זיך אונטער די פיס מיט לופט באַלאָנדלאַך און אַנדערע שפּיל־זאַכען אין די הענט. דאָס גערטעל איז פיר־עקיג, קליין און עס רייד־בען זיך מענש אָן מענש, איינער אינ'ם אַנדערען און עס פּלאָנטערען זיך גרויס מיט קליין און קליין מיט גרויס און עס פיהלט זיך די הערשאַפט פון קליינוואַרג אָהן מינדעסטען דרך־ארץ פאַר גרעסערס און עלטערס.

צווישען די אַלטע זיצער און באַזוכער פון דעם גערטעל איז געווען איינער אַן אַלטער און אין זיין גרויקייט און געבראָכענקייט איז געווען צו דערקענען אַז ער איז עלטער פון אַלע. האָריג און באַוואַקסען. באָרד און פּיאות האָבען ניט אויסגעזעהן ווי באָרד און פּיאות, נאָר ווי האָר... איין זשמוט האָר. ער האָט זיך געהאַלטען זייטיג און דאָך מיט קאָפּ און געהער אינגאַנצען צווישען זיי. ער איז ניט געווען טויב. ער האָט נאָר שוואַך געהערט און דערפאַר האָט ער זיך צוגעהערט צו אַלעס, וואָס מען האָט גערעדט אין רעדעל און ווי פאר אַ זייטיגען איז אַלעס וואָס דאָרטען איז גערעדט געוואָרען, געווען אינטערעסאַנט פאַר איהם.

אין זיין האַלטען זיך איז געווען צו דערקענען, אַז ער איז ווייט פון צו זיין גליקליך דאָרטען ערגעץ ביי זיינע קינדער, וואו ער איז, און אַז ער קריגט דאָרטען ווינציג כבוד אָפּ (בכלל איז אין יעדענ'ס האַלטונג געווען צו דערקענען ווער ס'האָט כבוד ביי די קינדער און ווער ניט, ווער מעהר און ווער ווינציגער. די יעניגע, וואָס האָבען געהאט כבוד ביי די קינדער, האָבען זיך בעסער געהאַלטען און זיך בעסער געפיהלט). דער אַלטער האָט געטראָגען אויף זיך אַזא מאָדנעם צוזאַמענשטעל פון מלבושים: דאָס רעקעל אויף איהם איז געווען צו דערקענען, אַז דאָס איז פון אַ קלענערען פון איהם אין וואוקס. עס איז געווען ענג אויף איהם און אין טאַליע. ער האָט אויסגעזעהן אין איהם ווי אַ בחור'ל... הויזען, ווידער, האָט ער שוין אויף זיך געטראָגען ברייטערע און לענגערע פון זיין מאָס. קענטיג, פון אַ פיל ברייטערען און העכערען פון איהם אויף די פיס — שיך געניטע פון לאַקיר און גרויען זאַמש, מיט קנעפּלאַך, וואָס האָבען זיך פאַרשפּילעט אין אַ זייט. אויפ'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַ הארטען קאַפּעליוש, וואָס איז איהם געלעגען איבער די אויערען און — אויף באָרד און פּיאות... ער האָט קיינמאָל פון זיינע קינדער ניט גערעדט און זיי ניט דערמאָנט און אויף אייניגע, וואָס האָבען גערעדט פון זייערע קינדער האָט ער געקוקט מיט קנאה און מיט אַ פאַרעלטערט גלאַנצעל אין די אויגען. ס'האָט איהם זעהר אָפּט גטראָפען, וואָס ער איז געקומען ניט אַליין. ער איז אַמאָל

געקומען צוגעהן און צופאָהרען מיט א וויגעלע און אין וויגעלע א געזונד בחור'עצל פון א יאָהר פיר. דער בחור'עץ איז שוין פון וויגעלע לאַנג אַרויסגעוואקסען. די פיס זיינע, רויטע און פליישיגע, האָט ער געהאַלטען אַריבערגעוואָרפען איבער'ן וויגעלע און אזוי אָפּט געהויבען זיי אין דער לופטען, געשפּילט זיך און פארגעניגען געהאַט פון פאָהרען. אַם מייסטען איז ער געלעגען מיט'ן פּנים אַראָפּ און זעהר אָפּט זיך אוועקגעשטעלט „ראַקאָם", פארשטעלט מיט'ן פּנים אַראָפּ און אזוי איז ער אַמאָל אריינגעפאָהרען אין גער־כעל און אַריינגעפאָהרען צווישען זיינע אידען מיט'ן אייניקעל.. עס האָט קיינער ביים אַלטען ניט געפרעגט ווער דאָס איז, פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז אַן אייניקעל און אַלע האָבען דאָס פיינד געהאַט, אַביסעל ווינציגער פיינד געהאַט ווי די אייגענע, וואָס זיינען זיי געווען ווייט און פרעמד, ווי אָט־דאָס פרעמדע.

— איהר פארשטעהט, וואָס ער רעדט צו אייך? — האָט איין איד אַמאָל א פרעג געטאָן ביים אַלטען.

און דער אַלטער האָט ווי א חכם געענטפערט:

— המאי נפקא מינא... נאָך וואָס... אַז א פערד פאַר־שטעהט ניט, טוט ער דען ניט דעם ווילען פון זיין שמייסער?

און זעהט אוים, אַז שוין גאָרניט פון גוטמוטיגקייט האָט איי־נער פון די אידען, וואָס האָט זיך שוין לאַנג געהאַלטען מיט א שווייסיגען שמעק טאַבאַק צווישען די פינגער, האָט ער מכבד גע־ווען אָט־דאָס מענשען־ביקעל אין נעזעל אריין און דערביי א זאָג געטאָן א פּסוק:

— ורוח אפּו בו...

דער חברה־מאַן האָט זיך צעניסט, צעוויינט און צערעוועט און דער זיידע איז אוועק מיט איהם און נאָך זיין אוועקגעהן האָט זיך פארבונדען א שמועס, קענטיג אונטער'ן איינדרוק פון דעם זיידען מיט'ן אייניקעל, מ'האָט זיך צערעדט וועגען עלטער און פון אידישקייט און וועגען בערד. דער איד מיט'ן הדרת־פּנים און מיט דער שעהנער באָרד האָט זיך צו'דרשנ'ט:

— אַ שטייגער זיך דערמאָנען, אַז ביז אונז איז געווען בערד און בערד... מיין טאַטע האָט געהאַט אַ באָרד, זיין טאַטע האָט געהאַט אַ באָרד (ווייזט אָן אויף איינעם), און אייער טאַטע האָט געהאַט אַ באָרד און אייער זיידע און זיין זיידע און מיין זיידע און מיין עלטער־זיידע און אַזוי ווייטער ארויף, ארויף, ארויף — אַלע אידען מיט בערד ביז העט, ביז אברהם אבינו און מיר האָבען נאָך בערד און מיט אונז וועט עס נעמען אַ סוף. מייז זוהן געהט שוין אָהן אַ באָרד, אייער זוהן געהט שוין אָהן אַ באָרד און אַזוי וועט שוין געהן ווייטער און ווייטער: דאָס איניקעל אָהן אַ באָרד, דאָס אור־איניקעל אָהן אַ באָרד, עד סוף כל הדורות... מיט אונז, איהר פאַרשטעהט, פאַרענדיגען זיך די בערד, אוים!

— ביז ס'וועט ווערען אוים אידען, — האָט איינער אַ זאָג געטאָן.

— פאַרוואָס? דוקא ניט אוים אידען — האָט זיך צו'חקרנ'ט דער הדרת פּנים איד — יאָ, אידען, דוקא אידען, פאַרוואָס עפּעס ניט קיין אידען... וואָס־זשע וועט זיין די רבותא? איך מיין פאַר־קעהרט, אַז אידען וועלען דוקא זיין שטענדיג, אייביג, אָבער אָהן בערד... אידען אָהן בערד...

— טאַקע עפּעס מאָדנע!...

אַלע שמעקען זיי דאָרט טאַבאַק, אפילו יענע, וואָס האָבען אַ־ דערהיים ניט געשמעקט, האָבען דאָ אָנגעהויבען צו שמעקען, ווי איינער פאַר'ן צווייטען וואָלט געוואָלט יוצא זיין און אָנצוהאַלטען דעם אל תפרוש מן הצבור. איינער פון זיי האַלט עס דאָרטען אָן די מצוה פון די שמעק־טאַבאַק צוטיילען אין אַ טאַבאַקערקעלע, וואָס ער האָט נאָך קענטיג פון דערהיים געבראַכט. ער האָט מסתמא אין דערהיים ביי זיך און אין בית־המדרש אָט־די מצוה צעהנדליגער יאָהרען אָנגעהאַלטען און ער קען זיך מיט איהר ניט צושיידען. אָפענערהייט טראָגט ער אָט־דאָס טאַבאַקערקעלע צו יעדען איינ־ציגען צו און יעדער איינציגער שטעקט אריין צוויי פינגער און דער איד איז עולה־לגדולה, זיינע שוואַרצע וויכע אויגען ווערען אידי־שער און פרימער, ווי ער וואָלט עפּעס אַ וויכטיגע זאַך מתקן גע־

ווען. א צווייטער איד טיילט אמאל אויס דעם עולם גוטע סיגאַ־רעטלאך און זאָגט בפירוש, אַז די סיגאַרעטען זיינען דעם זוהן זיי־נעמ'ס, אַז דער זוהן רויכערט עס אַזעלכע סיגאַרעטען און זאָגט בפירוש, אַז ער וויל זיינע אידען זאָלען וויסען וואָס פאַר אַ גוטע סיגאַרעטען דער זוהן זיינער רויכערט. ביים אויסטיילען נעמען אַלע. קיינער זאָגט זיך ניט אָפּ, אפילו יענע וואָס רויכערען ניט. אָבער נאָכדעם גיבען זיי איהם אָפּ צוריק און דער בעל־מנדב איז קענטיג צופרידען פון דער טיילווייזער חזרה און לעגט זיי זיך צו־ריק אַריין אין דער טאַבאַק־פּושקע, פון וואַנעט ער האָט זיי פריהער אַרויסגענומען.

פאַרביי לויפט די קאַר. אָט־די ביליגע, באַקוועמע באַקוועמ־ליכקייט פאַר גאַס און שטאָדט. די ציוויליזאַציע לויפט און שלעפּט מיט זיך הין און צוריק מענשען, וואָס ווערען אַליין פון זייער איי־גענער ציוויליזאַציע פאַרטומעלט און פאַרטויבט... זי לויפט, קלאַפּט און רעש'ט מיט באַוועגליכער גבורה פון שטאָל און אייזען. דאָס איז דער אייזערנער דופק פון דער דאָזיגער שטאָדט. וואָס באַוועגט זיך מיט אימפּעט, מיט בליצען און גרילצען און שלעפּט מיט זיך אַזוי פיל פרעמדע מענשען און אַזוי אָפּט, אַז מ'האָט שוי־אויפגעהערט צו באַמערקען, אַז די מענשען זיינען פרעמדע. דאָס גערטעל איז אַזוי קליין, אַז מ'רעדט און מ'זעהט אַלעס פון גאַס, פונקט ווי דאָרטען וואָלט ניט געווען קיין גערטעל, ווי מ'וואָלט גלאַט געזעסען אין דרויסען, אָהן בוימער... ניין, צומאָל הערט מען עס אפילו דייטליכער, ווייל זייטיג לאָזט זיך עפּעס שטאַרקער הערען און פיהלען דאָס רעש'דיגע לעבען פון גאַס, אָט־דאָס לויפען און דאָס אָפּשטעלען זיך פון די קארס אין מיטען לויפען, וואָס מ'הערט פון אַזוי ווייט פון איין זייט און פון אַ צווייטער, און דערביי, אַז מ'הערט עס נאָר, אַז מ'זעהט עס ניט, קומט עס אַזוי מאָדנע אויס אָט־דאָס לויפען מיט'ן שטעהן. זי שטעלט זיך אַזוי אָפּט אָפּ, אַז עס באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז זי שטעהט מעהר ווי זי געהט, איינמאָל געהט זי און צוויי מאָל שטעהט זי און ס'ווערט ניט פאַר־שטענדליך וואָס איז דער עיקר: דאָס שטעהן פון דער קאַר צי־

דאָס געהן איהרס; צו לויפט זי צוליב'ן שטעהן אָדער שטעהט זי צוליב'ן לויפען...

ווי צו זייטיגס, ווי ניט צו זייערס, הערען זיך אָט־די אידען צו צו דעם גאנצען טומעל... זיי האָבען אַן איינדרוק, אַז דאָס אלעס געהער צו דער יונגער וועלט, אַז אין דעם האָבען אַ חלק זייערע קינ־דער... זיי האָבען זיך יעדער איינציגער פאַר זיך זיין באַגריף וועגען דעם גאַנצען געווירמעל. דאָס לעבען, פיהלט איינער, איז דאָ אַזוי האַמעטנע, אַז... עפּעס לעבט מען האַסטיג און אין לעבען איז ניטאָ קיין רמז פון טויט. דאָרטען, פון יענער זייט, איז ער געבליבען, דאָרטען געלאָזט... אָפּגעריסען זיך מיט עלטער פון דאָרט און געקומען אַהער, געהט עס עפּעס ווי אויף צוריק... עפּעס אַזאַ מאָדנע אומבאַקאַנטע פרעמדע עלטער מיט אַ לעבען, וואָס איי־ניגע פון זיי האָבען, וואָס זיי האָבען קיינמאָל אין דער יוגענד ניט געחלומ'ט... אַ לעבען אָהן... אַ בית־עולם אפילו... דאָרטען גע־האַט גרויסע חלקים פון טאַטע־מאַמע, פון זיידעס און באָבעס און ווער עס האָט געהאַט אַ קינד דאָרטען ליגען פון גאָר דער יו־גענד, ווען דאָס קינד איז קינדווייז געשטאָרבען... אַ צוגעבונ־דענקייט, אַ לעבעדיגע צוגעבונדענקייט צו טויטע געשפּירט; דאָ פיהלט מען זיך אינגאַנצען עפּעס אָפּגעריסען ווי פאַר זיי וואָלט גאָרניט געווען, ווי זיי זיינען די ערשטע אַזעלכע אידען און... די לעצטע. דאָרטען איז דער בית־עולם געווען אַ היימישע זאַך, אַ פּאָר מאָל אין יאָהר איז מען געקומען צו זיי און מיט זיי זיך דורכ־געשמועסט און דאָ האָבען זיי קיינעם ניט... חלילה וחס, זיי ווי־לען ניט האָבען און קענען ניט האָבען. זיי זיינען דאָך עלטער... יאָ.... אָבער... עס פיהלט זיך עפּעס אַ לעהרקייט... ווען איינער פון זיי גיט אַמאָל אַ טראַכט וועגען דעם, דאַכט זיך איהם, אַז ווען ער וואָלט דעם בית־עולם געהאַט, מיט טאַטע־מאַמע, מיט די זיי־דעס און באָבעס, וואָלט דאָס לעבען פולער געווען.. זאַפטיגער... און ס'ווערט עפּעס זעהר אומעטיג אַמאָל אַ טראַכט געבענדיג, אַז מ'וועט דאָ ליגען אַליין... פאַר'יתומ'ט...

ס'איז אוועקגעגאנגען א וואָך און צוויי און דער אלטינקער מיט'ן ווינעלע און מיט'ן אייניקעל האָט זיך ניט געוויזען. ס'האָבען אייניגע פון זייערינע געטראכט וועגען איהם און געזוכט איהם מיט די אויגען... ער האָט מיט זיין אויפהערען צו קומען אלעמען פאַר־אינטערעסירט, אָבער געפרעגט האָט אויף איהם קיינער ניט... קיינער האָט מיט איהם קיין אינטערעס ניט געהאט ווען ער איז דאָרט יאָ געווען צווישען אלעמען. ניט ער האָט אינטערעסירט, נאָר אָט־דאָס ניט קומען זיינס, פאַרוואָס ער קומט ניט, און זיין ניט־קומען האָט שוין געהאט א טיפען שיכות מיט זיי... און אייי־נער און א צווייטער האָט איהם שוין אריינגענומען אין די געדאנ־קען אויף אייביג צו געדענקען איהם ווי א לעבעדיגע זאַך, וואָס געהט פאַרביי לעבעדיגע און ס'בלייבט אין זכרון, אז אזעלכעס האָט געלעבט און ס'לעבט שוין ניט מעהר און דאָס וואָס עס לעבט שוין ניט מעהר לאָזט איבער נאָך זיך צו געדענקען, אז ס'האָט אמאָל אזעלכעס געלעבט...

זיי האָבען געמיינט, אז ער איז געשטאָרבען. ניין, ער איז ניט געשטאָרבען. ער לעבט נאָך איצט אויך, אָבער ער שעמט זיך פאַר זייניגע צו ווייזען. ער האָט זיך נעבאך די באָרד אָפּגעשוירען.

— — — — — — — — — — —

# אַמעריקאַנער.

די דריטע וואָך אין לאַנד און האָב שוין אַ צווייטע דירה. מ׳האָט מיר פון יענער דירה, פון דער ערשטער, דעם וועג געגעבען, און אויך דאָ, אויף דער צווייטער דירה, ווער איך זעהר שלעכט באַהאַנדעלט. אָ, איך מיין ניט צו זאָגען שלעכט. אַז מ׳וויל, איז דאָס נאָך ערגער ווי שלעכט. מ׳באַהאַנדעלט מיך גאָרניט. מען רעכענט זיך מיט מיר ניט, מ׳האַלט מיך ניט פאַר קיין מענשען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיי אַליין ריידען נאָך מיט זייער ליטווישען אַקצענט.

מיין צימער איז געווען אָפּגעטיילט פון זייער בעד־רום מיט אַ טיר, וואָס איז געווען געשלאָסען פון זייער זייט. פאַרשטעהט זיך, און יעדער ווייסט עס און פאַרשטעהט עס, אַז דורך אַ טיר הערט מען אַלעס. זיי האָבען עס אויך געוואוסט, גלויב איך, און זיי האָבען זיך אַבסאָלוט ניט גערעכענט מיט מיר און האָבען איינס מיט דאָס אַנדערע געארבייט מעשים. כמעט יעדען פריהמאָרגען האָב איך מיך אויפגעכאַפּט פון פּעטש און געלעכטער... איין מאָל און אַ צווייטען מאָל... געטראַכט, אפשר מיינען זיי, אַז איך שלאָף, האָב איך איין מאָל און אַ צווייטען מאָל אַ הוסט געטאָן. ווייס איך וואָס, עס האָט ניט געהאָלפען. פאַרקערט, אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט זיך דאָס פּאַטשען און דאָס געלעכטער נאָך גע־שטאַרקט...

אַזוי גלייך ווי איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזעהן מיין מיסעס, האָב איך זיך פאַרטראַכט וועגען איהר. זי איז געווען זעהר אַ דיקע, און דיקקייט האָט אין זיך אַזאַ טבע, וואָס מאַכט פון יונג אַלט און פון אַלט יונג. געקוקט אויף איהר, האָב איך געטראַכט:

צי איז זי יונג און זעהט אויס אַלט צוליב איהר פעטקייט, אָדער פאַרקעהרט, זי איז אפשר אַלט און זעהט אויס אינגער פון איהרע יאָהרען, ווידער, פאַרשטעהט זיך, צוליב איהר דיקקייט. זי האָט געהאַט אַ פּיצעל קינד, און דאָס ערשטע מאָל ווען זי האָט פון איהר בוזים אַרויס אַ ברוסט אַרויסגעוואָרפען, האָב איך זיך דערשראָקען. מיר האָט זיך געדוכט, אַז צוויי קינדער האָבען זיך באַהעפט, און איינס האָט דאָס אַנדערע געכאַפּט זויגען.

זי איז כמעט גאַנצע טעג אין דרויסען געזעסען מיט'ן קינד און מיט'ן וועגעלע און אָהן אויפהער געשטריקט און אָהן אויפהער געכראָמשקעט טשאָקאָלאַד. אַז זי איז געזעסען, האָט מען ניט געזעהן אַז זי זיצט און ניט געזעהן אויף וואָס זי זיצט; אָט־דאָס, אויף וואָס זי איז געזעסען, איז אין גאַנצען פאַרדעקט און פאַרשלונגען געוואָרען פון איהר און פון איהר זיצען. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי האַלט זיך עפּעס אַזוי אין דער לופטען מיט די פיס צושפּרייט און צונויפגעגאָסען מיט'ן ברייטען פאַרנעם פון איהר קלייד. די גאַנצע פעדערשטקייט איז עפּעס געווען געבייכינגט. פונ'ם פּנים איז אַראָפּגעהאַנגען אַ בייכעל (דאָס פּנים אַליין האָט אויך אויסגעזעהן ווי אַ בויך), די בריסט איהרע האָבען אויסגעזעהן ווי אַ בויך און דער בויך ווידער איז שוין אודאי אַ בויך געווען און די פיס־הויבען, וואָס האָבען זיך אויסגעטיילט פון קלייד, האָבען אויך אויסגעזעהן ווי בייכער.

ס'האָט מיך זעהר געאיבעלט פון איהר, און געזעהן ווי ווייט מעגליך זי אויסצומיידען, איך זאָל זיך ניט אַרויסגעבען מיט מיין איבעל צו איהר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די לופט־אַטמאָספּערע נאָהענט אַרום איהר מוז זיין אַ שלעכטע, אַז עפּעס מוז זיך שפּירען פון איהר פעטען קערפּער... יאָ, איך האָב אפילו אויסגעמידען פון נאָהענט צו שטעהן אַרום איהר, און ווען מיר האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען ביי אַ טיר, וואו איינער האָט געדאַרפט אַרויסגעהן און אַ צווייטער אַריינגעהן, האָב איך זיך אינסטינקטיוו אָפּגעוואָרפען און געלאָזען פאַר איהר אַזאַ ברייט פּלאַץ, אַז ס'האָבען שוין געקאָנט ניט נאָר זי, נאָר צוויי אַזעלכע ווי זי דורכגעהן.

אָבער פאַרדראָסען האָט מיר מעהר פון אַלעם אויף איהר, וואָס זי האָט זיך גוט געפיהלט מיט איהר דיקקייט און פעטקייט. מעגליך, אַז דאָס איז אפשר דער מאַן שולדיג געווען... אויב דעם מאַן איז דאָס אנגענעם, האָט שוין אַזאַ ווייב דאָס רעכט צו שטאָלצירען מיט דעם אפילו אנטקעגען זייטיגע מענשען... יאָ, ניט אנדערש. אַנ־דערש וואָלט זיך אַזאַ ווייב זעהר שלעכט געמוזט פיהלען... יאָ, דאָס בעסטע באַווייז איז אָט די פריהמאָרגענדיגע פעטש...

ביידע צוזאַמען האָבען זיך גרויס געהאַלטען מיט זייער אַמע־ריקאַניזם און מיט זייער מאַן־און־ווייבקייט אנטקעגען מיין גריני־קייט און איינזאַמקייט. אין מיין געגענוואַרט האָבען זיי אַלע מאָל צווישען זיך ענגליש גערעדט, און ער איהר און זי איהם האָבען געוואָרפען שטיקער טשאָקאָלאַד אין די מיילער אריין. ער איז אויך געווען גאַנץ נישקשה׳דיג אויפ׳ן ביינדעל. פליישיג און בייכיג. קענטיג, אַז ער האָט זיך גוט געפיהלט, וואָס ער זעהט אַזוי אויס, און ביידע צוזאַמען — וואָס ביידע זעהען אַזוי אויס. דאָס האָט געמוזט דינען פאַר אַ באַווייז פאַר זייטיגע מענשען, אַז זיי זיינען „גוט־אָפּ".

פאַרנאַכט אַלע מאָל געקומען מיט׳ן רעקעל אויף דער האַנט, מיט׳ן בויך און מיט׳ן פּאַסעק אַרויס, וואָס האָט אָט דעם בויך ארומגעגאַרטעלט און צוטיילט דעם קערפּער זיינעם אויף העמד און הויזען... אָפּגעגעסען אַ פליישיגען סאַפּער, איז מאַן און ווייב אַרויס אין דרויסען, צוגעגאַנגען צו אַ צווייטע פּריוואַט הייזעל און זיך אַוועקגעשטעלט און זיך באַהעפּט מיט נאָך פּאָרלאַך, מיט מאַן און ווייב, וואָס זיינען דאָרטען געשטאַנען און גערוהט נאָכ׳ן טאָג, נאָך דער הייסער זון און נאָך אַרבייט. איך האָב געזעהן פאַר זיך עפּעס אַ מאָדנעם לעבען, אַ מין פּערדיש־מענשיש לעבען, סיי אין זייער אַרבייט האָב איך עס געזעהן, סיי אין זייער עסען און אויך אין רוהען נאָך דער אַרבייט. די מענשען האָבען געהאָרעוועט גאַנצע טעג און אין זייער רוהען נאָכ׳ן טאָג האָט זיך געשפּירט עפּעס אַ מין מעכאַנישע טעמפּקייט און צופרידענהייט, וואָס מ׳האָט אָפּ־געאַרבייט דעם טאָג און אָפּגעגעסען. פון אָוונט אויף אָוונט

האָב איך געזעהן, ווי מענשען קומען זיך צוזאַמען, שטעלען זיך צו־נויף לעבען פּריוואַט אייגענטום, יעדער לעבען זיינס אָדער ניט ווייט פון זיינס און פון אייגענס, מענשען באַווייבטע און באַמאַנטע, וואָס האָבען, קענטיג, ניט געהאַט קיין פאַרלאַנגען איינס מיט דאָס אַנדערע ערגעץ צו געהן און אויך ניט צו שטעהן און אויך ניט צו געהן שלאָפען. אָבער מאַן און ווייב צוזאַמען מיט אַנדערע מאַן און ווייב, איז מען אַלע אויסגעמישט און צוזאַמען געשטאַנען, און עס איז געווען אַן אינטערעס מיט... טאַקע מיט דער אייגענער ווייב און מיט'ן אייגענעם מאַן...

דאָס געזעהן און צוגעקוקט, האָב איך געטראַכט, אַז אַזוי איז דאָס מסתמא אַלע אָוועגט, אַלע זומער. אַט אַזוי קומט מען זיך צונויף און מ'פאַרברענגט... מ'רעדט ענגליש... שכנים און בעלי־בתים פון די הייזער צוזאַמען. לעבען פּריוואַט הייזער זיינען די בעלי־בתים מיט זייערע שכנים געשטאַנען. בעלי־בתים אַזוי פיל וויפיל שכנים און שכנים אַזוי פיל וויפיל בעלי־בתים. לעבען הייז־לאַך דריי און פיר גאָרענדיגע איז מען געשטאַנען און געזעסען אויף שטיינערנע טרעפּ און אַלטע ביינקלאַך. מענשען פעטע, לעבען הייזלאַך שמאָלע, אויסגעצויגענע, איינגעפּרעסט, צונויפגעמויערט, צונויפגעגאָסען איינס אין דאָס אַנדערע און עהנליך איינס אויף דאָס צווייטע מיט די הויכקייט. איין פאַסאַן, איין מאָס, איין ברייט; אַזוי עהנליך, אַז איך האָב קיינמאָל מיין הויז, וואו איך האָב געוואוינט, ניט דערקענט, נאָר אויפגעזוכט ביים נומער.

אַנטקעגען יעדען הייזעל — אַ בוים, און אַט די ביימער האָבען מיר דערמאָנט גאַסען־הינט, מיט איין חילוק נאָר, וואָס גאַסען־הינט לויפען אַרום און די ביימער שטעהען און דאַרען, צוגעבונדען צו די ערטער. און אין דעם פאַרהאַלטען זיך צו די ביימער פון די מענשען איז עפּעס אויך געווען אַזוי ווי מענשען פאַרהאַלטען זיך צו גאַסען־הינט: אַזוי ווי איינער אַ מענש קוקט זיך אַמאָל אום אויף אַ גאַסען־הונט און גיט איהם אַ וואַרף אַ שטיקעל ברויט, וואָס ער האָט פונקט צו דער האַנט, אַזוי האָט דאָ אַמאָל איינער, אַמאָל אַ צווייטער אַ פליוך געטאָן אויפ'ן בוים אַ ביסעל וואַסער פון אַ גלאָז,

וואָס איז געבליבען פון אַ טרונק... איך האָב געליטען פון דעם... מיר האָט זיך גערואכט, אַז דער בוים מוז זיך פיהלען באַליידיגט פון אַזאַ באהאנדלונג... יאָ, ס'איז, דאכט זיך, אַ קלייניגקייט, נאָר אין דעם אָרט באהאנדלען אַ בוים האָב איך ארויסגעזעהן אַזוי פיל גראָבקייט, אַזוי פיל טרוקענקייט און פרעמדקייט צו דער נאַטור.

געזעסען אין מיין גרינער איינזאַמקייט, האָב איך זיך צוגע־קוקט צו די מענשען. און וואָס מעהר איך האָב זיך צוגעקוקט צו זיי, אַלץ שטאַרקער האָב איך זיי געהאַסט. מענשען זיינען דאָ און דאָרטען געשטאַנען און געזעסען און מען האָט מעהר ניט געהערט ווי פון ביזנעס ריידען. ביזנעס אהער, ביזנעס אהין... איך האָב ניט באַמערקט, עס זאָל אימיצער פון זיי פיהלען דעם בין־השמשות, דעם איבערגאַנג פון טאָג צו נאַכט... פאַרגאַנגען די זון, האָט מען דאָ גלייך, נאָך איידער עס איז פינסטער געוואָרען, אָנגעצונדען די לאַמטערן אַזוי, אַז קיין פינסטערניש האָבען זיי קיינמאָל ניט גע־קאָנט זעהן, און ניט געקאָנט פיהלען אָט דעם צויבער פון די פינ־סטערע זומערדיגע נעכט און ניט די שטילקייט פון אַזעלכע נעכט.

איך האָב ניט אָפּגעלאָזט פון אויג און ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון מיין מיסעם און מיסטער. איך האָב געזעהן, און אפשר האָט זיך מיר נאָר געדאַכט, אַז זיי פיהלען זיך בעסער פון אַלעמען, און אַלע מאָל אַ טראַכט געבענדיג, אַז דאָס קאָן זיין נאָר דערפאַר, פאַרוואָס זי איז דאָ די דיקסטע פון אַלעמען, אָט דער געדאַנק אַליין האָט אינקוויזיטאָריש געפּאַסעוועט די נשמה מיינע. ווען איך וואָלט געווען געקאָנט מיט עלעקטרישע שטראָמען אריבער־וואַרפען צו איהר און איהר געבען צו פיהלען דאָס, וואָס איך פיהל צו איהר... יאָ, פונקט אַזוי ווי איינער, וואָס איז פאַרליבט און איז אומגליקליך מיט זיין ליבע, ווען ער מוז זי באַהאַלטען און דער־שטיקען אין זיך, אַזוי אומגליקליך האָב איך זיך געפיהלט מיט מיין עקעל צו דער פרוי, וואָס איך האָב ניט געקענט און ניט געהאַט קיין מאָראַלישע רעכט דאָס איהר ארויסצואווייזען... און וואָס... און אפשר יאָ? אפשר האָט זי דאָס יאָ דערשפּירט, ווי טיף זי האָט זיך עס געמוזט פיהלען באַליידיגט... אפשר איז די גאַנצע פּאַ־

טשערײַ איהרע אַן ערפינדונג, כדי מיר צו באַווייזען, ווי דער מאַן האָט זי ליב און ווידער אפשר כדי מיך אויפצורייצען... אזא פשוט און דירעקט מיטעל... און אפשר איז דאָס ביידענס אַן אונטער־נעמונג... א געפיהל אזעלכעס, וואָס איז דאָ ביי מענשען זיך ניט רעכענען און חוזק מאַכען פון אַן איינזאַמען מענשען, דערצו נאָך כוין א גרינעס, און אפשר נאָך איז דאָס ווייב־טאַקע אויף אַן אמת איהם געשמאַקער געוואָרען, פיהלענדיג, אַז פון יענער זייט טיר ליגט איינער נעבאַך אַליין אין א צימער און א בעט... אַך, דער טייוועל ווייסט זיי ! איך האָב זעהר פיל וועגען זיי געטראַכט און געיאָגט די געדאַנקען פון זיך, און ווי שווער ס'איז מיר אָנגעקומען ביז וואַנען איך האָב אָט דאָס צימער געקראָגען, האָב איך שוין גע־טראַכט, אַז איך וועל אויך פון דאַנען מוזען נעמען דעם וועג, אַז מ'באַדאַרף שוין באַצייטענס אָנהויבען זוכען א דריטע דירה פאַר אַזאַ קורצער צייט, וואָס איך בין דאָ אין לאַנד.

איינמאָל, אין א פריהמאָרגען נאָך פעטש, האָב איך אָנגעקלאַפט און אריינגעקומען צו מיין מיסעס און צו איהר געזאָגט:

— מיסעס, אפשר וואָלט איך ביי אייך געקאָנט שלאָפען אין פראָנט־רום ?

זי האָט מיך א ווײַלע אָנגעקוקט ווי א משוגע'נעם, און שפּע־טער האָט זי זיך צולאַכט. און וואָס הייסט געלאַכט... נאָר פעטע פרויען קאָנען אַזוי לאַכען. פונ'ם לאַכען האָט זיך באַוועגט און געהויבען אַרויף און אַראָפּ די גאַנצע פעדערשטקייט איהרע, דער בוזים און דער בויך, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי צוויי בייכער — א ברוסטינער בויך און א בייכיגער בויך... און איך האָב זיך גע־נומען פאַרענטפערען פאַר איהר, אַז איך מיין נאָר איבערשלאָפען די נאַכט... אַז אויף בייטאָג וועט טאַקע זיין מיין צימער... מיין רום דאָרטען טאַקע דאָס זעלבע... נאָר אויף איבערצושלאָפען.

איך ווייס ניט, צי זי האָט ניט געוואוסט, צי זי האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג, פאַרוואָס איך וויל אריבערגעהן אין אַן אנדער אָרט שלאָפען אַזוי צי אַזוי, האָט זי באַקומען א געלעגענ־

הייט, און אפשר אַ גאַנץ גערעכטע, מיר אריינצוזאָגען און אָפּצו־שפּאָטען פון מיר.

— אזוי, אין פארלאָר האָט זיך אייך פארגלוסט שלאָפען, דאָ שטעהט אייך ניט אָן?... אַ, איהר זייט שוין גאָרניט קיין גרינ־האָרן.

אינ׳ם מאָרגען־ראָק, איך ווייס ניט צי זי האָט עפּעס געטראָגען אונטער איהם, צי ניין, איך האָב געזעהן נאַקעטע שטיקער פיס פון איהם ארויסשטעקען, און זי האָט מיר אויסגעזעהן ווי אַ יאַטקע־קלאָץ, וואָס האָט זיך אָנגעגעסען מיט פלייש און איז אליין פלייש געוואָרען. איז ער דורכאויס פליישיג און הילצערדיג. ס׳איז מיר איינגעפאלען דער פארגלייך און האָב געטראַכט, אַז איך וואָלט געווען גליקליך, ווען איך וואָלט עס איהר געקאָנט זאָגען. דערווייל אָבער האָט זי געלאַכט פון מיר מיט איהר שמאַלציג געלעכטער, און איך, ניט קאָנענדיג איהר ערקלערען די אורזאַך פארוואָס איך וויל ערגעץ אנדערש שלאָפען, האָב ארומגעטראַכט, וואָס פאָרט איהר צו זאָגען, פארוואָס פאָרט וויל איך עס ניט שלאָפען אין מיין צימער...

— מיסעס מעליק! איך מוז אייך ערקלערען די אורזאַכע... כאָטש איך ווייס ניט, אמת, צי אין אַ צווייטען צימער וועט עס ניט פאָרקומען... איך ווייס זיכער, אַז אַזוי לאַנג ווי איך געפין זיך דאָ ביי אייך אין דעם צימער, חלומ׳ט זיך מיר, און אַלע מאָל אויף די פריהמאָרגענס, אַז ס׳קומט צו מיר אַ קצב מיט אַ שוחט, און דער קצב בלאָזט אָן אַ גרויסען לונג־און־לעבער, און דער שוחט טאַפּט און פאַטשט איהם און דער לונג־און־לעבער האַלט אין איין וואקסען פונ׳ם בלאָזען און ווערט אַלץ רויטער און רויטער פונ׳ם פאַטשען, און דער קצב, ווייזט זיך מיר אויס, לאַכט, לאַכט אריין אין דעם גאָרגעל אריין, וואָס ער האַלט אין מויל. און מיר דאַכט זיך, אַז דער גאָרגעל לאַכט, דער גאָרגעל פון דער בהמה. און איך כאַפּ זיך אויף מיט אַ גרויס דערשרעק.

זי האָט לכתחילה געלאַכט, און שפּעטער האָט זי זיך קענטיג געכאַפּט, אַז דער גאַנצער חלום איז אַ בלאָף, אַז דאָס איז אינ־גאַנצען צוגעטראַכט געוואָרען און צוגעפּאַסט צו איהר. איז דאָס

גאַנצע פּנים איהרס ווירקליך רויט געוואָרען ווי אַ לונג און די אויגען ווי צוויי קיילאַכדיג אויסגעשניטענע שטיקלאך לעבער, און אַ טאָפּע געטאָן מיט'ן פוס און אויסגעשטרעקט אַ האַנט און דערבײַ עפּעס אויסגעשריען אויף ענגליש, האָט זי מיר אָנגעוויזען צו דער טיר; און איך בין אַרויס און בין אַוועק שוין זוכען אַ דריטע דירה.

## נומער איינס, נומער צוויי און „נומער ערגער".

פון דאָרטען, פון יענער זייט ים, איז אהער, פון דער זייט ים, אָנגעקומען א בריף צו זיין שוועסטער און א בריף צו „איהר" שוועסטען, אז „זי" דאָרטען האָט חתונה געהאט פאַר „איהם", און אז ער האָט חתונה געהאט פאַר איהר, אז זיי ביידע, זיין שוועסטער און איהר שוועסטער, זיינען דאָ געוואָרען מחותנת'־טעס.

זיי, די צוויי מחותנת'טעס, האָבען שוין דאָ יאָהרען לאַנג גע־לעבט אין אמעריקע, די ביי צוויי צעהנדליג יאָהר, און די צוויי־טע אזוי פיל. אי די, אי יענע האָבען געוואוסט, אז אי די, אי יענע געפינט זיך דאָ, ניט געזעהן זיך קיינמאָל און זיך ניט גע־וואָלט זעהן, ווייל ניט זעהענדיג זיך, האָט מען פון ווייטען איינס פון דאָס אַנדערע געהערט. אז איינע איז א קבצנ'טע, האָט איינע געהערט, אז איינע איז א גבירה'טע, האָט א צווייטע גע־הערט. אז ס'איז דאָ אָנגעקומען א בריף צו דער און א בריף צו יענער, אז דער'ס ברודער און יענער'ס שוועסטער, וואָס זיי האָבען געלאָזט אין דער היים פיצלאַך קינדער, אז „זיי" האָבען דאָרטען חתונה געהאט און אז דאָ איז מען געוואָרען מחותנת'טעס האָט עס איין צד אודאי זעהר הנאה געטאָן, און דער צווייטער צד האָט פאַרדרעהט מיט'ן נאָז, כאָטש דאָרטען, אין דער אַלטער היים, איז זיין משפחה מעהר יחוס. דאָ אָבער האָט מען אין אַל־טען יחוס שוין לאַנג פאַרגעסען.

ווי ניט איז האָבען זיך דאָך ביידע צדדים צוזאַמען געטראָ־פען און מען האָט זיך אָפּגעגעבען מזל־טוב, די רייכע מחותנת'טע האָט געמאכט א „פּאַרע", צונויפגערופען איהרע רייכע באַקאַנטע

און די אָרימע מחותנים זיינען געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל, וואָס גאָר אומגעריכט האָט זיי גאָט צוגעשיקט אַזעלכע רייכע מחותנים און זיי האָבען גאַנץ פיין אריינגעגעסען און אריינגעטרונקען. דאָרטען זיינען געווען פיל לאַנדסלייט. (פארשטעהט זיך נאָר רייכע). מען האָט זיך דערקענט און זיך באַגריסט און איינע אַ ליידי איז דאָרטען אויך געווען, אַ לאַנדסמאַנשע, וואָס איז אַליין אין איהר אייגענער מאַשין געקומען צו פאָהרען, אַליין אָהן איהר מאַן און האָט אַליין אָנגעפיהרט די מאַשין.

עס זיינען אַוועקגעגאַנגען עטליכע חדשים. אין די עטליכע חדשים זיינען די אָרימע מחותנים ביי די רייכע געווען עטליכע מאָל און די רייכע ביי די אָרימע איין מאָל, און וואָלט עס אַזוי כסדר געגאַנגען, וואָלט אויך קיין בייז ניט געווען. דער אָרימער צד איז ניט אָרימער געוואָרען דערפון, וואָס דער רייכער צד איז צו איהם ניט געקומען, פאַר די אָרימע איז גענוג געווען, אַז זיי קענען מאַכען וויזיטען צו יענע און האָבען עס געהאַלטען פאַר גאַנץ נאַטירליך, אַז זיי ביי יענע דאַרפען אָפט זיין און יענע ביי זיי איינמאָל אין אַ שמיטה. איז וואָס־זשע טוט אָבער דער אַלמעכטיגער? נעמט ער און מאַכט אָנצורעדען דאָרטען דער יונגער ווייבעל דאָס יונגע האַרץ איהרס און זי הויבט אָן צו פעלשען אינ'ם יונגען מאַן אין איהרען און ס'הויבט אָן צו פליהען בריף אַהערצו פון דאָרטען, פון קרובים פוןביידע צדדים אַהערצו צו די מחותנת'טעס, אַז זי, דאָס יונגע ווייבעל דאָרטען, האָט זיך אָפגעזוכט איינעם אַ זייטיגען, אַ לינקען, מיט וועמען זי פיהרט זיך אויף זייטיג און לינק און דער זייטיגער און דער לינקער איז אַ ברודער פון יענער ליידי, וואָס איז געקומען אויף דער „פאַדע" אַליין אָהן איהר מאַן און אַליין אין איהר מאַשין, וואָס זי האָט אַליין אָנגעטריבען.

אָט־די ליידי איז גאָר געווען אַ גרויסער יחוס, זי האָט געוואוינט אין איהר אייגען „פרייוועט הויז" מיט אַן אייגענעם גאַראַדזש הינטער'ן הויז, מיט „לאָט" ביי די זייטען, וואו עס איז געוואַקסען גראָז, בוימעלאַך און בלומען... ביי יענער, ביי „איהר"

שוועסטער, איז געווען אַ כבוד וואָס זי האָט זיך גע'חבר'ט מיט דער וואָס האָט געהאַט אַן אייגען הויז, און אַן אייגענע מאַשין און באַהאַלטען אין זיך איז די גבירה'טע נומער צוויי געווען צו־פרידען, וואָס איהר שוועסטער האָט פאַרבונדען אַ ליבעס־בונד מיט'ן ברודער פון דער גבירה'טע נומער איינס. צי האָט דערפון אויך געוואוסט די לעצטע צי ניין, נומער צוויי איז גערן געווען, אַז נומער איינס זאָל יאָ דערפון וויסען.

און נומער „ערגער" האָט נעבאַך אָנגעהויבען אייפערזיכטיג צו זיין צו נומער איינס, אַז נומער ערגער איז געווען מיט אַ וויזיט ביי נומער צוויי און האָט דאָרט געטראָפען נומער איינס, האָט זיך איהר געדאכט, אַז נומער צוויי וויזט צו נומער איינס מעהר פריינדשאַפט ארויס. זי האָט, פאַרשטעהט זיך, ניט גע־וואוסט, צי נומער צוויי ווייסט דערפון אַז דאָס שוועסטערל איהרס פעלשט אינ'ם ברודער, נאָר פאַרשטאַנען, אַז מסתמא ווייסט זי דאָס יאָ, און אפשר ווייסט אויך דערפון נומער איינס?

זי האָט זיך זעהר און זעהר שלעכט אָנגעהויבען צו פיהלען, איהר האָט זיך צומאָל געדאכט, אַז ביידע: נומער איינס און נומער צוויי קוקען אויף איהר מיט חוזק ווי אויף אַן איבעריגער זאַך צווישען זיי ביידען, אַז... אַז די אמת'ע מחותנת'טעם זיינען זיי גאָר... ווייל וואָס איז זי דאָ אַז איהר ברודער איז גאָר אַ פלאָקען, ניט קיין מאַן, אַז ער ווערט געפיהרט אין באָד אריין פון יענער דאָרטען, פון שוועסטער, וואָס לעבט אַ גוטען טאָג מיט'ן ברודער פון נומער איינס.

און ווען „נומער ערגער" איז געווען ביי נומער צוויי און נומער איינס דאָרט ניט געטראָפען, האָט זי שוין אויסגערעדט אויף איהר וואָס אין דער קאָרט:

— מיר קענען דאָך דעם יחוס איהרען פון דער היים, דער טאַטע איהרער, דער מלמד איז אַלע זיינע יאָהרען געשטאָרבען פון הונגער און אַז ער איז קראַנק געוואָרען אויפ'ן הארצען און מען האָט איהם געהייסען טרינקען ציגענע מילך האָט ער געמוזט

פאַרזעצען אַ קישען און זיך געקויפּט אַ ציג, און דאָ איז די טאָכטער זיינע אַ גאַנצע לײדי!

איינמאָל אַזוי באַרעדט, אַ צווייטען מאָל אַנדערש און אַ דריטען מאָל טאַקע ווידער מיט דער זעלבער מעשה, מיט'ן מלמד און מיט דער ציג און איינמאָל אַזוי אַ זאַג געטאָן און געפרעגט:

— זי האָט, דאַכט זיך, עפּעס אַ ברודערל דאָרטען. ער האָט שוין חתונה געהאט?

און נומער צוויי האָט געענטפערט:

— וואָס באַדאַרף ער חתונה האָבען, וואָס? וואָס פעהלט איהם, אַז ער האָט ניט חתונה געהאט?...

דאָ איז דער נומער ערגער קלאָר געוואָרען, אַז נומער צוויי ווייסט אויך דערפון, פון דער גאַנצער געשיכטע וואָס דאָרטען קומט פאָר און האָט זיך זעהר דערשלאָגען דערפיהלט, און איז אוועק פון דאָרטען אַן אויפגערעגטע און קומענדיג אהיים, האָט זי באַזעצט דעם מאַן איהרען און ער האָט איהר אָנגעשריבען אַ בריף צו איהר משפּחה, אַז מען זאָל עפּעס טאָן, זיך אריינ־מישען און ניט דערלאָזען, אַז עס זאָל פאָרקומען דאָס, וואָס דאָרטען קומט פאָר, אַז מען זאָל זעהן „איהם" עפענען די אויגען און מען זאָל זיך אַ נעם טאָן צו „איהר", צום ווייבעל, וואָס פיהרט דעם ברודער איהרען ביי דער נאָז און מען זאָל זיך טאַקע אַ נעהם טאָן צו איהם, אויך צו איהר ליובאָווניק, נאָך וואָס ער טוט עס, אָט דאָס וואָס ער טוט, וואָס ער מאַכט אַ בייז לעבען צווישען דאָס יונגע פאָר־פאָלק.

אין עטליכע וואָכען אַרום איז איהר אָנגעקומען אַן ענט־פער אויפ'ן בריף, וואו די משפּחה פאַרענטפערט זיך פאַר איהר, אַז מען קען דאָרטען גאָר ניט מאַכען, דער מאַן איז פאַרליבט אין זיין ווייבעל, איז פאַרבלענדט און זעהט ניט אַז זי פיהרט איהם אין באָד אריין... מען האָט געפּרואווט מיט איהם רעדען, איהם עפענען די אויגען, אַז ער זאָל דערזעהן ווי זי פיהרט איהם אין באָד אריין, האָט ער זיך ניט געלאָזט רעדען און איז נאָך אין

בעם געוואָרען: „ס'א ליגען מען טראַכט אוים אויף איהר", — האָט ער זיך צושריען.

דאָס איז דוקא געפעלען געוואָרען דעם נומער ערגער. אפשר איז דאָס טאַקע א ליגען, אפשר טראַכט מען טאַקע אוים און אוועקגעהאַקט א צווייטען בריף:

„אפשר טראַכטען עס טאַקע אוים בייזע מיילער?"

און ביז עס איז אָנגעקומען אַן ענטפער אויף איהר צווייטען בריף, האָט זי א פּאָר מאָל דערוויייל באַזוכט איהר מיוחס'דיגע מחותנת'טע און געזאָגט איין מאָל און א צווייטען מאָל אומגע־פעהר אזוי און אנדערש:

— מיין ברודער איז גאָר פאַרליבט אין אייער שוועסטער און אייער שוועסטער אין מיין ברודער... מען שרייבט מיר בריף אז זיי לעבען ווי די טייבעלאך... און איהר באַקומט עפּעס בריף?

נומער צוויי האָט געענטפערט, אז יאָ, אז זי באַקומט אויך בריף... אז... יאָ... מען שרייבט איהר אויך, אז זיי האָבען דאַר־טען א גוט לעבען...

און איינמאָל און א צווייטען מאָל אוועק א צופרידענע און עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, אז דער מאַן פון נומער ערגער זאָל געהן צו מאַן פון נומער צוויי און זאָל בעטען א גמילת חסד... א גמילת חסד וואָס ווען יענער וואָלט געגעבען, וואָלט עס אויך געווען גוט פאַר יענעם, דער האָט געוואָלט אַריין אין א פיינערע ביזנעס אין אַזעלכע, וואָס יענעם זאָל אָנשטעהן דעם צו האָבען פאַר א מחותן. איז צו דער צייט אָבער אָנגעקומען א בריף, א צווייטער ענטפער אויף איהר צווייטען בריף, אז צום באַ־דויערען איז די מעשה אמת. אז עס איז שוין גאָר ניט אויסגע־טראַכט, אז מען האָט שוין אפילו דעם מאַן געעפענט די אויגען און ער זעהט שוין, אז דאָס וויבעלע זיינס פיהרט איהם אין באָד אריין, אָבער העלפען קען מען אַלץ דערצו גאָרניט. זי פיהרט איהם ווייטער ביי דער נאָז און ער לאָזט זיך פיהרען, ווייל ער איז נאָך אַלץ פאַרליבט אין איהר...

איבער דעם בריף האָבען זיך מאַן און ווייב נומער ערגער

צוקריגט: ער האָט אָנגעהויבען צו זידלען דעם שוואָגער, דער ווייב'ס ברודער, געזידעלט מיט „אָקס", מיט „פערד" און מיט „בהמה". פון אָנפאַנג האָט די ווייב, די שוועסטער פונ'ם אָקס, פון פערד און פון דער בהמה געשוויגען. שפּעטער האָט זי זיך אָנגעהויבען אָנצונעהמען פאַר „זיי" און אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, מאַן און ווייב האָבען זיך צוקריגט...

נומער ערגער האָט דערווייל אָנגעהויבען זעלטענער צו געהן צו נומער צוויי און נומער צוויי האָט ניט געבעטען מען זאָל קו־מען. אַ יאָהר און צוויי, און נומער ערגער האָט באַקומען אַן איינ־לאַדונג פון נומער צוויי צו קומען אינאיינעם אַ זונטאָג אויף אַ „פּאַרע", וואָס מען מאַכט דאָרט לכבוד דעם, וואָס די שוועסטער דאָרטען האָט אַ קינד געבוירען.

גוט, מען האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען, מען איז גע־גאַנגען. מען איז געקומען און ביידע צדדים האָבען זיך אָפּגע־געבען:

— מזל־טוב!

ביי נומער צוויי איז עס דאָך זיכער אַ יום־טוב געווען. נו־מער צוויי האָט אפילו אַליין אויכעט איבערגעטראַכט, אריינגע־טראַכט אין דער מעגליכקייט, אַז דאָס קינד איז ניט פונ'ם גע־זעצליכען מאַן, נאָר פאַר איהר איז דאָס געווען אַלץ איינס. „איהר" קינד איז עס דאָך זיכער... ניט באַקוועם האָט זיך דאָ ווידער געפיהלט נומער דריי, נעבאַך, „זיין" צד... מעגליך, אַז זיי טאַנצען דאָ אויף אַ פרעמדער חתונה...

אַזוי איז דאָס שוין מקדמונים אָנגענומען אָנצונעמען, אַז וויבאַלד איינע אַ ווייבעל האָט אַ חוץ'ן מאַן נאָך איינעם, מוז שוין דאָס קינד זיין דוקא פונ'ם „נאָך איינעם" און ניט פונ'ם געזעצליכען מאַן... קיין אינפאָרמאַציעס פון דאָרטען, פון יענער זייט, איז נאָך וועגען דעם ניט אָנגעקומען. עס הייסט, נומער דריי האָט גאָר אינגאַנצען ניט געוואוסט וועגען דעם, עס האָט איהר קיינער ניט מודיע געווען, אַז איהר ברודער איז געוואָרען אַ טאַטע און דאָס אַליין האָט שוין דער שוועסטער ניט געשמעקט...

אויף דער „פאַדע" איז אויך געקומען צו פאָהרען, און ווייטער אליין, אָהן דעם מאַן, אליין מיט דער מאַשין, וואָס זי האָט אליין אָנגעטריבען, יחוס נומער איינס און אָנגעטאָסקעט ביי א האַלב טוץ באַקסעס מיט קענדי. זי האָט אָפּגעגעבען יעדע צדרים א מזל־טוב און געשטעקט יעדע הענד איהרע, די לינקע און די רעכטע, אויף לינקס און אויף רעכטס, און אין דעם נאָר אליין איז געווען צו זעהן דאָס גוטפיהלען איהרס. נומער ערגער וואָלט קיינמאָל ניט איינגעפאַלען, אז מען מעג גאָר אַזעלכעס טאָן. געבען די לינקע און די רעכטע האַנד איינצייטיג.

אויפ'ן טיש איז שוין געשטאַנען פון כל־טוב, פאַרשידענע פרוכטען, פאַרשידענע קענדים און פאַרשידענע קייקס, געקינצעלטע און גע'מלאכה'טע, גרויסע און קליינע, גרעסערע און קלענערע און באַגאָסען זיינען די קייקס געווען מיט אַזא באַגיסעכץ, וואָס האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי צולאָזטער שניי, וואָס איז צוריק פאַרפרוירען געוואָרען... אלץ וואָס איז אויפ'ן טיש געשטאַנען איז געווען פון דאָס בעסטע און דאָס זיסטע, אַז ליפּען און פינגער האָבען זיך געקלעפּט פון זיסקייט. מען האָט געגעסען און מען האָט געטרונקען, און הנאה געהאַט פון די אלע גוטע זיסע זאַכען האָט מעהר פון אלע איבעריגע איינגעלאַדענע געסט, — פאַרשטעהט זיך, נומער ערגער. זי מיט איהר מאַן. א שאָד נאָר וואָס זיי האָבען ניט געקענט עסען אַזוי פיל, וויפיל זיי האָט זיך געגלוסט און געגעסען נאָר אַזוי פיל וויפיל אַנדערע האָבען געגעסען, ס'הייסט, ניט מעהר ווי דאָס האָט זיך געגלוסט אַנדערע... דערצו נאָך האָט צוגעשפּילט א וויקטראָלאַ, אָנגעהויבען פון די אַמעריקאַנער קדחת־טענץ און פאַרענדיגט מיט כל־נדרי און נאָך פאַרשיידענע חזנ'ישע שטיק פון פאַרשידענע חזנים פון גאָר דער וועלט און אפילו אַריינגעהאַקט אין דער גרויסער שמחה אַן „אל מלא רחמים".

דער טיש איז געווען באַזעצט מיט גאַלע יחוס. מ'האָט עס גלייך געקענט דערקענען ניט קענענדיג זיי אפילו. מענער מיט קורצע העלזער און היבשע בייכער און פליישיגע און שמאַלציגע לידים, אָנגעשלאָגען אויף די פּוקע פינגער ווי באַרילכענטלאַך,

גאָלדענע רייפלאַך און דיימאַנדס. ס'איז אויך געווען אַביסעל יונגוואַרג, עכטע אַמעריקאַנער „באָיס“ און „גוירלס“, וואָס האָבען זיך אויפגעפיהרט אויפ'ן עכטען אַמעריקאַנער אופן. געשריען און געליאַרעמט און קיין אַכטונג ניט געלעגט אויף עלטערע פון זיך. זיי האָבען גערעדט זייער „אייגענע“ שפּראַך, פאַרשטאַנען נאָר דאָס, וואָס זיי האָט זיך געלוינט צו פאַרשטעהן...

יאָ, ס'וואָלט אָלעס גוט געווען ווען נומער ערגער וואָלט זיך געקענט גוט פיהלען... נאָר זיי האָבען דאָס אָבער ניט געקענט, ניט דערפאַר וואָס זיי זיינען דאָרטען געווען די אָרימע, דאָס וואָלט געווען צו דערליידען, נאָר דער געדאַנק טאָמער איז דאָס קינד גאָרניט פון „איהם“, און אפשר ווייסט שוין דערפון נימער צוויי און נומער איינס, און מ'מאַכט אין זיך חוזק פון זיי...

מאַן און ווייב נומער ערגער האָבען ניט אָפּגעטראָטען איינס פון דאָס אַנדערע אויף אַ מינוט פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ביידע האָבען דאָרט פאַרבראַכט... דער געדאַנק האָט זיי אַזוי געמאַכט שלעכט זיך צו פיהלען, אַז זיי האָבען געמוזט זיצען איינס לעבען דאָס אַנדערע, אַנדערש וואָלטען זיי זיך נאָך ערגער און איינזאַמער געפיהלט... אין איהם, אין דעם מאַן נומער ערגער, האָט געברענט אַ העליש פייער אויפ'ן שוואָגער אויף זיינעם, וואָס ער האָט אַזעלכעס געקענט דערלאָזען, אַז זיי דאָ זאָלען האָבען חרפּות־בושות פון איהם, אַז זיי זאָלען גאָר דאַרפען טראַכטען אַזעלכעס, ווי דאָס, וואָס זיי טראַכטען איבער און איבער וואָס ביידע פיהלען זיך אַזוי שלעכט...

און זיי זיינען אַוועק פון דער שמחה פריהער פאַר אָלעמען... צווישען אָלע וואָס זיי האָבען דאָרטען נאָך זיך געלאָזט איז אויך געבליבען נומער איינס. מעגליך די אמת'ע בעל־שמחה'ניצע... אַרויסגעגאַנגען פון שטוב האָבען זיי, צווישען די עטליכע מאַשינעס וואָס זיינען געשטאַנען אין דרויסען ביים „סיידוואָק“, געזוכט מיט'ן אויג און אָפּגעזוכט „איהר“ מאַשין. זי איז געשטאַנען צווישען די איבעריגע מאַשינעס פאַרגליווערט אין איהר שטעהן און געגלאַנצט מיט'ן שוואַרצען לאַקיר און מיט'ן גלאַנץ

פון שפיגעל־גלאָז, וואָס האָט דערצעהלט פון א רייך, יום־טוב'דיג, זאָרגלאָז לעבען, און פון א פּארשייטער פרוי, וואָס לאָזט זיך וואוילגעהן און פיהרט אליין די מאשין...

— זי מוז זיין אינ'ם ברודערל געראָטען, — האָט דאָס ווייב געזאָגט צום מאַן, — קיינמאָל קומט זי ניט מיט'ן מאַן, נאָר אליין. מסתמא האָט זי אימיצען...

און האָבען זיך אוועקגעלאָזט צופוס צו דער טריין, וואָס איז געלאָפען עטליכע בלאָק ווייטער פון אָרט, וואו זיי האָבען פאַר־בראַכט און קיינמאָל איז זיי נאָך אזא קורץ שטיקעל וועג ניט געווען אזוי איבעריג און שווער צו געהן, ווי דאָס מאָל, און דאָס איז געווען דערפאר, וואָס זיי האָבען געלאָזט הינטער זיך אָט־די עטליכע מאשינעס, וואָס האָבען געבראַכט די מענשען אהינצו אין יענער שטוב אריין, וואו אלע צוזאַמען האָבען פארבראַכט. און צוגעקומען צו דער אייזערנער בריק, וואָס האָט זיך אריינגע־פלאָכטען אין גאַס אריין און זיך אוועקגעצויגען מיט דער גאַס, סקאַלעטיש אָנווארפענדיג פינסטערניש און אומעט הינטער זיך און אויף די פענסטער פון די הייזער ביי די זייטען, איז דעם פּאָר פאָלק אויכעט אַן אומעט באַפאַלען און זיי האָבען מיט א שווע־רען און באַלעסטיגטען געמיט זיך געלאָזט ארויסגעהן אויף די אייזערנע טרעפּ און ארויף פון אויבען. און גלייך איז אָנגעקומען א טריין פון וואנעט עס האָט זיך געגעבען א שיט ארויס א געדיכטע מענשען־מאַסע און ס'האָט זיך געגעבען אַ גאַס אריין דאַכט זיך דיזעלבע צוריק...

ס'איז געווען ענג אין טריין. מאַן און ווייב זיינען געשטאַ־נען און געהאַנגען אויף די לאַנגע לעדערנע אויערען. פון צייט צו צייט איז איינס אריינגעשטויסען געוואָרען אינ'ם צווייטען, ניט ווילענדיג זיך געמאכט און געשוויגען. דער מאַן האָט גע־ברענט, איז געווען אש להבה אויף דער ווייב און אויף דעם שוואָ־גער זיינעם דאָרטען און אָפּגעפאָהרען עטליכע סטאַנציעס אין שטויסעניש און אין שווייגעניש האָט ער אריינגעזאָגט אין איהר, אין דער ווייב, מיט ביטערניש און מיט גאַל:

— וואָס איז ער טאַקע דער ברודער דיינער דאָרטען ? ער איז טאַקע אַזאַ גרויסער אייזעל, וואָס ער לאָזט זיך פיהרען ביי די אויערען ?

ער האָט געוואָלט אויסשפייען אויף „זיין" קאָפּ, נאָר אַזוי ווי ס'איז געווען אַ געדיכטע ענגשאַפט, האָט ער ניט אויסגע־שפּיגען, נאָר געמאַכט אַ טרוקענעם :

— טפוי !...

# זי נעמט זיך דאָס לעבען.

צווישען מענשען, צווישען אייגענע, איז געזעסען א מענש אַן אייגענער, וועמען אַלע האָבען געקענט און געוואוסט, אַז ער גלייבט אויסצוטראַכטען מעשיות און דערצעהלען. ער, הייסט עס, האָט עס דערצעהלט פאַר אמת'ע מעשיות, אָנגעגעבען, אַז יעדע געשיכטע וואָס ער דערצעהלט איז אמת, און געשילדערט מיט אַזעלכע וואָהר־האַפטיגע בילדער, ווי דאָס וואָס ער דערצעהלט, וואָלט ווירקליך פאָרגעקומען. און דאָס מאָל... מ'האָט געזעהן, אַז עפּעס זיצט ער זעהר אומעטיג און פאַרטראַכט, וואָס דאָס, זינט מ'קען איהם, האָט נאָך מיט איהם אַזעלכעס ניט פּאַסירט. א יונגע דאַמע, וואָס האָט אין זיך געגלויבט, אַז זי געפעלט איהם, איז צוגעגאַנגען צו איהם מיט איהר זיכערקייט פון געפעלעניש, און האָט איהם אַרויפגעלעגט איהר דאַמען־הענטעל אויף זיין אַקסעל און געפרעגט, פאַרוואָס ער זיצט אַזוי פאַרטראַכט, און געזאָגט און געבעטען, ער זאָל עפּעס דערצעהלען. דער פאַרטראַכטער יונגערמאַן, ווי ער וואָלט נאָר געוואַרט אויף דעם, האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי אַן אָפּגעבריהטער:

— אוים! שוין!

מעהר דערצעהלט ער ניט. ער האָט עס שוין אויפגעגעבען. עס האָבען זיך אַלע פאַראינטערעסירט: וואָס אַזעלכעס איז געשעהן? און די זעלבע יונגע דאַמע, וואָס איז אין זיך שטאַרק זיכער געווען, אַז זי געפעלט איהם (הגם ער האָט איהר אַזעלכעס קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזען), איז צוגעשטאַנען צו איהם: ער מוז דערצעהלען, וואָס מיט איהם האָט געטראָפען. און דער יונגערמאַן האָט זיך אויפגעהויבען און שטורעמדיג אויסגערופען:

— ניין, איך קאָן ניט !... ער כאַן... אוים !...

איז מען נאָך מעהר פּאַראינטערעסירט געוואָרען, און אַלע האָבען איהם ארומגערינגעלט און געבעטען ער זאָל דערצעהלען, וואָס מיט איהם האָט אַזעלכעס געטראָפען, וואָס ער איז אַזוי צורודערט און צוליב וואָס אַזעלכעס ער האָט זיך זיין וואָרט געגעבען מעהר קיין מעשיות ניט צו דערצעהלען. אָבער דאָ האָט גאָר אַ ניי אומגליק די אַנוועזענדע דאַמען געטראָפען, ער האָט געזאָגט אַז אַפילו ווען ער וואָלט שוין ביי זיך באַשלאָסען דאָס צו דערצעהלען קען ער עס ניט אין דער געגענוואַרט פון דער דאַמען־געזעלשאַפט.

און דאָ איז געוואָרען אַן אמת'ע מלחמה : יעדער מאַן האָט גענומען און אָנגעהויבען ארויסצושטויסען זיין פרוי אין צווייטען צימער, און די יונגע דאַמע נעבאַך, וואָס האָט געמיינט, אַז אין איהר זכות געהט ער נעמען דערצעהלען וואָס ער וואָלט אָהן איהר און אָהן איהר זכות אויף קיין פאַל ניט דערצעהלט, אָט־די, נעבאַך, איז מיט אַלע איבעריגע פרויען ארויסגעשטויסען געוואָרען און אַזוי ווי איהר מאַן איז דאָ ניט געווען, האָט אויף זיך אָט־די מיסיע אַ פרעמדער מאַן גענומען, אַ פרעמדער, וואָס האָט דאָ ניט געהאַט זיין ווייב. מ'האָט זיי, אַלע ווייבער, ארויסגעשטויסען אין צווייטען צימער, אָבער אַלע מאַנסלייט האָבען געוואוסט אַז זיי שטעהען הינטער דער טיר און הערען זיך איין, אָבער אַלע האָבען זיך ניט־וויסענדיג געמאַכט, ווייל איין מאַן פאַר'ן צווייטען האָט זיך געשעמט ארויסצואווייזען, אַז ער וויים, אַז זיין ווייב הערט זיך אונטער, און דער דערצעהלער האָט עס אויך געוואוסט און זיך ניט וויסענדיג געמאַכט, און אָנגעהויבען האָט ער אַזוי :

איך וויל זיך פאַר אייך אויסריידען און מתודה זיין און איהר זאָלט... כאָטש אייגענטליך וואָס... די זאַך איז דאָך שוין אַ פאַרפאַלענע...

ער האָט איבערגעריסען אַ ווייַלע. זיך טיף און ערנסט אריינגעטראַכט, און ווידער אָנגעהויבען :

— די מעשה הייבט זיך אָן פון פאַר־אַ־יאָהרען. איך האָב

מיך אריינגעצווינגען און פארנומען א צימער ביי א פּאָר פאָלק, פארהעלטניסמעסיג גאָר יונגע. ביידע האָבען געדארפט זיין אין די דרייסיגער. צוויי קינדער האָבען זיי געהאט. נאָך דעם ערש־טען טאָג, ווי נאָר איך האָב מיך אריינגעצווינגען אהינצו, האָב איך באמערקט, אז דאָס פאָר פאָלק לעבען גאָר ניט צווישען זיך שלום ושלוה, און פון טאָג צו טאָג האָב איך עס אַלץ מעהר ארויס־געזעהן. דאָס פּאָר פאָלק האָט זיך, קענטיג, אויפגעהערט צו שע־מען פאר'ן פרעמדען מענשען און אין אַלע צייטען פון מעת לעת, ווען ביידע צוזאמען זיינען אין שטוב געווען, האָט מען איינס דאָס אנדערע געגעסען און זיך געשאָלטען. איך, אלס זייטיגער, האָב עס ניט געקענט באגרייפען. ביידע גאַנץ נישקשה'דיגע, איך מיין, הייסט עס, פיזיש ניט אפשטויסענד, געוועהנליכע מענ־שען, אָהן באזונדערע מעלות און חסרונות. זי איז אפילו געווען א גאַנץ סימפּאַטיש ווייבעל, א ריהרעווודיגע, א לעבעדיג ווענגעל, א שעהן מויל און אויגען מיט א גלאַנץ. זי איז ניט געווען קיין יפת תואר, נאָר באמת אזעלכע, וואס א ניט־חתונה געהאַטער וואָלט זיך געשעצט גליקליך... איהר פארשטעהט דאָך וואָס איך מיין... איך האָב אָנגעהויבען נאָכצופילעווען אָט די ווייבעל, און איך האָב געטראכט, אז דאָ וועל איך קיין פיל ענערגיע נישט דארפען צולייגען. אין אזא פאַל, ווען ווייב קריגט זיך טאָג און נאכט ארום מיט איהר מאַן און ווערט געזידעלט און געשימפּט פון איהם, אין אזא פאַל דאַרף עס שווער ניט אָנקומען אפילו מיט דער אָרענטליכסטער: אָדער אויס צו להכעיס דעם מאַן, אָדער פּשוט ווייל אזעלכע בענקט נאָך א גוט, צערטליך וואָרט, און וועלענדיג פון ערשטען מאָל צוציהען איהר אויפמערקזאמ־קייט צו מיר, האָב איך איהר גליך ביי א צווייטען צי ביי א דריי־טען אזוי פריינדליך באקאנטען געשפרעך, דערצעהלט איהר א בבא־מעשה, אז איך האָב שוין געהאט דריי ווייבער און אז אַלע דריי ווייבער זיינען ביי מיר פון די ערשטע קימפעטען געשטאָר־בען. דאָס ווייבעל האָט זיך שטאַרק פאראינטערעסירט מיט דער געשיכטע און געפרעגט ביי מיר די סבה דערפון, האָב איך איהר

געענטפערט, אַז די סבה בין איך, אַז דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען פון דאָקטוירים. אַלע דריי קינדער זיינען אויף דער וועלט געגאַנגען מיט גרויסע קעפּ, אויסערגעוועהנליך גרויסע. און, פאַרשטענדליך, אַז ווען עס טרעפט מיט דריי, נעבאך, ווייבלאך, איינס נאָך דאָס אַנדערע, איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז שולדיג אין די גרויסע קעפּ בין איך. אַ דאַנק דעם, האָב איך איהר דער־צעהלט, האָב איך מיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעזאָגט פון חתונה האָבען מיט אַ יונגער פרוי, סיידען מיט אַ תנאי פריהער אויף ניט צו האָבען קיין קינדער. און וועלכע פרוי וועט עס איינגעהן אויף אַזאַ מין תנאי? און חתונה האָבען מיט אַן אַל־טער אידענע וויל איך ניט!

זי האָט מיך זעהר באַדויערט, און איך, אַריין אין מיין ראָ־לע, און וועלענדיג זי זאָל מיך נאָך שטאַרקער באַדויערען, האָב איהר דערצעהלט אַז ס'איז גאַנץ מעגליך אַז איך וועל חתונה האָבען מיט מיין שוויגער, מיט דער שוויגער פון דער לעצטער ווייב מיינער, וועלכע איך האָב זעהר און זעהר געליבט, און אַזוי ווי די שוויגער איז ערשט ניט לאַנג, ניט פאַר איהר גע־דאכט, אַן אלמנה געבליבען, און אַזוי ווי די שוויגער איז אין גאַנצען צוויי טראָפּען ווי די פאַרשטאָרבענע טאָכטער, און אַזוי ווי די שוויגער איז נאָך גאָר ניט קיין אַלטע אידענע, און, ווי־דער, אַזעלכע וואָס וועט שוין זיכער ניט קינדלען, איז בכן איז מעגליך, אַז איך וועל אפשר געהן חתונה האָבען מיט דער שוויגער. גער.

דאָס האָט, פאַרשטעהט זיך, געמוזט ביי איהר אַרויסרופען אַ שמייכעל. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט, האָב איך געזעהן, מיט אַלע מעגליכקייטען ניט צו באַווייזען זיך פאַר מיר מיט איהר שמייכעל, ווייל איך האָב מיך שוין זעהר ערנסט געהאַלטען, ערנסט און טרויעריג פון מיין וויסטען גורל, וואָס אַזאַ יונגער מאַן ווי איך האָב שוין באַגראָבען דריי ווייבער און קלייב זיך איצט חתונה צו האָבען מיט דער שוויגער, מיט דער מוטער פון איינע פון מיינע דריי ווייבער.

עס זיינען אוועקגעגאַנגען נאָך דער מעשה, וואָס איך האָב איהר דערצעהלט, א פּאָר וואָכען, און איך האָב גאָר אין גאַנצען פאַרגעסען, אז איך האָב איהר ווען עס איז אזא מעשה דער־צעהלט. דאָס ווייבעל איז מיט מיר היימיש געוואָרען און זיך באקלאָגט אויף איהר פינסטער לעבען, וואס זי האָט מיט איהר מאַן. זי האָט שוין אפּען פאַר מיר גערעדט, ווי פאַר אַן איי־גענעם מענשען, אויסגעגאָסען פאַר מיר דאָס גאַנצע הארץ איהר'ס און, דער עיקר, האָט זי געזאָגט, איז איהר ביטער און פינסטער, וואס זי זעהט דערצו קיין ענדע ניט. זי זעהט איין, אז דאָס פינסטערע לעבען וועט זיך אזוי לאַנג ציהען ביז, הייסט עס, אזוי לאנג ווי זי וועט לעבען און ער וועט לעבען, אזוי לאַנג, הייסט עס, ווי ביידע וועלען זיין מאַן און ווייב. איז וואס־זשע איז, גט'ן זיך? ווי־זשע גט מען זיך עס? וואס וועט זיין מיט די קינדער? ביי זיך וועט זי זיי ניט קענען האלטען, ווייל זי איז אין גאנצען הילפלאָז. זי האָט אויף איהר לעבען, ווי אלע נייניציג פּראָצענט פרויען, גאָר ניט געטאָן און גאָר ניט פאַרדינט. איז דאָך פון דעם אָפּגערעדט, און ווידער איהם לאָזען די קינדער, קען זי ווידער ניט... איז וואָס איז, סיידען נאָר זיך פאַר־סם'ן. האָט זי דערצו קיין מוט ניט... זי וועט אזעלכעס קיינ־מאָל ניט קענען טאָן און זי וועט עס ניט טאָן...

און אָט אין איינעם א פריהמאָרגען האָט מיך פון שלאָף אויפגעריסען עפּעס א קלאַפּעריי און א טראַסקעריי: געהערט פון קיך ווי עס קלאַפּט און טראסקעט, ווי מען וואַרפט כלים מיט גלאָז, מיט געשרייען און געוואלדען אויסגעמישט מיט ברעכען און קלאנג פון צובראָכענע כלים און גלאָז, און אזוי גלייך ווי דאס האָט אויפגעהערט האָט זיך די טיר פון מיין צימער געעפענט און צו מיר אין צימער (איך בין נאָך אין בעט געלעגען) איז מיין באלעבאָסטע אריינגעפאלען, אין גאנצען ווי איין שטיק נערוו, מיט צופלאָסענע האָר, צושויבערט און כמעט ווי ווילד. פון ערשטען מאָמענט האָב איך געמיינט, אז זי ווייסט אפשר ניט וואס מיט איהר קומט פאָר, אז זי ווייסט אפשר ניט וואוהין

זי איז דאָ אַריינגעפאַלען. ס'האָט מיט איהר און אין איהר גע־וואָרפען, איך האָב געפיהלט ווי דאָס האַרץ שפּרינגט ביי איהר. איך האָב געוואָלט פון איהר זיך אַרויסרייסען און אַנטלויפען. זי האָט זיך מיטביידע הענט איינגעקאַרטשעט אין מיר און מיך איינגעהאַלטען, געשלעפּט צו זיך און געשריען אַז זי וויל מאַכען אַ סוף מיט זיך, אַז זי וויל שטאַרבען... איך האָב געמיינט, אַז זי איז געריהרט פון די געדאַנקען, אַנדערש וואָס בין איך דאָ? וואָס האָט עס מיט מיר צו טאָן, דאָס וואָס זי וויל שטאַרבען? וואָס בין איך דאָ, און וואָס קען איך איהר העלפען דערצו?... אָבער זי, זי האַלט מיך, זי שלעפּט מיך און ציהט מיך אַלץ צו זיך, און וואָס שטאַרקער און פעסטער זי ציהט מיך און שלעפּט מיך צו זיך, אַלץ קאָנוואולסיווער ווערט זי און אַלץ שטאַרקער שרייט זי:

— אַ סוף! ס'איז געקומען אַ סוף צו מיין לעבען!

דאָס האַלטען זיך איהר'ס און די גאַנצע האַנדלונג איז גע־ווען אַזוי אויסערגעוועהנליך... הערט, מיינע פריינד, כאָטש איהר זייט מאַנסלייט, נאָר אפילו פאַר אייך שעם איך זיך אַרויסצו־געבען אפילו אַ הונדערט־חלק... איהר פאַרשטעהט, ס'איז דער־גאַנגען דערצו, אַז איך האָב אָנגעהויבען צו פּראָטעסטירען... איך האָב פּראָטעסטירט און זי האָט היסטעריש געשריען:

— אַ סוף! ס'איז געקומען אַ סוף צו מיין לעבען!

דער יונגער מאַן האָט געמאַכט אַ לאַנגע הפסקה און דאַן פאָרטגעזעצט:

— איך וואָלט מיט אייך מיטגעלאַכט, מיינע פריינד, ווען אָט דער שפּאַס וואָלט זיך אַזוי טרויעריג ניט געענדיגט, ווייל איהר ווייסט נאָך דעם סוף ניט, דערפאַר קענט איהר לאַכען... פאַרשטעהט זיך, אַז זי האָט מיך באַזיגט, און איך בין ווייטער דאָרטען אין שטוב געבליבען. און באַמערקט האָב איך, אַז אויף דער דאַמע איז פון דאַמאָלס אָן אַ פאַרענדערונג געקומען. אין שטוב איז געוואָרען רוהיג און שטיל, עס האָבען אויפגעהערט די קריגערייען צווישען מאַן און ווייב. זי האָט איהם אַלעס

פאַרשווייגען און אָפּגעטראַטען, און באַמערקט האָב איך ווי פון וואָך צו וואָך, פון חודש צו חודש ווערט דאָס ווייבעל אַלץ בלאַסער און פולער, און אויף מיר האָט זי געקוקט מיט אַזאַ מאָדנעם בליק, וואָס מיר איז אין גאַנצען אונפאַרשטענדליך געוועז... דאָס איז געוועזן כמעט ווי אַ מאַרטירער־בליק אין די לעצטע מאָמענטען איידער די נשמה פאַרלאָזט דעם צוואַועהטאָגטען קערפּער. איינמאָל, ווען איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב בדעה צו פאַרלאָזען מיין צימער ביי זיי אין שטוב, האָט זי מיר געזאָגט:

— וואַרט אויס, ביז וואַנען איך וועל שטאַרבען!

דאָס איז געוועזן אַזוי פּראָסט, קורץ און איינפאַך געזאָגט, ווי ס'וואָלט געוועזן ביי איהר אַ זיכערע זאַך, און איך האָב זיך שטאַרק פאַרוואונדערט:

— וואָס פעלט אייך איין, מאַדאַם?

— איהר זעהט דען ניט? — האָט זי מיט אַ צניעות'דיגען שמייכעלע אויף זיך אַ ווייז געטאָן...

— נו, איז וואָס? ס'איז ביי אייך אַ נייעס? איהר האָט דאָך שוין געהאַט צוויי קינדער...

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פראַגע־צייכען, ווי ס'וואָלט זי געוואונדערט מיין תמימות.

— יענע צוויי קינדער האָב איך דאָך געהאַט פון מיין מאַן.

איך האָב איהר דאַרויף באַמערקט און געפרעגט, אַז ערשטענס פון וואַנען ווייסט זי דאָס אַזוי אויף זיכער, און צווייטענס:

— און אַז פון מיר, מוזט איהר שטאַרבען?... איך פאַרשטעה ניט.

זי האָט מיר דאַרויף ניט געענטפערט און זיך איהר'ס געזאָגט:

— ווי דערלעב איך שוין די מינוט...

און דערנאָך האָט זי פאַר מיר ווי אַרויסגעלייענט אַ גאַנצען צעטעל, איך זאָל ניט מיינען אַז עפּעס האָט זיך געענדערט צום בעסערען, ווייל איך העד שוין ניט קיין סקאַנדאַלען צווישען איהר און איהר מאַן... זי שווייגט... זי פאַרשווייגט איהם אַלעס, עס

אַרט איהר שוין גאָר ניט, ווייל זי ווייסט, זי איז זיכער, אַז זי וועט שטאַרבען. אָבער זי האָט איהם פּונקט אַזוי און נאָך ער־גער פיינט ווי פריהער.

איך האָב מיך פאַרלאָרען. איך האָב ניט אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן, וואָס מיט דער פרוי קומט פאָר... אמת, איך האָב געוואוסט, אַז יעדע פרוי איז אין אַזאַ מין צייט שטאַרק אומ־רוהיג און באַזאָרגט; אַז אַ פרוי זאָל ריידען מיט אַזאַ זיכער־הייט, אַז זי וועט שטאַרבען פון „האָבען", האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט.

איך האָב זי לאַנג ניט פאַרשטאַנען און זי האָט ניט געוואוסט אַז איך פאַרשטעה זי ניט, און ווען זי איז קוים געקומען צו דעם פאַרשטאַנד, האָט עס זי אויפגערעגט און באַליידיגט:

— וואָס מיינט איהר, בין איך אייך עפּעס אַ גאַסען־פרוי?

איך האָב זי אָנגעקוקט און איהר געזאָגט אַז איך פאַרשטעה זי ניט, און זי האָט זיך היסטעריש צואווויינט: הייסט עס, אַז איך מיין די גאַנצע צייט און דאַמאַלס, האָב איך אודאי אויך געמיינט, אַז זי איז עפּעס אַן אויסוואָורף, עפּעס אַ מין צולאָ־זענע פרוי, וואָס שפּרינגט אין די בעטען אַריין צו פרעמדע מע־נער, און אַז אויב איך האָב טאַקע פאַרגעסען אָן דעם וואָס איך האָב איהר דערצעהלט, פון וואָס דריי ווייבער זיינען ביי מיר פון דער וועלט געגאַנגען...

— איהר הערט, מיינע פריינד, איך האָב זיך צולאַכט און זיך אַזוי צולאַכט... ניין, איך האָב נאָך אויף מיין לעבען אַזוי ניט געלאַכט. און לאַכענדיג, האָב איך געוואוסט, אַז איך טאָר ניט לאַכען, אַז דער שפּאַס מיינער מיט די דריי ווייבער איז געוואָרען אַן ערנסטע זאַך, אָבער איך האָב זיך דאָך ניט געקענט אָפּהאַלטען, און דערנאָך האָב איך זיך ענטשולדיגט פאַר איהר און איהר געזאָגט, אַז די גאַנצע מעשה איז פון מיר אַן אויסגע־טראַכטע, אַ פאַנטאַזיע. ניט ווילענדיג האָב איך עס איהר געמוזט זאָגען, כדי זי זאָל זיך אָט דעם אָריגינעלען זעלבסטמאָרד פון קאָפּ אַרויסשלאָגען. איך בין פשוט אונרוהיג געווען פאַר איהר איינ־

ריידעניש און פאר איהר זיכערקייט אז זי וועט שטאַרבען, אז זי זאָל פון דעם אַליין ניט געהן פון דער וועלט. זי האָט פריהער מיר ניט געגלויבט, געמיינט אז איך וויל זי גלאַט בארוהיגען, אָבער ווען איך האָב איהר געשוואָרען און דערצו ערקלערט און באַוויזען דעם גאנצען אונזין פון דער געשיכטע מיט די דריי ווייבער...

— נו, און וואס איז פּאַרט מיט איהר געוואָרען? — האָט איינער פון די צוהערער ניט אויסגעהאַלטען.

— איך האָב מיך פון דאָרטען אויף מאָרגענדיגען טאָג ארויס־געצויגען און אין א פּאָר טעג ארום בין איך געגאַנגען נאָך איהר לויה. זי איז געשטאָרבען מיט אַזאַ שוידערליכען טויט. ס'האָ־בען אַלע געציטערט ווען מען האָט איהר געזען... זי איז אראָפּגעשפּרונגען פון טיש... דאַמען, איהר קענט שוין אריינ־געהן!...

די דאַמען האָבען הינטער דער פאַרמאַכטער טיר די גאַנצע מעשה געהערט און אַלע האָבען אין דער מעשה געגלויבט, נאָר די איינע דאַמע, וואָס איז זיכער געוועזען ביי זיך אַז זי געפעלט איהם, האָט געוואָלט באַווייזען, אַז זי איז קליגער פון אַלעמען און האָט איהם הינטער־ארום א טאָרע געטאָן כדי ער זאָל וויסען אַז זי ווייסט און פאַרשטעהט, אַז אויך אָט די מעשה איז אַן אויסגעטראַכטע, כאָטש זי אַליין האָט אויך געגלויבט אין איהר...

## „ווערפלאָמרענדן".

וואָס דאָס וואָרט באַדייט? עס איז קיין וואָרט ניט, ס'איז ניט קיין וואָרט און ס'איז ניט קיין נאָמען. איך האָב עס אַליין אויסגעטראַכט, ס'איז מיר איינגעפאַלען דעמאָלט, דעמאָלט ווען דאָס וואָס איך געה דערצעהלען איז פאָרגעקומען... פאָרגעקומען? ס'איז אייגענטליך גאָר ניט פאָרגעקומען, דאָ איז טאַקע דער עיקר אָט דאָס וואָרט, ווען ניט אָט דאָס וואָרט וואָלט איך גאָר אין גאַנצען ניט געהאַט וואָס צו דערצעהלען. איך זאָג, איך האָב דאָס וואָרט אויסגעטראַכט, ס'איז אָבער זעהר מעגליך, אַז צווישען די שבעים לשונות זאָל זיך ערגעץ אַזאַ וואָרט פאַרוואַלגערען, און ווער ווייס וואָס אַזאַ וואָרט קאָן באַדייטען אין איינעם פון די שפּראַכען... איז, בעט איך אייך מחילה, איך בין חלילה ניט קיין שפּראַכען־קענער.

דאָס איז געווען... יאָ, די ערשטע וואָך וואָס איך בין אָנגעקומען אהער, אין אייער לאַנד פון שטיין און אייזען. איך געדענק ווי ס'האָט זיך נאָך אפילו געוויגט דער באָדען אונטער מיר, איך מיין צו זאָגען, אַז אומבאַוואוסטזיניג האָט זיך מיר נאָך געדאַכט, אַז איך געפין זיך אויפ'ן שיף און אויפ'ן וואַסער. נאָר פריהער איידער איך טרעט צו צום עיקר המעשה, וועל איך אייך דער־צעהלען אַ שטיקעל ביאָגראַפיע מיינע. דאַן וועט איהר מיך בעסער פאַרשטעהן.

איך בין געקומען אהער מיט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר אין קעשענע: בכלל מיין קומען אהערצו איז געווען אַן איבעריגע זאַך, ס'הייסט ניט אַזוי מיין קומען אהער איז געווען איבעריג, ווי דאָס גאַנצע גאָר פאָהרען אהער. מיט דעם געלט, וואָס איך האָב

געבראַכט אהער און מיט דעם געלט וואָס איך האָב אויסגעבראַכט אויף הוצאות און מיט דעם געלט, ווידער, וואס איך האָב דאָרטען געלאָזט מיין ווייב און קינד, וואָלט איך מיר דאָרטען, אין דער היים, געקאָנט מאכען א פיינעם לעבען, האָב איך זיך אָבער ניט פּאָלאדיעט מיט מיינעם א ברודער איבער דער ירושה וואס איז אונז געבליבען פון מיין נאָר־וואס געשטאָרבענעם פאָטער, האָב איך אָפּגעשניטען מיט מיין חלק, און געהאָט גרויס וועהטאָג, וואָס מיין ברודער בלייבט ביי דער גאנצער נחלה, איז פאר וועהטאָג בין איך אוועק קיין אַמעריקע. איצט וועל איך אייך, דרך אגב, זאָגען, אז איך בין אהער געקומען מיט א פארטיגען ענגליש, ס'הייסט, ניט איך האָב אזוי גוט געקענט ענגליש, ווי דער ווערטער־בוך מיינער, דער „דיקשענער", וואָס איך האָב מיט זיך געפיהרט, ער האָט זעהר גוט געקענט. איך ניט. נאָר אויפ'ן שיף האָב איך באַלד דערזעהן, אז קיינער פארשטעהט קיין וואָרט ניט פון מיין לשון, און איך, ווידער, האָב קיין איין וואָרט ניט פארשטאַנען וואָס מ'האָט צו מיר גערעדט, און ס'האָט מיך זעהר געקרענקט, און ס'האָט מיך זעהר פארדראָסען, וואָס אויפ'ן אָרט פון וואסער, וואָס איך האָב ביים באַדינער געבעטען, האָט ער מיר גאר געבראַכט פּוטער. איך וויל, איהר זאָלט זיך בכלל פאָרשטעלען די לאַגע פון אן אינ־טעליגענטען מענשען, וואָס פאלט אראָפּ אין א פרעמדער מדינה, וואו די שפראך פון דער מדינה איז איהם ניט באַקאנט, און ווי אַזעלכער פיהלט זיך, נעבאך, אפילו קלענער פונ'ם קאָנדוקטאָר אויף דער באהן. אזוי לאַנג ווי איך בין געווען אין וועג, און די פּאָר מעת־לעת וואָס איך האָב מיך געפונען אין האָטעל האָב איך מיך געפיהלט... ניין, ניט שלעכט. דאָ און דאָרטען איז מען געוואוינט צו אויסלענדער, און וואָס איז בכלל שייך אויפ'ן שיף אויסלענדער? כ'איז ניט קיין לאַנד און ניט קיין שטאָדט. עס איז אַ שיף וואָס שווימט צווישען הימעל און וואסער, און וואו יעדער איינער טראַכט זיך פון זיין רייזע, פון צו קומען אהין וואוהין ער פאָהרט, און עס גערען איהם ניט אָן אַנדערע און ס'אַרט איהם ניט אויף וואָס פאר א שפראך איינער רעדט. דער נאַציאָנאַלער שאָוויניזם ווערט

פון אזעלכען אָפּגעריסען אינאיינעם מיט זיין אָפּגעריסענקייט פון זיין אָרט, פון זיין לאנד און פאָלק, און אפילו א פּאָליאק אַרט אויך ניט וואָס אידען ריידען ניט אויף זיין שפּראַך... ניין, איך האָב מיך ניט געפיהלט איינזאַם. איך האָב עס דערפיהלט ערשט דאַ־מאָלסט, ווען איך האָב מיר א צימער געדונגען... ערשט דאָ, וואו איך האָב מיר מיין היים געמאכט, האָב איך די איינזאַמקייט גע־שפּירט... שוין גאָר ניט ווי א איד, טאַקע, נעבאך, ווי א קריסט, און ווי א רוס דערצו, ווען ער פאַלט אריין אין א פרעמדער מדינה. וועגען לאַנדסלייט און פריינד? דאָס איז טאַקע די גאַנצע זאַך, וואָס איך האָט ניט געוואָלט זיי זאָלען וויסען פון מיין קומען אהער. איך האָב אפילו געהאַט דאָ מיין ווייב'ס משפחה; איך האָב אָבער ניט געוואָלט, אז אימיצער פון זיי זאָל וויסען, אז איך בין אהער געקומען. אך, דאָס פאָהרען קיין אמעריקע!... איך בין דאָך שוין דאָ דאָס ניינטע יאָהר און איהר באַדאַרפט וויסען, אז אין יענער צייט איז דאָס פאָהרען קיין אמעריקא געווען עפּעס א פּראָסטע זאך, א זאך פאר פּראָסטע, וויל איך זאָגען. ווער עס האָט אין דער היים קיין פּרנסה ניט געהאַט, א האָרעפּאַשניק, וואָס האָט געהאַט געזונטע פּלייצעס און ניט געהאַט אויף וואָס זיי אויסצו־נוצען, אָט אזעלכע און נאָך אַנדערע, עהנליך צו אזעלכע, זיינען געפאָהרען קיין אמעריקע. א חייט'ל, א שוסטער'ל, וואָס האָט זיך נאָך אין דער היים געהאַקט די „פּאות" העכער פון די אויערען, אָט אזעלכע חברה זיינען געפלויגען קיין אמעריקע. אָבער א נאָש־בהאַט איז געזעסען אין דער היים. געווען ערגערע, בעסערע צייטען, אָבער פון אמעריקע — קיין אמעריקע פאָהרען האָט מען אפילו ניט געטראַכט.

דערפאַר זאָג איך עס, דערצעהל איך עס, האָב איך ניט געוואָלט אימיצער פון מיינע לאַנדסלייט זאָל וויסען, אז איך בין דאָ. איך האָב ניט געוואָלט זיי זאָלען אין מיר נקמה נעמען און צו דעם זאָלען זיי זיך נאָך פיהלען העכער פון מיר, אז זיי זאָלען זיך פיהלען העכער מיט זייער לאַנג זיין דאָ, מיט זייער קענען די שפּראַך (איך שטעל מיר פאָר!) און מיט זייער וויסען די גאַסען.

איך האָב ניט געוואָלט. איך האָב מיר געטראַכט, איך וועל דאָ אָפּזיין אַ געוויסע צייט, איך וועל מיך צו עפּעס צושלאָגן און וועל מיך דאָ אַביסעל „אויסגרינען", דאמאָלסט, איז מהיכא תיתא, וועל איך מיר ווייזען צו זיי און זאָגען, ס'הייסט איך וועל ניט זאָגען, נאָר מיט דעם ווייזען זיך וועט עס הייסען, ווי געזאגט: נאָט! איך הער אייך דאָ אויך ווי דעם קאָטער! אָט בין איך געקומען, אַליין זיך ארויפגעארבייט, און צו אייך, צו קיינעם ניט אָנגעקומען. איך בין איך; איך בין דאָרטען, אין דער היים, געווען איך און אויך דאָ, בין איך — איך... דערווייל, זאָג איך, האָב איך מיך געפיהלט זעהר איינזאם, און געקוקט אין פענסטער, האָב איך אַלע מענשען געזעהן, וואָס זיינען פארבייגעגאנגען און וועגען דער מעהרהייט פון זיי געטראַכט, אז די אַלע, די מעהרהייט, זיינען דער און יענער, אויף יעדען איינציגען במעט וואס איז דורכגעגאנגען, האָב איך געטראַכט און געמיינט, אפשר אַ לאַנדסמאַן, נאָר איך דערקען איהם ניט. בין איך געשטאַנען ביים פענסטער אריינגע־שטעלט און אריינגערוקט זיך אין פענסטער און געוואָלט מ'זאָל מיך זעהן און ס'זאָל מיך ווער דערזעהן און דערקענען. ס'איז דאָך געווען אַ נאַרישקייט, וואָס איך האָב גאָר געטראַכט, אז זיי האָבען זיך געענדערט, ס'הייסט די נאַרישקייט, דיזעלבע, וואָס אַלע מענשען דענקען אזוי. איך האָב ניט געקלערט בעת מעשה, אז איך האָב מיך אויך געקענט ענדערען. בין איך אזוי געשטאַנען, נעבאך, אין מיין מיוחס'דיגער איינזאמקייט, און איך האָב קיינעם ניט דערקענט און קיינער — מיך ניט... איך האָב אויך געטראַכט פון איינער... פון אַ מיידעל, וואָס איז, אַ דאנק מיר, אנטלאָפען קיין אַמעריקע... אפשר, האָב איך געטראַכט, איז זי שוין אויך דאָ פארבייגעגאנגען... אפשר איינע פון די דיקע דאַמען... אפשר אַ מיליאָנערשע? אפשר איז זי נאָר וואָס דורכגעפלויגען דאָ אין דעם גרויסען שווארץ־גלאַנציגען אויטאָמאָביל? ... אַ שטיינער, אזעלכע וועט זי דערזעהט מיך און דערקענט מיך און דערפרעהט זיך מיט מיר און נעמט מיך און פליהט מיט מיר... איהר פארשטעהט... די ערשטע פּאָר טעג אין אַ לאַנד און ער פליהט שוין מיט אַ דאמע

אין אַן אויטאָמאָביל, און איהם, מיך, הייסט עס, באַגעגענט אַ לאַנדסמאַן, וואָס איז שוין דאָ צעהן־פופצעהן יאָהר, און יענער געהט צופוס. איך בין אַ מענש מיט אַ שטאַרקער פאַרשטעלונגס־קראַפט. איך, אַז איך שטעל זיך עפּעס פאָר, לעב איך עס קרעמפּהאַפט איבער, און פון אויפרעגונג האָב איך אָנגעהויבען האַסטיג ארומשפּאַצירען איבער דער גאַנצער לענג און גרויס פון מיין צימער, און איך געדענק ניט און, דאַכט זיך, אַז דאַמאָלסט האָב איך עס אויך ניט גע־וואוסט, וויפיל צייט איך בין ארומגעגאַנגען, און איך הער ווי מ'קלאַפּט ביי מיר אין טיר.

— קאָם אין!

מיין טיר האָט זיך צורוקט, צועפּענט, צוטיילט, איין ברייטע העלפט אין איין זייט, די צווייטע ברייטע העלפט אין דער צווייטער, צווייט טירען איז געוואָרען פון איינער, און אויף דער גרענעץ־שוועל און צווישעןביידע טירען האָט זיך אריינגעמאָסטען און אריינגע־שטעלט די ווירטין מיינע מיט איהר גאַנצער מאָס, מיט איהר גאַנצען פאַרנעם, און מיט די הענט דיקע, ווייסע, ענטבלויזטע, אריבער די עלענבויגענס, וואָס האָבען זיך אנגעהאַלטען און אָנגע־שפּאַרט אין ביידע זייטען אין ביידע פון די צועפּענטע און צו־שפּרייטע טירען, האָט זי, אָט די דאַמע, די ווירטין מיינע, מיך אָנגעקוקט און באַטראַכט מיט אַ פאַרדראָסיג שמייכעלע און עפּעס אַ זאָג געטאָן צו מיר אויף ענגליש, און דערקענט האָב איך אין דעם גאַנצען אויסדרוק אין איהרען, אַז קיין ליבעס־ערקלערונג איז דאָס זיכער ניט, און דעם אמת מוז איך זאָגען, אַז זי איז דאָך געווען זעהר אַ סימפּאַטישע, פול מיט חן און פאַרבליבענער שעהנקייט פון אַמאָל, פון יוגענט; אַ שעהנער, אַ געדיכטער קאָפּ האָר, אויגען און ליפּען פול נאָך מיט יוגענט, מיט גלאַנץ און זאַפט, און נאָר דערפאַר האָב איך מיך ניט גוט דערפיהלט אַנטקעגען איהר. איך האָב אייגענטליך ניט געוואוסט וואָס ס'האָט זי פּלוצלינג אָנגע־טראָגען צו מיר און וואָס זי וויל פון מיר... זי האָט געוואוסט, אַז איך בין ערשט אָנגעקומען פון אייראָפּאַ און געוואוסט אַז איך קען ניט קיין ענגליש און האָט דאָך אַ רעד געטאָן צו מיר אין ענגליש.

האָט עס מיר באוויזען, אז זי מוז שוין זיין עפּעס זעהר אויפגעטראגען אויף מיר.

— ענטשולדיגט, מיסעס! איך פארשטעה ניט וואס איהר רעדט צו מיר!

איז זי ארוים מיט לשון אויף אידיש: דאָ איז ניט אין יוראָפּ, אין יוראָפּ האָבען אַלע א טבע ארומשפּאנען אין די רומס און האַקען אין די פלאָרס, דאָ, אין אמעריקא, איז עס ניט קיין מאָדע, דאָ, אין אמעריקא, אז מען וויל ארומגעהן „געהט מען אויס".

אָפּגעזאגט, אָפּגעהאלטען צו מיר א גאנצע דרשה וועגען מיין אייראָפּעאישער ניט־איידעלקייט, איז דאָס, קענטיג, איהר נאָך וויניציג געווען, האָט זי נאָך עפּעס פארענדיגט אויף ענגליש. פאר־שטעהט זיך, אז עס האָט באדארפט זיין עפּעס ערגער פון דעם אידישען, אנדערש וואָלט זי עס דאָך אין אידיש געזאגט, האָט עס מיך פארדראָסען און באַליידיגט, און איך האָב אויסגעשריען:

— ווערפלאָמרענדן!

ס'איז מיר אויפ'ן אָרט איינגעפאלען א וואָרט און איך האָב עס געזאגט אומיסטנע, כדי צו זאָגען איהר א וואָרט, זי זאָל אויך ניט פארשטעהן און זי זאָל מיינען, גאָט וויים וואס דאָס איז, און זי, מלא רציחה האָט א פרעג געטאָן:

— ווהאָט?

— ווערפלאָמרענדן! יעס, מאַדאָם!

איך האָב עס געזאגט מיט אזא טאָן, ווי גאָט וויים, וואָס דאָס וואָרט וואָלט באדייט, און זי האָט זיך איינגאנצען צוגליהט און אנגעצונדען:

— וואָס מיינט איהר דערמיט, הא?

זי איז געשטאנען א לענגערע צייט מיט צונומענע הענט אנגע־שפּארט אויף ביידע העלפט טירען און האָט אויסגעזעהן ווי א נעקריייצטע, און די אויגען איהרע האָבען געפלאַמט מיט אזוי פיל שנאה און פיינדשאפט צו מיר, אז איך בין שיער ניט צופלאַצט געוואָרען פון געלעכטער וואס איך האָב אין זיך איינגעהאלטען, און זיך גע'חזר'ט דאָס וואָרט איך זאָל עס ניט פארגעסען, אז אויב

זי וועט מיר עפּעס זאָגען און באליידיגען זאָל איך איהר דאָס וואָרט נאָך אמאָל זאָגען.

געגעבען א רוק־צונויףביידע העלפטען טירען און צונויפגע־ראקט ביידע צוזאמען, האָט זי פאר זיך און אויך איך זאָל הערען, א זאָג געטאָן און א שפּיי געטאָן איינצייטיג :

— גרינער !

און איך האָב האסטיג די טירען צועפענט און אויך נאָכ־געשריען :

— ווערפלאמרענדן ! !

# מים בערטע.

מ'האָט זי געהאַלטען פאַר אַן אייגענער, דאָס הייסט, פאַר אַזאַ גאַסט, ווי אַלע געסט, כאָטש זי איז געווען אַ שוועסטער צו די ברידער, צו די אייגענטימער פון די באָרדינג־הויז „סאָנשיין". פאַרקעהרט, זי איז נאָך געווען נעהנטער ווי אַנדערע דערמיט וואָס זי, אַ שוועסטער צו די בעלי־בתים פון דעם האָטעל, האָט זיך אויפגעפיהרט אַזוי ווי זי אַליין וואָלט אויף באָרד געווען: מיט די געסט געגעסען, מיט די געסט צוזאַמען פאַרבראַכט, און דער עיקר דאָס וואָס מען האָט געקענט ריידען לשון הרע פאַר איהר אויף די בעלי־בתים פּונקט ווי מ'רעדט פאַר אַנדערע, ס'הייסט, פאַר מענשען אַזעלכע, וואָס וואָלטען פאַר זייערע צוויי־און־צוואַנציג דאָלאַר אַ וואָך געוואָלט איינשלינגען די גאַנצע פאַרם, פאַר אַזעלכע וואָס מיינען, אַז וויפיל זיי עסען און וואָס זיי עסען איז דאָס אַלץ ניט אַזוי פיל און אַלץ ניט דאָס וואָס זיי באַ־דאַרפען עסען פאַר זייער געלט, וואָס זיי צאָהלען, — פאַר אַזעלכע איז זי גאָר געווען אַן אבן־טוב. אי מען האָט גערעדט רכילות, אי דאָס האָט פאַר קיין רכילות נישט געקענט פאַררעכענט ווערען, ווייל מ'רעדט דאָך פאַר אַן אייגענער, פאַר אַן אייגענער פון יענע וואָס מ'באַרעדט.

מים בערטע איז באמת געווען יעדען געטריי און איבערגע־געבען. די געטריישאַפט איהרע צו די באָרדערס האָט אַזוי ווייט דערגרייכט, אַז זי איז אפילו געדולדיג געווען צו מאַמעס, וואָס זיינען מיט קינדער געקומען (צוליב די קינדער), וואָס יעדע מאַמע האָט געוואָלט, אַז איהר קינד זאָל עסען און טרינקען אַזוי פיל

וויפיל זי, די מאַמע, וויל און פיל מעהר ווי דאָס קינד האָט גע־וואָלט ווייל עס איז דאָך קאַנטרי.

— מים בערטע, וואָס טוט מען מיט מיינע קינדער? זיי עסען גאָרניט און טרינקען גאָרניט.

און ס'האָט געטראָפען, אַז אַ מאַמע איז מיט אַ קינד אויפ'ן גראָז געזעסען, און מיט געוואָלד געוואָלט אריינגיסען אַ גלאָז מילך דעם קינד אין העלזעל אריין, און דאָ איז פאַרבייגעגאַנגען מים בערטע, האָט זיך די מוטער פון קינד געווענדעט צו איהר מיט אַ געבעט:

— מים בערטע, אפשר פון אייערע הענט, מים בערטע?

די דאַמע וואָס האָט אָפּגעשטעלט די מים בערטע איז אפשר ניט איינגאַנצען שולדיג געווען אין דעם, וואָס זי האָט איהר אָפּ־געשטעלט. די מים בערטע איז אַלעמאַל געגאַנגען מיט אַזאַ גאַנג, ווי זי וואָלט ניט געגאַנגען פאַר זיך. דער גאַנג איהרער האָט אַלעמאַל געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז עפּעס געהט זי פון וועמען צו וועמען. און אַלעמאַל, ווען זי איז פון אימיצען פאַרהאַלטען געוואָרען, האָט זי זיך פאַרזאָמט און אָפּגעגעבען אַזוי פיל צייט דעם יעניגען, ווי זי וואָלט טאַקע צו דעם זעלבען אין זינען גע־האַט צו געהן. אין דעם פאַל, ווען אַ מוטער מיט אַ קינד האָט זי פאַרהאַלטען, האָט זיך מים בערטע אָפּגעגעבען צו דעם פרעמ־דען קינד, גלייך זי וואָלט ספּעציעל צוליב דעם איהר גאַנג גע־גאַנגען דאָ ביז אַהער און כדי דאָ איבערצוגעמען דער מוטער'ס ארבייט.

יאָ, אַזוי געטריי זיין און איבערגעבען צו פרעמדע מענשען קען מען נאָר זיין אין אַזאַ פאַל, ווען דאָס געשעפט איז ניט קיין אייגענס, ווען דאָס געשעפט באַלאַנגט צו אייגענע, ביי וועלכע מ'געניסט פון אַלע וואוילטאָגען צוגלייך מיט אַלע פרעמדע וואָס צאָהלען געלט פאַר זייערע וואוילטאָגען. אָט די ארבייט פון צו־זעהן און אויפפּאַסען אויף די געסט, אַז די געסט זאָלען צופרידען זיין, איז ניט אָנגעוואָרפען געוואָרען אויף איהר פון די ברידער. פאַרקעהרט, זיי, די ברידער, האָבען נאָר געטאָן זייער חוב, דאָס

וואָס מ׳באדארף טאָן פאַר מענשען וואָס צאָהלען אזוי פיל און אזוי פיל געלט, האָבען געטאָן ניט מעהר און ניט ווינציגער וויפיל כ׳באדארף טאָן, און אזוי פיל וויפיל אַנדערע „באַרדינג קיפּערס" טוען פאַר זייערע באַרדערס און באַרדערקעס, וואָס צאָהלען אזוי פיל געלט, וויפיל מען צאָהלט ביי זיי... ווייטער האָט מען אַלעמען געהאַט ניין אייַלען אין דער ערד... זי אָבער, מים בערטע, האָט קיין איין איינציגען אין דער ערד ניט געהאַט. זי איז טאַקע באמת געווען געטריי יעדען איינציגען און געוואָלט, אַז יעדער איינער זאָל זיין צופרידען.

זי האָט יעדען פרישען באַרדער (אָדער באַרדערקע), וואָס איז אָנגעקומען, אויפגענומען מיט אזאַ סבר פנים יפות, ווי דאָס וואָלט אַ גאַסט געווען, אַ גאַסט וואָס איז צו איהר און צו איהרע ברידער צו־גאַסט געקומען, און ניט אויף באָרד. זי האָט יעדען איינעם ניי־אָנגעקומענעם אויפגענומען מיט אזאַ קוראזש, ווי זי וואָלט שוין לאַנג ארויסגעקוקט, אַז דער וואָס איז אָנגעקומען זאָל אָנקומען. זי האָט די ערשטע פּאָר שעה ניט ארונטערגעלאָזען קיין אויג פון דעם ניי־אָנגעקומענעם און פאַר די פּאָר שעה האָט זי דעם נייעם גאַסט באקאַנט געמאַכט מיט יעדען איינעם, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי איהר און פאַרביי דעם פרישען גאַסט, האָט זי אָפּגעשטעלט און פאָרגעשטעלט:

—באַקענט זיך: דאָס איז מיסטער...

— איך קען אייך פאָרשטעלען: דאָס איז מיסס...

און אומעטום איז דאָרטען אויך ביי זיי געווען מענשען אָפּ־געזונדערטע, וואָס האָבען זיך, צי פון גדלות צי אוים אַנדערע אורזאַכען, זיך געהאַלטען אָפּגעזונדערט פון מענשען. אויך דער־פון האָט בערטע געהאַט קרענקונג. ס׳האָט איהר געאַרט פאַר אַנדערע, טאָמער פיהלען זיך אַנדערע דערפון באַליידיגט. באַזונ־דערס האָט עס איהר געקרענקט וואָס איינער אַ פּראָמינענטע פּערזענליכקייט, וואָס האָט זיך געהאַלטען זעהר גדלות׳דיג און אָפּגעזונדערט. די ברידער האָבען געהאַט פיל אָנשטרענגונג איהם אריינצובאַקומען צו זיך, כדי מיט איהם צו אדווערטייזען זיך און

צו באַריהמען זיך. האָט אָבער דער זעלבער מעהר קאַליע גע־מאַכט ווי פאַרריכט. ס׳האָבען איהם אַלע פיינט געהאַט, און ס׳איז קיינער מיט איהם ניט צופרידען געווען... מים בערטע איז דעם גאַסט געקראָכען אין פּנים אריין, וואו ער האָט זיך ניט אַ קער געטאָן איז זי נעבען איהם אויסגעוואַקסען און איהרע טענות צו איהם זיינען אַלע מאָל געווען איינע און די זעלבע:

— נאַר אַליין! תמיד אַליין! שטענדיג אַליין! ס׳ווערט אייך ניט נמאס?

און באַגעגענט אַ מיידעל אָדער אַ יונגע פרוי, האָט זי צו־געשלעפּט צו איהם און צו זיך די און יענע און אַזוי צונויפגע־שלעפּט אַ גאַנצען קראַוד ארום איהם, און ער האָט שוין, צי ער איז גערן געווען צי ניט, פאַרבראַכט אויף זיין שטייגער מיט דער קונציג צונויפגעשלעפּטער קאָמפּאַניע, וואָס האָט זיך געהאַלטען ארום איהם, און ער צווישען זיי, אַזוי לאַנג ווי מים בערטע איז געווען אין דער מיט, און אַזוי גלייך ווי מים בערטע איז אַוועק האָט זיך די ארבייט איהרע אָנגעהויבען צו צוקריכען און ער איז ווידער איינער אַליין געבליבען.

ס׳האָט ניט זעלטען געטראָפען, וואָס איינע אַ מיידעל איז געקומען, אראָפּגעפאַלען פון דער גרויסער, קאָכיגער שטאָדט אויף צ פאָר וואָכען אָפּצורוהען פון אַ גאַנץ יאָהריגער ארבייט, גע־קומען זיך אַ יום־טוב מאַכען פון אָפּרוה און פון עסען און פון בערג, בוימער און גראָזען, און דער עיקר פון זיך אַליין, געקומען אַ יום־טוב מאַכען פאַר פרעמדע מענשען, שפּילענדיג פון זיך אַ ראָלע אַז זי איז תמיד אַ יום־טוב׳דיגע און געוואָלט אריינפּאַקען איינעם אַזעלכען, וואָס זוכט אַזעלכע ווי זי האָט געוואָלט פון זיך פאָרשטעלען.

און אַז ס׳געהען אַוועק אַ צוויי־דריי טעג (און דאָס איז אַ באַדייטענדע צייט פאַר דעם קורצען וואַקיישאָן וואָס אַזעלכע באַקומט) און די פּאָר טעג געהען אַוועק מיט גאָרניט, ווערט אַזאַ מיידעל אַפּאַטיש און אומעטיג און זי הויבט אָן צו רעדען פון אַוועקפאָהרען פאַר דער צייט. דאָ קומט איהר אָבער מים בערטע

און באהעפט זיך צו איהר און זי זעהט שוין, די מים בערטע, צו טאָן אלעם מעגליכעס, אז דאָס מיידעל זאָל שוין ניט גענעצען און זי פלעגט יענער שוין ארייגשלעפען צווישען א פּאָר בחורים און מיידלאך און יענע דערציהט שוין און איז אָפּ איהר צייט.

יעדען סיזאָן קלעפען זיך צו איהר צו, צו מים בערטע, א פּאָר פון ביידע מינים, א פּאָר מיידלאך, א פּאָר בחורים, וואָס ווערען איהרע משולחים, איהרע אדיוטאנטען, און שטעלען צו־פרידען איהרע קאפּריזען. דאָס מיינט ניט איהרע פּערזענליכע, נאָר די קאפּריזען פון אנדערע, וואָס איהר קאפּריז איז אויף אזעלכע זיך אומצוקוקען און ניט לאָזען זיך לאנגווייליגען. אָט די אזעלכע זיינען ניט קיין צופעליגע אורחים, דאָס זיינען אזעלכע וואָס פאָהרען אהינצו פאר יאָהרען צייט און זיינען שוין שטארק באפריינדעט מיט די אייגענטימער פון באָרדינג הויז און מיט מים בערטע, די שוועסטער זייערע. אזעלכע, ווען זיי טרעפען זיך אין איין צייט צונויף, וועט שוין דאָרט אויפ׳ן פארם קיינער ניט גענעצען. מיט געוואלד שלעפען זיי אריין אזא מיידעל צו זיך אין קאָן אריין און פארטראסקען זי מיט זייער געזאנג און לידער און ס׳טרעפט, אז אזא מיידעל, וואָס איז לכתחילה געקומען מיט פאסאָן און א טאָן און מיט אן אנשטעל, אז זי קען גאָר קיין אידיש ניט רעדען, ווערט זי ארייגעשלעפט אין דער קאָמפּאניע אריין און ווערט א „פּראָסט" מיידעל און זינגט־מיט מיט אלעמען אידישע לידלאך און פאָהרט אוועק גאָר א צופרידענע...

יאָ, עס זיינען צו זיי געקומען פארשיידענע מענשען. געווען צווישען זיי גאנץ גליקליכע אויך... געקומען פּאָרלאך אזעלכע, וואָס האָבען איינס מיט דאָס צווייטע א גליקליך לעבען פאר־בראכט, און אין זייער גרוים גליק האָט מען געקענט דערקענען, אז זיי זינדיגען, אז זיי זיינען ניט קיין מאַן און ווייב און אז נאָר דערפאר זיינען זיי אזוי גליקליך... מים בערטע האָט צו אזעלכע אויך גאָרנישט געהאט, כאָטש זי איז אליין געווען א גאנץ אומשולדיג באשיידען מיידעל. זי האָט געמיינט, אז אויב אנדערע טוען דאָס וואָס זי מיינט אז מ׳טאָר ניט, איז מעגען

זיי, ווייל מסתמא מיינען זיי אַנדערש. זי, די עהרליכע און באַ־שיידענע, האָט צומאָל באַרעכטיגט אַזעלכע זאַכען, וואָס אַנדערע, וואָס זיינען ווייט ניט געווען אַזוי אָרענטליך ווי זי, האָבען דאָס געפונען פאַר אונמאָראַליש. אַזאַ מין פאַל האָט געטראָפען מיט צוויי, וואָס זיינען מיט איינער געקומען. די ערשטע פּאָר טעג האָט קיינער ניט געוואוסט, וואָס די צוויי בחורים קערען זיך אָן מיט'ן מיידעל, און וואָס בחור מיט בחור קערען זיך אָן, און ווען מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי קערען זיך גאָרניט אָן און געזעהן אַז אַלע דריי לעבען צוזאַמען, האָט מען שוין פאַרשטאַנען און מ'האָט זיי גענומען אין די מיילער אריין. נאָר איין מיס בערטע האָט זיי פאַרענטפערט, כאָטש איהר אַליין איז דאָס געווען נאָך פריקרער ווי אַלע אַנדערע, נאָר אַזוי ווי זי האָט זיך ניט געקענט פאַרשטעלען, אַז מענשען זאָלען זיין פעהיג אויף געמיינע טאַטען, איז דעריבער האָט זי געמיינט אַז וואָס פאַר אַ געמיינהייט מענ־שען זאָלען ניט טאָן, איז דאָס ניט קיין געמיינהייט.

דאָס מיידעל, וואָס האָט געלעבט מיט די צוויי „באָיעס", האָט זיך פאַר מיס בערטע פאַרטרויט, איהר דערצעהלט, ווי אַזוי זי האָט ביידען ליב און ווי אַזוי ביידע זיינען פאַרליבט אין איהר, און ווי אַזוי עס איז ביי איהר און ביידע קיין אַנדער אויסגאַנג ניט געבליבען ווי צו לעבען אין דרייען אַ בשותפות דרייענדיג לעבען... מיס בערטע האָט עס באַרעכטיגט: טאַקע, וואָס דען קען מען אין אַזאַ פאַל טאָן, ווען זי האָט ליב ביידען און ביידע זי? וואָס פאַר אַן אַנדער אויסוועג קען זיין אויב ניט אָט דער איינער וועג, וואָס אַלע דריי האָבען אויסגעפונען... ס'האָט איהר נאָר געוואונדערט, ווי אַזוי די צוויי לייט, די צוויי „באָיעס", ווי אַזוי זיינען זיי ניט אייפערזיכטיג? אָט די פראַגע האָט זי שטאַרק אינטערעסירט און זי האָט געפרעגט ביים פּראָמינענטען מענשען, וואָס איז ביי זיי אויף באָרד געווען, צי ס'איז מעגליך אַזעלכעס, אַז צוויי מענער זאָלען ליב האָבען איינע און זאָלען לעבען מיט דער איינער און זאָלען ניט זיין אייפערזיכטיג איינס צום צווייטען... דער פּראָמינענטער מענש האָט געזאָגט, אַז

אזלעבעס קען ניט געמאָלט זיין, אַז וועןביידע וואָלטען זי ליב געהאַט, אָדער איינער פון זיי, וואָלט דער איינער ניט געקענט דולדען דאָס שותפות פון צווייטען...

מים בערטע האַט פאַרשטאַנען, אַז דער פּראָמינענטער מענש איז גערעכט, ווייל זי האַט דאָך דאָס זעלבע געדענקט, אָבער פריהער איידער זי האַט געהערט די מיינונג פון דער פּראָמינענטער פערזענליכקייט, האָט זי געקלערט אַז אפשר איז דאָס ניט אזוי ווי זי האָט געדענקט נאָר ס'איז אזוי ווי יענע, די איינע וואָס לעבט מיט די צוויי דענקט, אַז ביידע זיינען פאַרליבט אין איהר. אַנדערש, וואָלט דאָך יענע ניט געטאָן דאָס, וואָס זי טוט. אויב אזוי, באַדאַרף מען איהר עפענען די אויגען, אַז עס קען ניט זיין, דאָס צוויי זאָלען ליב האָבען איינער און זאָלען לעבען מיט דער איינער און די צוויי פאַרליבטע העלדען זאָלען ניט זיין אייפערזיכטיג. און זי האָט עס איהר געזאָגט. און גלייך אויף מאָרגען האָבען זיך די דריי אויפגעהויבען און אוועקגעפאָהרען, ס'הייסט, אוועקגעפאָהרען פאַר דער צייט, מיט אַ וואָך פריהער איידער זיי האָבען גערעכענט אוועקצופאָהרען, און אין אַ פּאָר טעג ארום האָט ווער איבערגעגעבען אַ גרוס פון זיי, אַז ער (אָט דער „ווער") האָט זיי געזעהן אין אַ צווייטען באָרדינג־הויז אין דער געגענד, און מים בערטע האָט דערפון געהאַט גענוג גאַל־עסעניש, וואָס אַ דאַנק איהר זיינען די דריי באַרדערס אוועק אין אַן אַנדער באָרדינג־הויז.

---

— ווענען זוכט איהר?

ווען זי האָט געזעהן איינעם אָדער איינער זיך ארומבלאָנקען, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דער איינער אָדער די איינע זוכט איינעם, און איהר עסק איז דאָס שוין געווען. ס'הייסט, זי האָט טאַקע אַ שטאַרקען אינטערעס געהאַט, אַז איינס דאָס צווייטע זאָלען זיך געפינען, און זי האָט זיך אוועקגעלאָזט צו זוכען פאַר דער פּערזאָן יענע פּערזאָן, וואָס די פּערזאָן האָט געזוכט. אזוי ווי אַ מענשען־גולם האָט זי זיך ארומגעדרעהט אַ פולע, אַן אַנגע־

לאָדענע, מיט פרעמדע אינטערעסן, מיט באַגעהרען אויסצוגע־פינען איינעם וואָס איינע זוכט דאָרטען. דאָס לאַנגליכע פּנים איהרס מיט דער שפּיציגער נאָמבע און די שעפּסענע אויגען האָבען דערביי אויסגעדריקט אַזוי פיל תמימות, און זעהענדיג זי און איהר זוכעניש און איהר ארומבלאָנדזשען צווישען בוימער און גראָזען, האָט זיך געקענט דאַכטען, אַז אַ גייסטיגער פארקערפּער־טער תם דרעהט זיך ארום אין פאַר׳תמ׳עוואַטע מענשישע זינד און מענשישע ליידענשאַפטען, און געפרעגט אויף רעכטס און אויף לינקס, וועמען זי האָט נאָר באַגעגענט:

— האָט איהר ניט געזעהן מיסטער... — און אָנגערופען אַ נאָמען. — האָט איהר ניט באַגעגענט מיס... — און אָנגערופען דעם נאָמען.

און זוכענדיג און פרעגענדיג איז איהר פון אַ זייט אָדער פון הינטען ארום אַזוי אָפּט אויסגעוואַקסען די פראָמינענטע פּערזענ־ליכקייט און מיט אַזאַ אויסדרוק און מיט אַזאַ טאָן ווי ער וואָלט שוין גאָר איהר געזוכט אַלעמאָל געפרעגט:

— בערטעטשקע, וועמען זוכט איהר?

זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, ווייל דאָ איז איהר קלאָר געוואָרען, אַז זי ווייס ניט וועמען זי זוכט און זי האָט זיך פארשעמט פאַר איהם און האָט אָנגעהויבען אָפּצוציהען און ער נאָך איהר רופענדיג און שרייענדיג:

— בערטעטשקע!

און דעמאָלס איז זי שוין אַנטלאָפען און זיך באהעפט אין אַ פרעהליכער קאָמפּאַניע, און זי איז אַלע מאָל פאַר אַלעמען געווען ווילקאָמען, ווייל זי האָט קיינמאָל קיינעם ניט געשטערט; מ׳האָט זיך אַלץ געקענט ערלויבען, פונקט ווי זי וואָלט דערביי ניט געווען, אָדער ווי זי וואָלט געווען איינע אַזעלכע ווי אַלע. און ווען ס׳האָט געטראָפען, אַז איינער אַ בחור האָט פאַר יוצא וועגען געוואָלט זיך מיט איהר אויך אַ שפּיל טאָן, האָט זי זיך ניט גע־וועהרט, אָבער אַליין קיין אַנטייל אין דער שפּיל, וואָס יענער האָט זיך מיט איהר געשפּילט, ניט גענומען... זי איז געווען

יענעמ׳ס שפּיל און איינצייטיג געווען א זייטיגע, אזוי ווי זי וואָלט ניט געווען אַט דאָס, וואָס זי איז ביי יענעם, אזוי ווי זי וואָלט פאַר זיך געווען די זעלבע וואָס זי איז געווען פאַר דעם... וואָס דאַרטען דער אזעלכער זאָל ניט האָבען זיך ערלויבט מיט איהר, איז זי געווען גלייכגילטיג צו דעם און רוהיג. אַן אומרוהיגקייט האָט זי נאָר געפיהלט פאַר יענער, וואָס איז ווייט פון איהר ערגעץ געשטאַנען און ערגעץ פון ווייטען געלאָזט הערען מיט שרייען און רופען דעם נאָמען איהרען:

— בער־טאאא !!!

---

אין די אָוועגטען, ווען דאָס גאַנצע יונגוואַרג און עלטערע מענשען, ניט קיין אַלטע, האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין קאַסינאָ צו פאַרברענגען און טאַנצען, איז זי צווישען אַלעמען געווען און האָט אויך פאַרבראַכט און געטאַנצט, מיט איין אונטערשייד, וואָס אַלע האָבען פאַרבראַכט און געטאַנצט פאַר זיך, פאַר דעם אייגענעם פאַרגעניגען וועגען, און זי האָט עס געטאָן פאַר די אַנדערע. זי איז אַלע מאָל דאַרטען געשטאַנען אין גרייטקייט צו זיין א פּאָר צו עמיצען, ווען עמיצען וועט א פערזאָן צו א פּאָר אויספעהלען צום טאַנצען אָדער צו אַן אַנדער שפּיל. דער עיקר׳שט איז זי צונויץ געקומען ווען מ׳האָט געטאַנצט א ברום־טאַנץ. זי האָט אין דעם טאַנץ אזא אַנטייל גענומען ווי דער בעזים. פּונקט אזוי ווי דער בעזים האָט קיינמאָל קיינעם ניט געכאַפּט צום טאַנ־צען, נאָר מען האָט אַלעמאָל איהם געכאַפּט, און פּונקט אזוי ווי מ׳האָט איהם געכאַפּט נאָר באַין ברירה, ווען איינע אָדער איינער איז אָהן א פּאָרעל געבליבען, אזוי האָט מען זי געכאַפּט באַין ברירה, ווען מ׳האָט דעם בעזים ניט געוואָלט כאַפּען... יאָ, זי איז צוליב דעם דאַרטען געשטאַנען, זי האָט זיך קיינמאָל ניט געיאָגט וועמען צו כאַפּען, נאָר איז געכאַפּט געוואָרען און איז אוועק אין קאַראַהאָד גלייך מיט אַלעמען, און אין דעם מאָמענט ווען דער פידעל און די פּיאַנאָ האָבען אין מיטען שפּילען דאָס שפּילען איבערגעריסען און דער בעזים־שטעקען האָט געגעבען א

קראַך אויף דער פּאַדלאָגע, איז זי שוין געשטאַנען ווי ניט קיין אַנטייל נעהמערין אין דער שפּיל. זי איז שוין געשטאַנען און געוואַרט, אַז ס'זאָל זי אימיצער ווידער אַ כאַפּ טאָן אויפ'ן אָרט פון צוכאַפּען דעם בעזים.

צווישען אַלעמען און מיט אַלעמען האָט אין דעם טאַנץ פאַר־בראַכט דער פּראָמינענטער באָרדער, וואָס האָט אַריינגעטאַנצט אין זיינע פּופּציגער יאָהרען און האָט זיך דוקא אַלעמאָל געיאָגט צו כאַפּען די אינגסטע און די שעהנסטע. מים בערטע האָט פּיל מאָל באַמערקט ווי איין דאַמע איז ליבער צו דער צווייטער אין די אָרעמס אַריינגעפאַלען, אבי ניט אַריינצופאַלען צו איהם אין די הענט אַריין. מים בערטע איז איהם אַלע מאָל געשטאַנען גרייט אונטער די הענט. פאַר איהר איז רעכט געווען, אַז ער זאָל בעסער זי כאַפּען איידער אַנדערע, און די אַנדערע זאָלען דערפון ליידען. טאַנצענדיג און דרעהענדיג זיך מיט איהם, האָט זי דאָך געשפּירט, אַז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט זיך געיאָגט נאָך אַנדערע און ניט נאָך איהר, איז ער דאָך מיט איהר, נאָך זיין באַנעמען זיך, ווייט ניט אונצופרידען געווען... זי האָט דערביי געקלערט, אַז דערפאַר מיידט מען עס איהם אַזוי אויס, פאַר דעם וואָס ער שפּאַרט זיך אַזוי אַריין מיט אַ פוס און מיט אַ קני אין איהרע טאַנצענדיגע פיס אַריין, און עס איז איהר אָנ־גענעהם געווען וואָס זי מיידט אויס פאַר אַנדערע אָט די ניט־אָנגענעמליכקייט...

איינמאָל, אַזוי טאַנצענדיג, האָט זי ביי איהם אַ פרעג געטאָן, צי ער האָט אַ ווייב, צי ניט. זי האָט עס ביי איהם זיך גע־וואָלט דערוויסען, ווייל אַנדערע פון איהר געשלעכט האָבען דאָס גערן געהאַט צו וויסען. ער האָט איהר אויף איהר פראַגע ניט געענטפערט, נאָר זי געגעבען אַ קלעפּ צו זיך אינגאַנצען און איהר געמאַכט אַ העסליכען פאָרשלאַג... מים בערטע איז אַזוי איבער־ראַשט געוואָרען, אַז זי האָט אויפ'ן אָרט ניט געקענט כאַפּען, צי דאָס איז זי, צי זי איז עפּעס אַן אַנדערע, און ער מאַכט עס ניט איהר אָט דעם געמיינעם פאָרשלאַג, נאָר אַן אַנדערער... ס'איז

ביי איהר פאַרגעקומען אזא פּלאָנטער אין קאָפּ, אַז זי האָט גאָר פאַרגעסען צו באַליידיגען זיך און האָט ווייטער פאָרטגעזעצט דעם טאַנץ, איינגעקלעמט אין איהם און צוגעשמידט פון זיינע הענט. און פאַרענדיגט דעם טאַנץ, האָט זי האַסטיג פאַרלאָזט די קאַסינאָ און האָט זיך געלאָזט לויפען, אַליין ניט געוואוסט וואוהין... זי איז געלאָפען אין טיפען גראָז און געהערט ווי הינטער איהר לויפט נאָך... זי האָט ניט געזעהן ווער, נאָר פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דערזעלבער...

זי איז אריינגעלאָפען און זיך באהאַלטען אין איינעם פון די פּאַרוסינענע ביידלאַך, וואָס זיינען געשטאַנען ווייס, משופע און שאַרף קאַנטיג, ווי ידעכלאַך אראָפּגעריסענע פון הייזער מיט לעבער גרויסע, פינסטערע, ווי באַהאַלטען הינטער זיך בוידעמדיגע פינ־סטערניש און בוידעמדיגען אומעט. אין איינעם פון די ביידלאַך איז זי אריינגעלאָפען, און ער, אין א ווייַלע ארום, האָט זיך גלייך נאָך איהר, ווי א בוידים־מענש, אריינגעמאָסטען אינוועניג, און איז גלייך צוגעטראָטען צו איהר...

— וואָס ווילט איהר פון מיר? — האָט זי געפרעגט מיט א קלאַפּעדיג הארץ. זי האָט עס געפרעגט מיט אזא טאָן, ווי איינע וואָס ווייס וואָס איינער, אין אזא פאַל, וויל פון איהר, נאָר מאַכט זיך ניט וויסענדיג, ווייל זי, יענע, איז אויך ניט ווייט פון דעם ווילען וואָס יענער וויל... די אָבער, מיס בערטע, איז גאַנץ ווייט געווען דערפון, כאָטש זי האָט פאַרשטאַנען (ער האָט דאָך איהר נאָך פריהער געזאָגט). אָבער עפּעס האָט זיך עס איהר ניט געגלויבט... עס האָט עפּעס געאַרבייט נעבעלדיג, כמעט פינסטער אומפאַרשטענדליך, אַז דאָס מיינט ער אַלץ ניט זי, אָדער מיינט עפּעס אַנדערש, און ניט דאָס וואָס זי ווייסט שוין, אַז ער מיינט דאָס. ער האָט ניט געענטפערט, נאָר ברוטאַל זיך א נעם געטאָן צו איהר, ווי צו איינער, וואָס מ'איז זיכער מיט איהר, אַז מ'האָט אָנגעטראָפען דאָס ריכטיגע אָרט און צו טענה'ן מיט אַזעלכער איז איבעריג. מיס בערטע האָט זיך איינגאַנצען פאַרלאָרען, און אין דער פאַרלאָרענקייט האָט זי זיך געפונען, און דאָס איז געווען

דורך א צופאל: אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך געטאָן שווער און מאַנסבילש א דריק־צו צו איהר, האָט זי דערפיהלט א שטאָך אין ברוסט. זי האָט זיך געבאָפט, אז זי האָט דאָרטען א נאָדעל שטעקען אין דער בלוזע, און ניט פארלירענדיג קיין איין מאָמענט, האָט זי אָט די נאָדעל ארויסגעשלעפט פון בלוזע און איהם מיט איהר גענעבען א שטאָך אריין אין לייב. דער „גע־שטאָכענער" האָט ארויסגעלאָזט א ברום, ווי א ווילדע חיה, און האָט אָפגעצויגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זי איז ארייננעלעגען שפעט אין דער נאכט אריין אינ'ם אָנטאָן און ניט געשלאָפען. אין דער ארומיגער פינסטערער שטיל־קייט האָט זיך לאַנג נאָך דער געשעהעניש געלאָזט הערען די ווילדע קולות און די ווילדע טענץ פון די צובריקעוועטע זאטע מענשען... צייטענווייז, אין דרעמעלדיגען צושטאנד, האָט זיך איהר געדאכט, אז עפעס איינער אן אונבאקאנטער און וואָס איז איהר שטארק באקאנט מיט זיין אונבאקאנטשאפט, אז אָט דער אָ בריקעוועט עס אלץ, אז פון איהם געהען דאָס אָט די ווילדע קולות, און דאָס האָט זי ארויסגעוואָרפען פון דעם דרעמעלדיגען צו־שטאנד, און זי האָט זיך אויפגעכאפט מיט א פיבער אין די גע־ליטען... זי האָט אזוי מורא געהאט פאר איהם, כאָטש זי האָט געוואוסט, אז די געפאהר איז שוין אריבער... זי האָט איצט, נאָך דער געשעהעניש, עפעס ערשט פאר איהם מורא געקראָגען, פיל מעהר ווי פריהער. זי האָט מורא געהאט פאר איהם, אָבער קיין שטארקען פארדרוס האָט זי ניט געפיהלט, אז זי זאָל פיהלען. געווען אפילו מאָמענטען, וואָס איהר האָט באַנג געטאָן דער שטאָך מיט דער נאָדעל, וואָס זי האָט איהם געגעבען. זי האָט געוואוסט, אז זי האָט עס אָהן דעם אויך געקענט אויסמיידען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויפ'ן צווייטען טאָג, פארנאכט, איז צום באָרדינג־הויז „סאָנשיין" א מאַשין צוגעפאָהרען. דאָס איז געווען די זעלבע מאַשין, וואָס פאָהרט הין און צוריק, וואָס ברענגט געסט און

פיהרט אוועק געסט; צוגעפֿאָהרען און זיך מיט מאַשין־אָטעם אָפּגעשטעלט ווארטען אויף אימיצען.

ס'איז געווען נאָך סאַפּער, אָקאָרשט־וואָס האָבען מענשען די טישען פארלאָזט נאָכ'ן דריטען זאַטען מאָלצייט פאר דער צייט פון טאָג. די עסערס, וואָס האָבען נאָר־וואָס אָפּגעגעסען און וואָס אַ גרויסע מעהרהייט פון זיי זיינען אויך פאר'ן עסען זאַט געווען, האָבען זיך פאַרלאַכווייז און גרופּעסווייז צואוואַרפען אי־בער'ן הארטען, שטויביגען וועג, וואָס האָט זיך אוועקגעצויגען מיט זיין שטיינערנער הארטקייט און שטויביגער גרויקייט אין איין זייט און אַ צווייטער, ביידע זייטען צו בערג און טאָלען, צו פארמס און באַרדינג־הייזער. דער הויכער בארג, דער העכ־סטער פון אַלע איבעריגע בערג אין דער געגענט, האָט פון זיך, ווי אַלע פארנאַכט, אָפּגעוואָרפען אַ גרויסען שאָטען און פריה־צייטיג, ווייט נאָך פון זון־אונטערגאַנג, האָט ער פארגאָסען מיט פארנאַכטיגען שאָטען דאָס באַרדינג־הויז „סאָנשיין“, און דאָרטען, אויבען אויף זיין קארקיגער הויכקייט און אין זיין געדיכטער, וואַלדיגער טשופּרינע האָבען זיך אָנגעזעהן אין וואַלדיגער טונ־קעלקייט ליכטיגע לאַטעס, און ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי אָט די ליכטיגע לאַטעס וואָלטען פון ערגעץ פון אַ ווייטער פאַנ־טאַסטישער וועלט אהין געפאַלען, מיט אַ וויזיט אהין געקומען צו בארג־הויכקייט און צו בארגיגען יחוס; און איצט, ווי אַלע מאָל, האָט זיך געדאַכט, אַז דער בארג איז עפּעס פאר זיך אַ הויך־בערגיג וועלטעל, וואָס האָט זיך סעפּאַראַט אָפּגעטיילט און הויך ארויסגעוואַקסען פון דער מוטער־ערד און וואָס האָט זיך באַזונדער זיין וואַלד, זיינע בוימער און ווייסט ניט און וועט קיינמאָל ניט וויסען פון קיין באַרדינג־הייזער און באַרדערס.

מים בערטע האָט זיך באַוויזען מיט אַ קליין רענצעלע אין דער רעכטער האַנט, און נאָך איהר איז נאָכגעגאַנגען איינער, אַ ברודער, און אַ שוועגערין פון צווייטען ברודער, וואָס איז איהר ניט נאָכגעגאַנגען. בערטע האָט אויסגעזעהן ווי אַ פארשלאָפענע

און אַ ברוגז'ע. זי האָט זיך אויף קיינעם ניט אומגעקוקט, באַטש פּילע באַרדערס און באַרדערקעס האָבען מיט רעדען צו איהר און איינס צו דאָס אַנדערע באדויערט דאָס גאָר פּלוצלונגע און אומגערוכטע אוועקפאָהרען איהרס. און ווען זי האָט זיך אריינגעזעצט אין דער מאַשין אריין, האָט מען זי אָנגעהויבען צו באַווארפען מיט בלומען, מיט פארשיידענפארביגע בלעטלאך, צווייגלאך און געוויקסען, מיט אַלעם דעם, וואָס דער זומער און די רייכע בערג־נאַטור האָט פון זיך ארויסגעגעבען. מיט בערטע איז געזעסען ווי אַ זייטיגע, אזוי ווי ניט איהר וואָלט מען דאָס געמיינט. זי האָט זיך געשעמט אויפצוהויבען די אויגען, און ערשט דאַן, ווען די מאַשין האָט זיך פון אָרט גערוהרט, האָט זי אַ קוק געוואָרפען אין איין זייט אריין, אין אַ צווייטער, און קרום געשמייכעלט צו די באגלייטער, און אויפ'ן אָרט זיך ניט געקענט אָריענטירען ווער זיינען זיי, אָט די אַלע, וואָס באגלייטען זי אזוי ווארים ארויס. ס'איז דאָך פרעמדע מענשען, און דאָך ווי גאָרניט לאַנג זיינען איהר אָט די אַלע פרעמדע אזוי נאָהענט געווען. זי האָט דאָך אזא אַקטיווען אַנטייל גענומען אין דאָס פּערזענליכע, אינטימע לעבען פון פילע פון זיי, און זי ווייסט פון אייניגע פון זיי אזוי פיל אינטימע זאכען, וואָס איז איהר, דאכט זיך, אָט ערשט ניט לאַנג אזוי אינטערעסאַנט געווען... און זי פיהרט עס אוועק מיט זיך, אָט דעם באגאזש, ווי אַן איבעריגע און איבעלדיגע לאַסט, און פון איהר וואָס ווייסט דאָ אימיצער? פון איהר ווייסט דאָ קיינער גאָרניט און ס'האָט זיך קיינער ניט אינטערעסירט צו וויסען, גלייך זי וואָלטען גאָר איהר אייגען, פּערזענליך לעבען ניט געהאַט און זי וואָלט געווען אַ לעדיגע כלי אויף אריינצונעמען אין זיך נאָר פרעמדע אינטערעסען... זי פאָהרט אוועק און קיינער ווייסט ניט, אַז זי זוכט דאָ אימיצען, איינעם אזעלכען, וואָס האָט זי אזוי ברוטאַל באליידיגט... ער איז ניטאָ; פאַרשטעהט זיך, אַז ער קען ניט זיין... אָבער זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיין... דאָס איז געווען אַ טיפער, אינערליכער פאַרלאַנג. פון אויבען־אויף האָט זי עס ניט געקענט וועלען, ווייל...

אָבער טאַקע „ווייל" — ווייל ערשט נאָך דעם צופאַל האָט זי אָט דעם מאַן... ליב געקראָגען...

מ'האָט זי באַוואָרפען און באַשאָטען מיט בלומען, מיט צווייגען, מיט פאַרשיידענע ווילדע בלומענדיגע געוויקסען און נאָכגעשריען זי:

— גוד באַי, מים בערטע! מים בערטע, גוד באַי!
זי איז אוועקגעפאָהרען, מים בערטע!

# אַ מאַמע מיט קינדער.

אין איינעם אַ הייסען טאָג און אין איינעם אַ טאָג, ווען מען צולאָזט די קינדער פון די סקולס, איז צווישען דריי און פיר אזייגער צוגעפאָהרען און זיך אָפּגעשטעלט אַ שווארצע, פארשטויבטע מאַשין לעבען באָרדינג־הויז „סאָנשיין". מיט אַ צועפענט טירעל איז די מאַשין צוגעפאהרען און פונ'ם טירעל ארויס האָט ארויסגעקוקט אַ פוס, אַ האנט, אַ זייט און אַ גאנצער קאָפּ פון אַ חברה־מאַן, און אין זיין שטעהן איז קענטיג געווען, אַז ער איז גרייט צו שפּרינגען נאָך איידער די קאר שטעלט זיך אָפּ. און דאָס איז באוויזען געוואָרען דערמיט, וואָס ווי נאָר די קאר האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז ער שוין איינצייטיג געשטאַנען מיטביידע פיס אויף דער ערד. און גלייך נאָך איהם איז אַ צווייטער ארויסגעשפּרונגען, אַ אינגערער פונ'ם ערשטען, און שפּעטער נאָך זיי, האָט זיך געלאָסען און געדולדיג ארויסגעבויגען און ארויסגעקראָכען די מוטער פון די צוויי חברה־לייט, אַ פרוי פון אַ יאָהר זעקס, זיבען און דרייסיג. און כאָטש זי האָט ניט אויסגעזעהן עלטער פון איהרע יאָהרען, האָט זיך דאָך געשפּירט אין איהר עפּעס אַ מין פריהצייטיגע רוהיגקייט און באַשיידענקייט. זי האָט גלייכגילטיג, איינס און צוויי אַ קוק געוואָרפען היין און הער, אויף דער געגענט, אָהן דער מינדעסטער שיין פון באַנייסטערונג, אָבער מיט גרויס ליבע געפרעגט ביים עלטערן בחור'ל:

— נו, הערי, ס'געפעלט דיר? — און אַ וויש געטאָן מיט אַ וויים טיכעל דעם שוויים פון פּנים ביים אינגערען.

אין איהר פרעגען, וואָס זי האָט דעם עלטערען אַ פרעג געטאָן און אין ווישען דאָס פּנים, וואָס זי האָט דעם אינגערען געווישט,

איז גלייך געווען צו דערקענען, אז דאָס איז איינע פון יענע פרויען, וואָס די „מוטער" האָט אזוי פארכאַפּט דאָס גאנצע וועזען זייערס, אז קיין זאַך אינטערעסירט זיי נים און זיי קענען פון קיין זאַך ניט באַגייסטערט ווערן, ווען זיי געפינען זיך אין דער געגענוואַרט פון זייערע קינדער.. אַלעס נעמט עס ביי זיי צו, אַלע געפיהלען ווערען אָפּגעשטאָרבען און זיי קענען אפילו ניט באַצויבערט ווערען פון א שעהנער, רייכער, גאָט־געבענשטער לאַנדשאַפט.

ערשט נאָכדעם, ווען דער עלטערער האָט, אויפ׳ן אָרט פון ענטפערען מיט ווערטער געענטפערט מיט א שפּרונג און מיט א טאַנץ — ערשט נאָכדעם האָט די מאַמע געשענקט א שמייכעל צו די ריזיגע בערג און צו די שרייענדע ליכט, וואָס האָט אזוי ווי געמאכט אויסצוציהען זיך יעדען בארג און בערגעל, ווי זון און הימעל וואָלטען צוגעצויגען צו זיך, אויפגעהויבען צו זיך איינינע טיילען פון דער ערד און אָנזיכטיג געמאכט ניט וויכטיגעס אין דער נאַטור־רייכקייט, פונקט ווי וויכטיגעס...

יאָ, אַזעלכע פרויען זיינען דאָ, וואָס זיינען קיין פרויען ניט, נאָר מאַמעס, וואָס די „מוטער" פארשטעלט זייער פרויענשאַפט איינגאַנצען, פונקט ווי געדיכטע בוימער אין א וואַלד פארשטעלען דעם וואַלד... ווען עס געפינט זיך א פיהלענדער מענש, איז אין דער געגענוואַרט פון אַזא פרוי, אפילו ניט ערוואַרטענדיג און ניט פאָדער־רענדיג פון איהר גאָר ניט, מוז ער זיך פיהלען זעהר, זעהר ניט אנגענעם. א מענש מיט אַמביציע, מיט א שאַרפען און טיפען געפיהל פון זעלבסטווירדע, וואָס קען בכלל ניט איבערטראָגען קיין גלייכגילטיגען קוק אויף זיך, אַזעלכען קען עס אויפשוידערען פון אַזא פרוי. און ווער שמועסט נאָך א מאַן, אַזעלכער וואָס טרעפט אָן אַזא ווייב, וואָס ער אליין אַלס מענש און מאַן עקזיסטירט ניט פאַר איהר, נאָר אַלס טאַטע פון איהרע קינדער...

דאָס פּאָרל, איינער א יאָהר פערציהן, און דער צווייטער, א יאָהר צוועלף־דרייצעהן — האָבען, גלייך ווי זיי זיינען ארויס און אַראָפּ פון קאַר, זיך פארנומען צום שטיפען. ביידע זיינען גלייך ארויפגעלאָפען אויפ׳ן בערגעל דערביי, וואו די קאַר האָט זיך מיט

זיי אָפּגעשטעלט, און אוועק א גאַלאָפּ, איינס נאָך דאָס אנדערע. דער וואס איז געלאָפען פון הינטען, האָט נאָכגעיאָגט דעם וואס איז געלאפען פאַראויס, און דער וואס איז געלאָפען פאַראויס, איז אנטלאָפען פון דעם וואָס איז געלאָפען פון הינטען. און אין אמת'ען, איז דער ניט אנטלאָפען, און דער איז ניט נאָכגעלאָפען. דער עיקר איז ביי זיי געווען דאָס לויפען. דער עלטערער, דער וואס איז געלאָפען פאַראויס, האָט שוין אויסגעזעהן ווי א זכר'ל און איז געלאָפען ווי א יונג אָגער'ל, ווען אזעלכעס געפינט זיך אויף דער גרינער לאָנקע און ס'דערשמעקט פלוצלינג ארום זיך דעם ריח פון „נקבה", דאָס ערשטע מאָל, ווען עס דערשפירט אין זיך דעם שטויס פון דעם מאנספערזאָן...

אָפּגעלאָפען א שטיק וועג און מיד געווארען, האָט זיך איינער און א צווייטער אָפּגעשטעלט; דער עלטערער איז דעם איינגערען אנטקעגען געגאנגען, מיט געפויסטע הענט, כאָטש ער האָט דערביי גאָר ניט געטראכט צו פאַרנעמען א „פאַיט". ווי א יונג ביקל ווארפט זיך מיט זיינע יונגע, נאָך ניט אין גאנצען אויסגעוואקסענע הערנער, ניט צו שטויסען, נאָר צו שפּילען זיך, אזוי האָט דאָס מענשען-קינד גאָרניט געטראכט, נאָר געוואָלט זיך א שפּיל טאָן. און דער קלענערער האָט מיט א געלעכטער געשריען און גערופען דער מוטער צו הילף:

— מאַ-אַ-אַ!!

און די מוטער האָט זיך גלייך אָפּגערופען:

— הערי!!

און גלייך האָט זי אויך דעם צווייטען גערופען. און מיט אזא קול, ווי זי וואָלט צו זיך אהיים, אין איהר אייגענער פארם געקומען, ווי גלייך אחוץ איהר און אחוץ איהרע קינדער, וואָלט דאָ קיינער מעהר ניט געווען.

זי איז געשטאנען און צוגעקוקט ווי די צוויי שותפים פון הָאטעל האָבען ווי צוויי משרתים געשלעפט און געטאסקעט אין האָטעל אריין איין טראָנק נאָכ'ן צווייטען. און די מאמע האָט, פון צייט צו צייט, אויך געהאָלפען עפּעס ארויסשלעפען פון קאר

ארויס. פאַרשטעהט זיך, אַז זי האָט געשלעפּט די לייכטע זאַכען, און דער עיקר, די קינדערשע זאַכען, וואָס איהר איז באַזונדערס ליב געווען. און בעת זי האָט זיך דאָרטען געפּאַקעט מיט די קינדערשע שפּילערייען, איז אפילו געווען צו באַמערקען אויף איהר געזיכט עפּעס א מין אויסדרוק פון גדלות, וואָס איהרע קינדער פאַרמאָגען אזא מין עשירות פון קינדערשע זאַכען, וואָס ניט אַלע קינדער זיינען זוכה צו האָבען. יאָ, ווירקליך א סך זאַכען פון פאַר־שיידענע „געימס" פאַר „עקסערסייז" און די צייט צו פאַרטרייבען: הילצערנע באַלס מיט לאַנגע האמערס, פון וועלכע די הענטלאַך דאָבען ארויסגעקוקט פון א זאַק, שעהן געטאַקטע און רייך געפּאַ־ליטורטע. ווייטער איז דאָרט געווען א גרויסער פוט־באַל, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אן איי פון א געפליגעלטען בער, ס'הייסט, ווען א בער וואָלט געהאט פליגעל און געלייגט אייער, שטעלט זיך דער אויטאָר פאָר, וואָלטען זיי געווען אזוי גרויס און וואָלטען אזוי אויסגעזעהן ווי דער פוט־באַל) און ווידער בעים־באַלס און טענים־באַלס, א פּאָר גרויסע און עטליכע קליינע און קלענערע, מיט צוויי לאַפּאַטקעס, געפלאָכטענע פון סטרונעס, געל און טונקעל־ברוין געפּאַליטורט, וואָס מ'האָט געקענט אָננעמען פאַר אזעלכע מוזי־קאַלישע אינסטרומענטען. ענדליך האָט זי מוטער פון קאַר ארויס־גענומען צוויי־קאַנטיגע שטעקלאַך, וואָס ווער ס'זעהט זיי דאָס ערשטע מאָל, וואָלט איהם קיינמאָל ניט איינגעפאַלען, אז דאָס זיינען ווענדקעס אויף פיש צו כאַפּען... יאָ, אזוי ווי שטעקלאַך האָבען זיי אויסגעזעהן און אינווייניג איז דאָס געלעגען באַהאַלטען דער גאַנצער כאַפּ־אַפּאַראַט... אָן דעם אליין האָט מען שוין געקאָנט דערקענען, ווי ווייט ציוויליזירט און קולטיווירט דאָס אָרט איז, פון וואַנען זיי קומען... און די מאַמע איז מיט גדלות פון די אַלע זאַכען וואָס מ'האָט דאָ איבערגעטראָגען און פון די צוויי שטעקלאַך וואָס זי האָט געטראָגען, פאַרביינגאַנגען באַרדערס און באַרדערקעס, וואָס פילע פון זיי האָבען אויך געהאט קינדער און האָבען נאָך אין זינען געהאט א לעב צו טאָן פאַר זיך אויך...

אויפ'ן פּאָרטש, אויף דער טיר אָהן טירען, און צווישען בלומען־

געוואוקס וואָס האָט באוואקסען דעם אריינגאַנג איז די מוטער שטעהן געבליבען ווי אליין אין א קראנץ בלומען געהילט. אין א ווײַלע ארום איז אראָפּגעלאָפען פון די טרעפּ איינער פון די שותפים און געזאגט, אז אלעס איז אין צימער גרייט און פארטיג פאר איהר, איז זי אין זיין באגלייטונג ארויף טרעפּעל ביי טרעפּעל מיט'ן אויס־דרוק פון א מאמע, וואס האָט קינדער גרויסע שטיפערס, און זי אליין דארף דערפאר געהן פאַמעלאך. טריט ביי טריט איז זי גע־נאנגען, ווי זי וואָלט טרעפּעל ביי טרעפּעל געצעהלט, און יענער, דער שותף, וואָס האָט זי געפיהרט, האָט מיט געוואוינהייט פון א מענשען, וואס לויפט אָפטמאָל אויף טרעפּ ארויף און אראפּ, מיט יעדען שפּאַן זיינעם איינגעשלונגען צוויי־דריי טרעפּלאך מיט אמאָל און איז פון צייט צו צייט שטעהן געבליבען ווארטען און אראָפּקוקען אויף דער דאמע, וואָס איז געקראָכען און געבליבען פון הינטען מיט איהרע צוויי פיס און מיט א האַנט אויף דער פּאַרענטשע.

געעפענט די טיר און זי געלאָזט אָפען איז געשטאַנען אין צימער דער שותף און געווארט אויף דער דאמע. ער איז געשטאַנען מיט אַן אויסדרוק אַזעלכען, ווי איינער, אַן אָרענטליכער מאַן, פאַר־בלאָנדזשעט אמאָל אין א פרעמד צימער אריין און האָט מורא ארויסצוגעהן עס זאָל איהם ניט טרעפען דער אייגענטימער פון צימער, און ווידער קען ער דאָרטען ניט בלייבען. ער איז אזוי לאַנג געשטאַנען ביז די דאמע איז ארויפגעקומען און ווארפענדיג א קוק ארום און ארום, האָט זי פארקנייטשט די נאָז און א ווייז טוענדיג מיט א פינגער אנטקעגען־איבער אויף א פארמאכטער טיר פון א צווייטען צימער געפרעגט:

— און וואָס איז דאָרטען?

זי איז געווען זיכער, אז דאָרטען געגענאיבער אָט דער פאַר־מאכטער טיר געפינט זיך א בעסער צימער, זי איז געווען זיכער, שוין דערפאר, ווייל ער האָט איהר אריינגעפיהרט אין דעם און ניט אין יענעם, איז א סימן, אז יענער איז בעסער.

— דאָרטען איז דאָס אייגענע צימער וואָס דאָ.

זי האָט איהם ניט געגלויבט און געוואָלט מיט איהרע אייגענע אויגען א קוק טאָן. האָט ער איהר צוליב געטאָן און געעפענט פאר איהר די טיר פון פארמאכטען צימער. און ווירקליך, דער יונגערמאן האָט קיין ליגען ניט געזאגט, עס איז געווען פונקט דאָס זעלבע צימער מיט די צוויי פענסטער, און די ווענט זיינען געווען געקלעפּט מיט'ן זעלבען שפּאליר, נאָר דער דאמע האָט זיך פאָרט געדאכט, אז דאָס צימער איז בעסער און טאקע אַלץ דערפאר, וואס ער האָט דאָס צימער ניט געוויזען און געוויזען יענעם.

— איך וועל נעמען דאָס ! — האָט זי אנטשלאָסען געזאָגט.

און דער יונגערמאן, דער שותף פון האָטעל, האָט, נעבאך, אָנגעהויבען אריבערצוטאַסקען די זאכען פון יענעם צימער אין דעם צימער אריין, ס'הייסט פון יענעם אין דעם, וואָס דער איז געווען פונקט אזעלכער אזוי ווי יענער, און געענדיגט די אומזיסטע ארבייט, האָט ער פאר'ן אוועקגעהן געפרעגט :

— איהר וועט עסען דינער, צי איהר וועט ווארטען אויף כאפּער ?

זי האָט איהם געפרעגט און ער האָט איהר אינפאָרמירט אין וואָס פאר א צייטען מען עסט דינער און סאפּער, און אזוי ווי צו סאפּער איז אינגאנצען א צוויי, דריטהאַלבען שעה געבליבען האָט עס איהר זעהר געערגערט, וואָס זי און איהרע קינדער וועלען ניט קענען געניסען פוןביידע מאָהלצייטען. אן אידיאָטישער אומעט האָט זיך ארויפגערוקט אויף איהר פּנים, און געטראכט א לענגערע צייט האָט זי געזאגט :

— מיינע קינדער עסען זעהר ווינציג, זיי זיינען זעהר קליינע עסערם, די קינדער מיינע.

ער האָט איהר פארזיכערט, אז דאָ וועלען זיי ווערען גרויסע עסערם, די קינדער איהרע.

זי האָט נאָך פאר איהם, אין דער געגענוואַרט פון דעם יונגען מאן אָנגעהויבען מאכען הכנות צום אויסטאָן זיך. זי האָט ארויס־געשלעפּט אלע קעמעלאך און האָר־נאָדלען פון קאָפּ און צוטרייסעלט די האָר מיט אזא גלייכגילטיגקייט, ווי עס וואָלט זיך דאָ געפונען

דער מאַן, אָדער א ברודער איהרער. זי האָט אפילו צוקנעפּעלט די בלוזע איהרע, און צוקנעפּעלטערהייט אמאָל מיט איין האנט, אמאָל מיט א צווייטער, זי צוגעהאַלטען, זי זאָל זיך ניט צונעמען, און דאָך האָט עס געטראַפען איין מאָל און א צווייטען מאָל, אז ס'האָט זיך באוויזען דער ליף איהרער אָנגעפילט און אָנגעשטאָפּט מיט קערפּער און מוטער־ברוסט... זי האָט זיך ניט פארשעמט און גאנץ רוהיג און געלאַסען פארליינגט פון איין זייט אויף דער צווייטער די בלוזע און ווייטער זיך דאַרטען געטאָן מיט דער צווייטער, פרייער האנט, וואָס מען האָט באַדאַרפט, און איידער דער יונגערמאן האָט באַוויזען די טיר צוצומאַכען איז זי שוין אָהן א בלוזע געשטאַנען.

דאָס וואַשען זיך און דאָס אָנטאָן זיך איהר'ס האָט זעהר ווייניג צייט פארנומען. זי האָט זיך ארומגעוואַשען ריין און אָנגעטאָן ציכטיג אפילו אָהן א קאָרסעט. אַלס מאַמע האָט זי מעהר ניט באַדאַרפט, דערצו האָט זי זיך צוגעאיילט, כדי מען זאָל וואָס פריהער אָפּעסען דינער, אז עס זאָל בלייבען וואָס מעהרער צייט צו סאַפּער, מיט דער האָפענונג, אפשר וועלען נאָך די קינדער קענען באַווייזען ביז'ן סאַפּער זיך אויסצוהונגערען, ווייל דאָ איז דאָך עפּעס בערג און „קאַונטרי" און פרישע לופט... זי האָט אפילו גע־צווייפעלט צי די קינדער וועלען איצט קענען עסען, ווייל ערשט ניט לאַנג, איידער די טריין האָט זיי דאָ אהער צוגעבראַכט צו דער סטאַנציע האָבען זיי אויפגעגעסען דאָס רעשט „סענדוויטשעס" און פארביסען מיט פּרוכט, מיט טשאָקאָלאַד און מיט נאָך אַנדערע פארשיידענע קענדים.. אָבער עס וועט זיי גאָר ניט העלפען, זיי וועלען ביי איהר מוזען עסען, ווייל זי האָט זיי דאָך צוליב דעם אהער־צו געבראַכט, זיי זאָלען עסען און זי איז דאָך געקומען אכטונג צו געבען אויף זיי, זיי צו נויטען, אז אפילו ווען זיי וועלען ניט וועלען, זאָלען זיי אויך עסען...

פּוס ביי פוס, פון טרעפּעל אויף טרעפּעל, מיט א האנט אויף דער פּאַרענטשע איז זי אראָפּ און זיך באוויזען אויפ'ן „פּאָרטש", באַשיידען, שטיל און גלייכגילטיג צו נאַטור און צו מענשען. און א דרעה געטאָן דעם קאָפּ אויף הין און צוריק און די קינדער ניט

געזעהן, און באמערקענדיג עטליכע זייעריגע, וואס זיינען געזעסען איינגענגעסען אויף הארטע בענקלאך ארום א טישעל און געשפילט אין קאָרטען, האָט זי ביי זיי געפרעגט, צי זיי האָבען ניט געזעהן די קינדער איהרע. איינער און א צווייטער האָט תם'עוואטע אויפגע־הויבען דעם קאָפּ מיט אַן אויסדרוק אזעלכען, ווי ער וואָלט ניט פארשטאַנען, וואס מיינט עס אזעלכעס „קינדער", און א דריטער, וואָס זעהט די פרוי ערשט דאָס ערשטע מאָל, האָט גלאַט אָנגע־שטעלט א פּאר פארוואונדערטע אויגען, וואָס זי פרעגט עס גאר ביי איהם, אָדער ביי די אנדערע און האָט גלייך פארגעסען אין איהר, ווי אלע איבעריגע, און זי, די מאמע, האָט ניט פארשטאַנען און ניט געקאָנט באגרייפען דאָס גלייכגילטיגקייט פון די מענשען (צו ווענען זי אליין איז נאָך גלייכגילטיגער געווען), וואָס לאָזען דורך אָהן אַן ענטפער אזא וויכטיגע פראגע ווי איהרע.

— הערי! ! איסאַי! !

און ביי קינדער אין די יאָהרען פון איהרע קינדער, ביי עלטערע און ביי אינגערע געפרעגט אויף איהרע צוויי בנים'לאך און אזוי לאנג געפרעגט אויף זיי און גערופען ביז זיי האָבען זיך באוויזען, די צוויי חברה'לייט, מיט זייער לויפען און נאָך־לויפעניש איינס נאָך דאָס אנדערע און אזוי איז מען דאָס צו דער מאמען צוגעלאפען,ביידע צופלאָכטענע, צוהיצטע, ווי פאר'שכור'טע פון אייגען בלוט, צואווארימט פון אָנגעשטרענגטער באוועגונג און פון די הייסע שטראַלען פון דער זון, וואָס זיינען ווי אויף אלעם ארום אויך אויף זייערע קעפּ געפאלען. ביידע זיינען צוגעלאָפען און צוגעפאלען צו דער מוטער פארמאטערטע און פארסאָפּעטע און געלאכט פון גרוים גליק און באגייסטערונג. דער אינגערער איז איהר גלייך אריין מיט'ן קאָפּ אין בויך אריין און זי פעסט ארומגעכאפּט ביי דער טאליע, און דער עלטערער האָט פון א זייט אָנגעשפּארט דעם קאָפּ זיינעם אויף איין אקסעל, האָט ער די הענט זיינע, געזונטע, כמעט זכר'שע הענט, אריבערגעווארפען אויפ'ן צווייטען אקסעל און איינגעשלאָסען פינגער אין פינגער... ביידע האָבען פון גרוים גליק ניט געוואוסט וואס זיי ווילען, זיי האָבען א סך פארלאנגט און גאר

ניט געוואָלט, ווייל ס'האָט זיי גאָר ניט געפעלט; זיך געפּיעסטשעט און זיך פאַרקלאָגט פאַר דער מוטער איינער אויפ'ן אַנדערען, כאָטש זיי זיינען איינס אויף דאָס צווייטע ניט בייז געווען און האָבען איינס צום צווייטען גאָר ניט געהאַט...

די מוטער האָט פוןביידען געווישט דעם שוויס, איז אַליין אומרוהיג געווען און די קינדער געריבען מיט'ן נאַסען טיכעלע, וואָס איז נאָס געוואָרען אַרומווישענדיג זיי. זי איז איינעם און אַ צווייטען אַרונטער מיט דער האַנט און מיט'ן טיכעלע הינטער'ן קאָלנער און געווישט און געריבען ווייט אַראָפּ די פלייִשיגע אויס־געפּאַשעטע פּלייצעס זייערע.

— קומט, וועל איך אייך אַרומוואַשען, וועלען מיר געהן עסען דינער.

זי איז אַרויף מיט די קינדער אויבען. און אונטען, אין „דייִנינג רום", איז אַריין אַ ווייטער, אַ שוואַרץ־האָריגער און ווייס־הויטיגער און האָט פון איין פענסטער אַרויסגעצויגען דעם טונקעל־גרינעם גאַרדין און אויף אַ טישעל, וואָס איז שוין געווען געגרייט צום סאַפּער, האָט ער גענומען גרייטען צום דינער פאַר די נייע דריי באָרדערס, וואָס זיינען אָנגעקומען. ער איז געווען פאַרשלאָפען און פאַרמאַטערט און אויפ'ן קאָפּ, אויף די געדיכטע שוואַרצע האָר, איז ווי אַ ווייך געלעגער געלעגען און געדרימעלט דאָ און דאָרטען אַ גרין גרעזעלע, פון וואָס ס'איז קענטיג געווען, אַז ער האָט אין גראָז געכאַפּט אַ דרימעל, טאָקע געשמאַק געשלאָפען און פונ'ם שלאָף האָט מען איהם אויפגעוועקט, ער זאָל געהן גרייטען צום טיש פאַר דריי מענשען... ער אַליין האָט זיי נאָך ניט געזעהן, נאָר דאָס מאַכט ניט אויס... דריי... דריי, איז דריי לעפעל, דריי גאָפּלען, דריי מעסערס, דריי קאָמפּאָט־לעפעלאַך, און דריי טיי־לעפעלאַך, דריי... דריי פּאַפּירענע סערוועטקעס, דריי, דריי, דריי? וואָס נאָך דריי?

ווען די דריי האָבען זיך באַוויזען אין דייִנינג־רום, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען זיי, די דריי פאַר וועמען ער האָט דעם

טיש סערווירט, און האָט העפליך פאַרבעטען דער דאַמע צום טיש און אַרויסגערוקט איין בענקעל, א צווייטעס און א דריטעס.

די דאַמע האָט געפרעגט, וואָס עס איז דאָ צו עסען, ער האָט איהר אויסגערעכענט אַלע מאכלים, וואָס עס זיינען דאָ (אייגענטליך האָט ער באַדאַרפט זאָגען: פאַרבליבען), און זי האָט געפרעגט, צי ס׳איז עפּעס אַנדערש דאָ, און האָט אָנגערופען ביי די נעמען א פּאָר געריכטען. ער האָט געזאָגט, אַז ניין, אַז דאָס איז ניטאָ, אַז דאָס איז ערשט געווען נעכטען, און זי האָט זיך עפּעס אַזוי ווי געוואָלט פאַרענטפערען און געזאָגט, אַז איהרע קינדער גלייכען ניט קיין „טשיקען״.

— איהר וועט עסען טשיקען?

זיי האָבען זיך אפילו ניט אריינגעטראַכט אין דער פראַגע, זיי האָבען גאָר הינטער׳ן טיש געשאָקעלט מיט די פיס און אויפ׳ן טיש געהאַלטען אַלע פיר הענט און זיך געשפּילט מיט גאָפּעל־מעסער, און ביידע האָבען געדרעהט מיט די קעפּ אויף ניין, אַז זיי וועלען קיין טשיקען ניט עסען, דערביי האָט דער עלטערער אויפגעהויבען ביידע הענט, אין איינער א לעפעל און אין דער צווייטער א מעסער און האָט עס אַזוי אנגעשטעלט אנטקעגען קלענערען, דער קלענערער האָט אויך דאָס זעלבע געטאָן און ביידע האָבען גענומען קלאַפּען איינער אין דעם אַנדערענס לעפעל און מעסער.

אין דער גאַנצער שפּיל איז געווען צו דערקענען ווי די קינדערלאַך זיינען, נעבאַך, הונגעריג... יאָ, די מוטער האָט עס אַליין אויך געוואוסט, און אַליין האָט זי אויך קיין הונגער ניט געפיהלט און דערפאַר האָט זי אַזוי קיין חשק ניט געהאַט צו די געריכטען, וואָס זיינען דאָ און חשק געהאַט צו אַנדערע זאַכען, וואָס זיינען ניט געווען.

דער וועיטער האָט דערלאַנגט איין געריכט נאָך דער אַנדערער און איין געריכט נאָך דער אַנדערער האָט די מאַמע אַליין קאַליע געמאַכט און געצוואונגען די קינדער קאַליע צו מאַכען. די דריי פּערטלאַך עוף זיינען צוטערכערט, צוריסען און צופּיצעלט געוואָרען פון גאָפּעל־מעסער און פינגער און צוזאַמען האָבען אַלע אפילו קיין

פערטעל עוף ניט אויפגעגעסען, און ס'האָט זיך געדאכט, אז געבליבען איז מעהר ווי מ'האָט דערלאנגט. יאָ, מ'האָט טאַקע ניט געגעסען, אָבער די מאמע איז דאָך צופרידען געבליבען, וואס די קינדער האָבען קאליע געמאכט זייערע חלקים און זי האָט איהר חלק אויך קאליע געמאכט פאר זייערט וועגען. געווען אומצופרידען, וואָס זיי האָבען ניט געגעסען און איינצייטיג געווען צופרידען... דערפאר וועלען זיי אין א צוויי שעה ארום קאָנען עסען און ס'וועט דאָך הייסען, אז מ'האָט געגעסען דינער און סאַפער...

— מיינע קינדער זיינען זעהר קליינע עסערס, — האָט די מוטער געקאָקעטירט מיט איהר מוטערשאפט אנטקעגען וועיטער, ווען ער האָט פארנומען צוריק פולערע טעלער, ווי ער האָט דער־לאנגט, און געזאגט עס מיט אזא געפיהל, ווי זי וואָלט איהם א טובה געטאָן דערמיט, וואס זיי זיינען קליינע עסערס, און מיט דעם וואס ער האָט גענומען צוריק אלעם דאָס, וואס ער האָט זיי אויפגעגעבען.

די קינדער האָבען גלייך נאָכ'ן עסען פארלאָזט דעם דיינינג־רום, אָבער די מוטער איז נאָך פארבליבען. ניט זאטער און ניט הונגעריגער נאָכ'ן עסען ווי פאר'ן עסען איז זי פארבליבען און אָפגע־האלטען דעם וועיטער און אפגענומען ביי איהם אינפארמאציעס וועגען עסען און טרינקען: ווען און אין וואס פאר א שעה מ'עסט ברעקפעסט, ווען מ'עסט דינער, ווען מ'עסט סאַפער און ווען און וויפיל מאָל א טאָג מען טרינקט מילך; נאָכדעם איי זי ארויף צו זיך אין צימער אריין און מיט א זעלבסטצופרידען געפיהל, ווי זי וואָלט אָפגעטאָן פאר דער וועלט זעהר א וויכטיגע און נוצליכע זאך, האָט זי זיך ארייננעלייגט אין בעט אריין און איז גלייך אנשלאָפען געוואָרען מיט א הארטען, זיסען שלאָף...

# אן ערענטליכע פרוי.

דער גרעסטער טייל פרויען זיינען צו די מענער צו זייערע ניט מילכיג, ניט פליישיג, און דאָס זיינען די ערענטליכע פרויען אָדער דער מיטעלפּונקט צווישען ערענטליכקייט און אונערענטליכקייט... ערענטליך און אונערענטליך זיינען אין תוך גענומען אלע פרויען, אָהן אויסנאהם... דער אויטאָר מיינט צו זאָגען, אז אין ערענט־ליכקייט ליגט אויך א געוויסע דאָזע און אָפט גאָר א גרויסע דאָזע אונערענטליכקייט, וואָס די פרוי אליין באמערקט עס ניט. איינע קען זיין ווי איבערגעבען דעם מאַן און דאָך איהם פאַרראַטען ביי דער ערשטער געלעגענהייט, און א צווייטע, וואָס זאָל אפילו פיינט האָבען דעם מאַן, וועט זיך דאָך ניט לאָזען באהערשען פון א צווייטען... קיין דירעקטע געטריישאַפט אָדער אונגעטריישאַפט צו א מאַן פון א פרוי עקזיסטירט גאָר ניט... דאָס איז אין גאַנ־צען אָפּהענגיג פון כאַראַקטער, וואָס די פרוי באזיצט. די באַ־ציהונגען פון דער פרוי צום מאַן, גוט צי שלעכט, קומען אממעהר־סטען פון דער זייט...

די טעמפּעראַטור איהרע צו איהר מאַן הויבט זיך און פאַלט א דאַנק זייטיגע איינדריקע און צופאַלען... „א געטרייע" פרוי קומט אמאָל פון גאַס און וואַרפט א שיינענדיגען בליק, א שמייכעל צום מאַן איהרען א דאַנק דעם, וואָס זי האָט אין גאַס באמערקט ווי איינער א דורכגעהער האָט אויף איהר א פלאַמענדען קוק גע־וואָרפען. און אַן אונגעטרייע, נאָך אזא באגעגעניש, בלאָזט זיך אָן אויף דעם מאַן... און זאָלען מיר מיינע ליבע פרויען און דאַמען אנטשולדיגען פאַר דער אנטפּלעקונג, פאַר'ן טרויעריגען אמת, וואָס איך זאָג דאָ ארויס. איך געה ווייטער און זאָג ווידער:

דער קערן פון געטריישאפט און אונגעטריישאַפט איז איינער און דער זעלבער. צולעצט וויל איך צוגעבען, אז די גרעסטע טייל געטרייע און אונגעטרייע פרויען געפינען זיך צווישען די גאָט־גע־בענשטע, איך מיין צווישען די שעהנע... וואָס א פרוי איז שעה־נער איז זי... יאָ, דאָס איז דאָך שוין אַן אַלטער כלל. דאָס ווייסען שוין אַלע. איך וויל אָבער עפּעס צוגעבען א נייעס צו דעם, אז אויך די אָרענטליכסטע געפינען זיך צווישען די שעהנע... אָבער פרעהט זיך ניט, טעכטער פון חוה. עס איז כמעט דאָס זעלבע, געטריישאפט פון א פרוי און אונגעטריישאפט זיינען נאָהענטע מחותנים, און ווער עס גלויבט מיר ניט אויפ'ן טרוקענעם וואָרט, וועל איך עס איהם, דעם ניט־גלויבער, אויף אַן אַנדער אופן דער־ווייזען.

---

א גאַנצע רייהע מיט יאָהרען האָט עס אָנגעהאַלטען א שטאַרקע ליבע (פון געטריישאפט איז דאָך אָפּגערעדט) פון מיסעס בעלע־מער צו איהר מאַן, מר. בעלעמער.

די געטריישאפט איהרע צו איהר מאַן איז געווען א קאַפּריז... א קאַפּריז פון איהר שעהנהייט און פון דעם, וואָס קיין מאַנסבילש אויג האָט איהר ניט דורכגעלאָזט גלייכגילטיג און דערפאַר ווייל עס איז אַזוי געווען, איז זי דערפאַר אַלע צייטען פון טאָג און אַלע שעה'ן פון דער נאַכט געווען אויפגעלעגט צום מאַן צו איהרען. אָבער, אום כדי צו זיין אויפגעלעגט צו איהם, האָט זי געמוזט אַלע מאָל פיהלען אויף זיך דעם בליק פון פרעמדע מענער, זיין צווישען זיי און פיהלען ווי זיי גליהען און ברענען אין איהר גע־גענוואַרט. און דערפאַר טאַקע האָט זי ארויסגעקוקט אויף די פּאָר זומערדיגע מאָנאַטען, וואָס זי איז געפאָהרען אין די בערג. דאָר־טען האָט זי געהאט ברייטע מעגליכקייטען פאַר פיל מענער איהר אָרענטליכקייט צו באווייזען, און א דאנק די פיל מענערשאַפט ארום זיך, איז זי נאָך שטאַרקער איבערגעגעבען געוואָרען צום מאַן... דאָרטען ערשט, צווישען פיל מענער, וואָס האָבען געשוועבט און געווימעלט פאַר איהרע אויגען, דאָרטען איז די אָרענטליכ־

קייט און איבערגעבענהייט צום מאַן אָפּגעפּרישט געוואָרען... איהר אָרענטליכקייט האָט ניט געקענט פארטראָגען די ד' אמות ביי איהר אין שטוב, אין דער ענגער, געדיכט־באַזעצטער שטאָדט. זי האָט געפאָדערט נאַטור־רייכקייטען, גראָז און בלומען, בערג מיט בוימער און טאָלען מיט וואסערלאַך וואָס שליינגלען זיך... די דאַ־מע איז געווען פארליבט אין איהר שעהנקייט... זי האָט זיך אַליין געקושט אין די אויבער־אַקסלען ווען זי איז אַליין ביי זיך אין צימער אנטקעגען שפּיגעל געשטאַנען... און האָט אַליין אין זיך ארייננעקוואָלען פון דעם, וואָס זי געהערט נאָר צו איינעם און אַלע איבעריגע זאָל זיי פּלאַצען די גאַל...

איידער זי איז אָפּגעפאָהרען, האָט זי אַלע מאָל אָנגעזאָגט דעם מאַן איהרען, שטרענג אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אומבאדינגט אָהן א שום תירוץ קומען צו איהר אַלע וואָך. אָ, וויפיל זי וואָלט גע־קענט איבערלעבען ווען דער מאַן זאָל א וואָך פארפעהלען און ניט קומען! זי וואָלט זיך געשעמט די אויגען איהרע צו ווייזען פאר די מענער, אין וועמעס געזעלשאפט זי פארברענגט די צייט א גאַנצע וואָך. זי וואָלט קראַנק געוואָרען פון אַזא געדאנק, אַז אי־מיצער זאָל איבערטראַכטען, אַז דער מאַן האָט זי ניט אַזוי שטארק ליב, אַז ער קען זיך פארגינען א וואָך ניט קומען.

יאָ, זי האָט פארבראַכט א גאַנצע וואָך און מיט אַלעמען גלייך, ניט געשענקט איינעם מעהר אויפמערקזאַמקייט און א צוויי־טען וויניגער... מיט אַלעמען גלייך, און האָט זיך אַזוי געהאַל־טען, אַז קיינער פון זיי זאָל אויף א מינוט ניט פארגעסען, אַז זי איז ניט אַזוי ווי אַלע פרויען און וואָס איינער איז איהר מעהר געפעלען, אַלץ מעהר האָט זי דעם איינעם געגעבען צו פיהלען, אַז זי איז ניט אַזעלכע, נאָר אַן אַנדערע, אַז זי איז ניט פון יענע, וואָס פאָהרען אַוועק אין קאָונטרי און פיהרען זיך לייכטזיניג אונ־טער די אויגען פון זייערע מענער, וואָס בלייבען אין שטאָדט.

דער מאַן איהרער איז אַלע שבת פארנאַכט געקומען אין זיין איינענער מאַשין, און ווען ער איז געקומען האָט איהם געשטעקט א דיקער סיגאַר אין מויל און די שעהנע ווייב זיינע האָט איהם

אָפּגעוואָרט פון אויבען אויפ'ן העכסטען טרעפּ און אויפ'ן בערגעל, וואו ס'האָט זיך געפונען דאָס באָרדינג הויז. צוגעהאַקט דאָס טירעל, איז ער גלייך אַרויף אויף די טרעפּלאַך מיט זיין פולער וואָג, וואָס ער האָט און וואָס אַזעלכער אין זיין וואוקס דאַרף האָבען, און אַרומגעכאַפּט איהר מיט ביידע הענט, האָבען זיך ביי־דע געקושט און דער סיגאַר האָט זיך דאָרטען געדרויכערט ביי איהם הינטער דער פּלייצע צווישען זיינע פינגער...

ער האָט זי געהאַלטען ווי אַ בעל־גאוה, ווי אַן עכטער יענקי. אַ קליינינקייט, אַן אייגענע מאַשין און אַן אייגענע ווייב, וואָס קיי־נער אַ חוץ איהם קען ניט באַריהרען!... ניט די מאַשין און ניט די ווייב... ער האָט זי שוין געקאָנט, די פרוי זיינע, און איז גע־ווען אין איהר שטאַרק פאַרגלויבט, און דאָס געפיהל פון אַ מאַן, וואָס איז זיכער אין זיין ווייב, אַז זי פיהרט זיך אויף אָרענטליך אונטער זיינע אויגען, האָט זיך געלאָזט און געגעבען פון איהם צו שפּירען... ער האָט עזות'דיג אַריינגעקוקט יעדען מאַנסביל אין פּנים אַריין, דורכפיהרענדיג דאָס ווייב זיינע דורך דאָס אויס־געפּלאַסטערטע שטיקעל וועג, וואָס האָט געפיהרט אין האָטעל אַריין און אין מויל האָט נאָך אַלץ געשטעקט און פון זיך אַליין זיך געדרויכערט דער דיקער סיגאַר.

דעם שבת'דיגען אָבענד און אַ גאַנצען זונטאָג האָבען ביידע פאַרבראַכט צוזאַמען, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען: באַזונדער גע־געסען; באַזונדער געגאַנגען; באַזונדער געזעסען; אַלעס אַזוי פאַר זיך און מיט זיך, איינס פאַר דאָס אַנדערע אין גאַנצען, פול מיט פרעמדקייט און אָפּגעזונדערטען ענגאַאיזם, פון ריהר מיך ניט אָן און איך דיך ניט. דער עיקר האָט זיך עס געשפּירט אין איהם, אין יעדען קוק, אין יעדער באַוועגונג זיינער און אין גאַנצען אין איהם האָט זיך געשפּירט דאָס געפיהל פון פּריוואַט מענש... ער אַליין איז פאַר זיך. דאָס ווייב איז זיינס און אַלעס וואָס איז זיינס איז זיינס און ס'קען אימיצענס אַנדערש ניט זיין... אַך, וואָס פאַר אַ מיאוס'ע בריה עס האָט זיך אין דעם מענשען גע־שפּירט...

מאָנטאָג, גאַנץ פריה, איז ער אוועקגעפאָהרען, א שטאָלצער, א צופרידענער, א זאטער... פרעמד צו אַלעמען, חוץ צו זיין איי־גענער ווייב, האָט ער זי איטליכס מאָל אָנגעקוקט פאר אַלעמען אין די אויגען און ארויף און אריין אין דער מאשין און צוגעהאקט דאָס טירעל איז ער אליין ניט געבליבען, און די מאשין האָט זיך אָנגעהויבען צו לאָזען הערען, מאשין־לעבען צו באווייזען מיט א גערוך פון וואַרימקייט און פון געזאָלין ,און א ריהר געטאָן זיך פון אָרט, האָט זיך אויך א וויילע געטאָן א ווייז א קאָפּ מיט א פנים מיט א שמייכלענדיג מויל און באגריסט א לעצטען מאָל די ווייב זיינע, האָט די מאשין געטאָן א שלעפּ, א גהע, און אוועק.

און ווען די מאשין איז שוין געווען ווייט אוועק, איז שוין געווען פארהילט אין א וואָלקען שטויב, וואָס זי האָט אליין אָנגע־מאכט מיט איהרע דיקע געשוואָלענע רעדער, איז זי, די ווייב, נאָך אלץ געשטאנען אויפ'ן בערגעל און באגלייט די מאשין מיט דער ווייטער ראיה פון איהרע ליכטיגע שטאָלצע אויגען. זי איז גע־שטאנען מיט איהר פולער גראציע און מיט יענער פעסטקייט און זיכערהייט פון א פרוי, וואָס איז שטארק פארגלויבט אין איהר צוציהונגס־קראפט, זיכער, אז דער מענש, וואָס האָט זי נאָר־וואָס פארלאָזט, וועט ווידער און ווידער קומען, און דאָ פאר דער צייט אָהן איהם וועט זי זיך אויך ניט פיהלען עלענד.

זי האָט לאנג געוואָרפען מיט א הענטעל, וואָס זי האָט געהאל־טען איבער זיך, העכער פון זיך, און דאָס הענטעל האָט געפלאַ־טערט עפּעס ווי א באזונדער צארט לעבעדיג באשעפעניש מיט דינע פיסעלאך... דאָס הענטעל האָט א דאנק דעם, וואָס זי האָט עס געהאלטען אין דער הויך, דאמאָלס אויסגעזעהן נאָך צארטער ווי געוועהנליך, ווייל ס'איז געבליבען אָהן בלוט... ער האָט שוין דאָרטען ניט געזעהן ווי זי מאכט דאָ מיט'ן הענטעל און זי האָט געוואוסט, נאָר זי האָט עס ניט געמאכט פאר איהם, פאר יענעם וואָס איז אוועקגעפאָהרען, נאָר פאר די יעניגע, וואָס זיינען דאָ געבליבען...

ענדליך האָט זי זיך ווי א יונגע קאָבילע, ווען מען לאָזט זי

ארוים פון די האַליאַבלעס, זיך געטאָן אַ דרעה־אוים מיט איהר גאַנ־צער, גראציע, מיט איהר גאַנצען שעהנעם פּאַרנעם, פול מיט לעבען און רייפקייט פון אַזעלכער, וואָס ווייסט שוין וואָס לעבען איז, און האָט זיך צושמייכעלט צו יעדען איינעם ווער ס'איז איהר אויפ'ן אויג געקומען, און אַמאָל האָט זי אַזוי פּאַר זיך אַ מאַך גע־טאָן מיט'ן הענטעל און אַ זאָג געטאָן:

— גוד באַי!

---

שפּעטליך הינטער די פּערציגער, ווען אַ פרוי אין די יאָהרען הויבט שוין אָן צו געהן בארג אַראָפּ, האָט זי אָנגעהויבען צו באַ־מערקען, ווי די מענערשע געזעלשאַפט ווערט עפּעס קיהלער אַרום איהר און שיטערער און זי האָט פּאַרלאָרען דעם אינטערעס צו איהר שפּיל אין אָרענטליכקייט און אָנגעוואָרען דעם חשק אין די בערג צו פאָהרען. דער מאַן אָבער האָט זי מיט געוואַלד ארויס־געשטויסען, ניט אַזוי פון איבערגעבענהייט צו איהר, נאָר פון אייגענעם מאַנסבילשען און ביזנעסמאַנישען עגאָאיזם... וואָס הייסט עפּעס זיין ווייב וועט ניט פאָהרען אין קאַנטרי?... עפּעס איז דאָס געוואָרען ווי אַ מנהג... זי איז געפאָהרען, פּאַרשטעהט זיך, אָבער אָהן אינטערעס... געשטאָרבען איז ביי איהר דער אינ־טערעס צו איהר אָרענטליכקייט, פּיהלענדיג, אַז ס'קען שוין איצט ביי אַנדערע קיין אָרט ניט פּאַרנעמען... אין די יאָהרען האָט זי דערשפּירט, איז דאָס שוין קיין זאַך ניט וואָס מ'זאָל קענען קאָקע־טירען דערמיט, ווייל די רוב פרויען, אפילו ניט־עהרליכע, הויבען שוין אָן אין די יאָהרען עהרליך צו זיין.

דעם לעצטען מאָל איז זי שוין געפאָהרען מיט אַ געשטאָר־בענער עהרליכקייט אין הארצען... אַ ליידיגע, ווי אַ פּלעשעל פון פּערפיום, וואָס איין מאָל ווען ס'ווערט אויסגעליידיגט, בלייבט עס שוין אויף שטענדיג ליידיג און דאָך אויף אייביג פאַרשטאָפּט און ס'ווערט דאָרטען אָנגעהאַלטען דער נאָך־ריח פון די שמעקענדיגע טראָפּען, ווי אַ בענקעניש נאָך דער שמעקענדיגער פליסיגקייט וואָס האָט זיך דאָרטען געפונען. אַזוי ווי דאָס ליידיגע פּלעשעל איז

די דאַמע אונזערע געבליבען אַ ליידיגע, מיט אַ בענקעניש אין האַרצען נאָך די פאַרגאַנגענע יאָהרען, וואָס זיינען אַוועק ניט באַמערקט, ווי דער פּערפיום פון אַ פלעשעל טראָפּען צו טראָפּען, דאַכט זיך כסדר פול געווען, און ענדליך דאָך ליידיג...

זי האָט ביי דעם מאָל פאָהרען, ווי מיט אַ יאָהר פריהער, שוין ניט אַזוי דרינגליך אָנגעזאָגט דעם מאַן ער זאָל קומען, דערשפּירענדיג און באַמערקענדיג, אַז די מענערשע געזעלשאַפט האָט צו איהר דעם אינטערעס פאַרלאָרען און ווערט שיטערער אַרום איהר. אַ דאַנק דעם האָט זי פאַרלאָרען דעם אינטערעס צו איהר מאַן און צו זיינע וויזיטען... ס'האָט שוין ביי איהר ניט אַרויסגערופען קיין פרייד זיין קומען, שפּירענדיג, אַז ביי אַנדערע מענער קען זי שוין ניט אַרויסרופען מעהר קיין קנאה צום מאַן...

זי האָט זיך דערפיהלט זעהר איינזאַם און געשריבען אַהיים דער „באָי" איהרער זאָל קומען צו איהר, איהר איין־און־איינציגער זוהן, וואָס זי פאַרמאָגט און מעהר ניט געוואָלט פאַרמאָגען... ווען ער איז גאָר קליין געווען, פלעגט זי איהם מיטנעמען מיט זיך אין קאָונטרי. שפּעטער אָבער, ווען ער האָט אָנגעהויבען צו וואַקסען און עלטער ווערען, האָט זי ניט געוואָלט מ'זאָל וויסען, אַז זי האָט שוין אַן עלטער קינד און זי האָט איהם אויפגעהערט מיטצונעמען, האָט איהם געלאָזט מיט'ן מאַן אין דער היים און זיי ביידען געלאָזט אויף איהר מוטער'ס הענד, וואָס האָט געקאָכט און געבאַקען פאַר ביידען.

פלוצלונג, ווען דער „באָי" איז שוין אַ „באָי" געווען, וואָס האָט זיך שוין אַליין אויף זיין אייגענעם רעכענונג געקענט ערלויבען אין קאָונטרי צו פאָהרען, האָט זי איהם פאַרבעטען צו זיך, ער זאָל פאָהרען צו איהר און ניט ערגעץ אַנדערש, אויף די צוויי וואָכען וואַקיישאָן וואָס ער נעהמט... יאָ ,זי האָט שוין ניט געהאַט וואָס אָנצוזאָגען... איז גוט אַ נייע, אַ פרישע קאָקעטעריי מיט אַ שעהנעם דערוואַקסענעם זוהן...

ער איז געקומען מיט זיינעם אַ חבר, אויך אַ בחור אין זיינע יאָהרען, וואָס האָט אויך גענומען וואַקיישאָן און איז אויך געקו־

מען אויף צוויי וואָכען. די צוויי חברה־לייט, אַזוי ווי זיי זיינען נאָר אָנגעקומען, האָבען זיי זיך אריינגעוואָרפען אין לעבען אריין מיט דער זיכערקייט ווי גרויסע שווימער ווארפען זיך אין וואסער אריין, ניט איבערטראַכטענדיג גאָר ניט, פעסט און זיכער אין זייער יוגענדליכער מאכט... מיט פולען צאַפּעל פון יונגען לעבען האָבען זיך ביידע גלייך געוואָרפען די קורצע צייט פון זייער וואַקיישאָן אויסצונוצען... זיי זיינען אין אַ שעה צוויי אַרום באַקענט געוואָרען מיט אַלע מיידלאַך, וואָס זיינען דאָרטען געווען און האָבען מיט אַלעמען געשטיפּט.

די מוטער פון איינעם פון די שטיפערס האָט נאָכגעשפּירט דאָס זוהנדעל איהרס מיט אַ געניט, שאַרף אויג פון אַ מוטער, ווי אַ קאַץ קוקט אַמאָל אויף איהרע קעצעלאַך, וואָס שפּילען זיך אין אַ שפּיל פון מייז־כאַפּעניש... איהר איז דאָס גוט באַקאַנט און זי קען זי נאָך אַליין אויך...

זי האָט געקוקט, זיך צוגעקוקט צו דער פייערדיגער שפּיל צווישען דער יונגווארג און ס'האָט ווהע געטאָן דאָס הארץ פון בענקשאַפט... ביי זיי איז דאָס ניט געווען קיין שפּיל אין אָרענט־ליכקייט... אין יעדער באַוועגונג זייערער האָט זיך זינד געשפּירט, ברענענדיגע לוסט איינס דאָס אַנדערע צו האָבען און צו באַזיצען, און דאָך איז דאָס אַזוי צוגעגאַנגען מענשליך, לייטיש... פאַר־לייגט און פארשטעקט מיט געלעכטער און ענטוזיאַסטישע קולות, ווי אַלעם מיינט מען, נאָר דאָס, וואָס מ'מיינט מיינט מען ניט.

די שפּיל האָט זיך איבערגעריסען אויף אַ האַלבער שעה מיט'ן סאַפּער, און נאָכ'ן עסען האָט זי זיך ווידער אָנגעהויבען און האָט אָנגעגליהט די לופט און די גאַנצע אַטמאָספערע אַרום זיך מיט יוגענדליכען פייער און אַרום און אַרום זיינען געשטאַנען הויכע, ריזיגע בערג ווי פאַרגליווערטע קערפּער פון אייביגקייטען און האָבען ווי מיט אַ כיון פריהצייטיג איינגעשלונגען דעם טאָג, האָ־בען פארשטעלט דעם זון־אונטערגאַנג און אריינגעשלעפּט אין טאָל אריין פריהצייטיג די נאַכט... בוימער אויף בערג, בערג הינ־טער בוימער, מיט אַ בלויען הימעל איבער זיך און ניט צו באַ־

גרייפּען וועלכע אייביגקייט איז עלטער און וועלכע ס'איז אינגער...
אין די אַלטע אייביגקייטען האָט זיך געפּיהלט די אייביגע יוגענד,
אייביגע רייכקייט פון נאַטור און אייביגער רייץ פון לעבען.

ס'האָט ביי אונזער דאַמע איין מאַנסביל און אַ צווייטער גע־פּרעגט אויף איהר זוהן, צי דאָס איז איהר זוהן... זיי האָבען עס געוואוסט און געפּרעגט מיט אַ טאָן פון פאַלשער פאַרוואונדערונג, עס זאָל הייסען, אַז זיי גלויבען ניט, אַז זי זאָל שוין האָבען אַזאַ זוהן... זי האָט עס פאַרשטאַנען, נאָר ס'האָט איהר ניט אינטע־רעסירט... די מענער, וואָס האָבען עס געפּרעגט, זיינען געוועזען אין איהרע יאָהרען און גראַד האָט זי אין אַזעלכע דעם אינטערעס פאַרלאָרען... זי איז אריינגעפּאַלען אין אומבאַשטימטקייט פון פריהעסטער יוגענד, אין יענעם פעריאָד פון יוגענד, וואָס עהרליכ־קייט אָדער די שפּיל אין אָרענטליכקייט האָט קיין פּלאַץ ניט...
יאָ, יענע צייט איז שוין ביי איהר אַוועק, זי האָט אָבער ניט גע־וואוסט וואָס ס'געהט איצט קומען... אַ סברה די עלטער, וואָס איז אָפּט אַזוי עהנליך ביי פרויען אין די יאָהרען, וואָס זי געפינט זיך צו דער פריהעסטער יוגענד... יאָ, זי האָט זיך אין אַן אומבאַ־שטימטער לאַגע דערפּיהלט און ניט געוואוסט, וואָס זי וויל, און אין נעבעל פון איהרע געפיהלען האָט גענאָגט אַ בענקשאַפט.

זי האָט זיך אָפּגעבאַזונדערט, זי איז ארויף אויפ'ן העכסטען „פּאָרטש" פון אויבען, וואו עס קומט זעלטען ווער ארויף אהין אחוץ אַ פּאָר פאַרשיידענע חברה־לייט, אָדער אַ בחור מיט אַ מיי־דעל, וואָס זוכען איינזאַמקייט. דאָס פּאָרטשל איז קיין פּאָרטשל ניט געווען, ס'איז געווען אַ גאַניקעל פאַר שעהנקייט וועגען, צוליב די צוויי פענסטער פון בוידעם, וואָס האָבען שטוביג און מיט בוי־דעמדיגער הויכקייט אריבערגעקוקט אריבער בוימער צו בוימער, אריבער בערג צו בערג, מיט פוסטער גאוה פון בוידעם־פּוסטקייט. אהינצו האָט זיך, ווען ס'איז צוגעפּאַלען נאַכט, די דאַמע פאַרקלי־בען... אַן איבערפלוס פון געפיהלען האָט זי פאַרטריבען פון מענשען און געשלעפּט צו איינזאַמענירען זיך ווייט פון יוגענד און ווייט פון עלטער... געבליבען אַליין מיט זיך, האָט זי זיך

געוואָלט אָפּגעבען אַ חשבון־הנפש צי איז זי אומאָרענטליכער פון אַלע פרויען, צי פאַרקעהרט? זי האָט לאַנג אריינגעטראכט אין דעם, און איז צו קיין באַשלוס ניט געקומען...

---

ווייטער וואָס איז פאָרגעקומען, איז טאַקע אַלץ פאָרגעקומען אין זעלבען אוועגד.

ס'איז געווען נאָך צוועלף. מיטעל־יעהריגע מענער און דאַמען, וואָס זיינען אריינגעזעסען שפּעט אין דער נאַכט אריין, האָבען זיך איינס נאָך דאָס אַנדערע אָנגעהויבען צו צוגעהן, און אָהן חשק איז געגאַנגען אַ ווייב צו איהר מאַן וואָס איז דאָרטען ערגעץ געשלאָפען אין רחבת'דיגער ברייטקייט אין אַ „דאָבעלבעט" אַליין, און אַ מאַן איז צו ווייב געגאַנגען וואָס איז דאָרטען ערגעץ געשלאָפען ביי אַן אָפענעם פענסטער. זיי האָבען געפּלאָנטערט זייערע פיס אין דער הארטער גראָז, און הינטער'ן שוואַכען שיין פון די עלעקטרישע לעמפלאַך, וואָס האָבען באַלויכטען אַ קליינעם שטח, און אביסעל ווייטער האָט גערוהט אַ געדיכטע פינסטערניש, וואָס האָט, ווי עס האָט זיך געדאַכט, ענגער געמאַכט אין אינטימער פאַרבינדונג. באַרג פון באַרג האָט ניט אויסגעזעהן אַזוי ווייט איינס פון דאָס אַנדערע, און בכלל זעהט אַלצדינג אַנדערש אויס... צווישען אַנדערע און באַזונדער איז געגאַנגען אונזער אָרענטליכע דאַמע מיט צוויי יונגע לעבענס ביי די זייטען, מיט איהר זוהן און מיט איהר זוהנ'ס חבר... זי האָט מיט איהם איטליכס מאָל געטאַנצט, מיט דעם יונגען בחור, האָט איהם געכאַפּט אַ צורייצטען פון אַנדערע און אוועק מיט איהם אין געדרעה און אין שווינדעל פון קעפּ און פון פּנים'ער, וואָס האָבען זיך געדרעהט און באַוועגט, זיך גערוקט און אויף אַן אָרט געשטאַנען, ווי אין קדחת פון תאוה מיט די אַקסלען געפיבערט... זיי זיינען איצט אַלע דריי געגאַנגען און זי האָט געשפּירט ווי עס צאַפּעלט אין זיי דאָס לעבען, בייביידען, ביי איהרען און ביים פרעמדען, און עפּעס אַ מיטלייד געהאַט מיט ביידען.

זי האָט זיי געפיהרט אין קיך אריין מילך טרינקען און ביידען

געפיהרט אונטער די הענט, וויביידע וואָלטען איהרע קינדער געווען. זי האָט אָבער אויף א ווײלע ניט פארגעסען, אז איינער איז א פרעמדער און איז זעהר נייגעריג געווען צו וויסען, צי אזא בחור׳ל קען עפּעס פיהלען צו אזא פרוי ווי זי, צי ניט...

אריינגעפיהרט זיי אין קיך אריין, וועלכע איז געווען אזוי גרויס און פריי ווי א שטיק דרויסען מיט ווענט פארוואָרפען, האָט זי זיי ביידען אָנגעגאָסען צוויי גלעזער מליך. די צוויי פלאַמענדיגע, צוהיצטע בחורים האָבען דורשטיג געטרונקען די קאַלטע מילך פון אייז מיט ארויסגעוואַלעטע אויגען פון די גלעזער ארויס, וואָס האָבען געקוקט איינס אויף דאָס אנדערע מיט קלוגע, פייערדיגע בליקען, קלוג און פייערדיג פון יוגענד און לוסט, און ביידע האָבען זיך גוט פארשטאַנען... די מוטער האָט געקוקט אויף זיי מיט אן אויג פון א יונגער מוטער, וואָס פאָטאָגראַפירט מיט איהר בליק אָפּ דעם געדאַנק און דעם פארלאַנג פון איהר דערוואַקסען קינד אין א געוויסען מאָמענט און האָט אין זיך אריינגעשמייכעלט א שמייכעלע.

פארלאָזט די קיך, האָט זי זיי ביידען ווידער אונטער די הענט גענומען, געפרעגט ביי ביידען ווי א מוטער, צי זיי זיינען מיד און אויפגעוואָרפען דעם זוהן איהרען, וואָס האָט דער מאַמען, זינט ער איז געקומען, אפילו איין האַלבע שעה ניט געשענקט, ער זאָל מיט איהר פארברענגען.

— איהר זייט אויך אזוי צו אייער מאַמען? — האָט זי ביים זוהנ׳ס חבר געפרעגט אין ענגליש.

— איך גלייך זעהר מיין מאַמע, — האָט דאָס בחור׳ל מיט א נארישען טאָן געזאָגט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך פארביי זיי, ניט נאָהענט און ניט ווייט, עפּעס אזוי ווי צו ווייזען זיך און צו באהאַלטען זיך, האָט זיך פארבייגעגליטשט א קליין געוויקסיג מיידעלע; זי האָט זיך אזוי ווי פארבייגעריבען, ווי איינער וואָס לויפט דורך א שמאָלען קאָרידאָר און וויל ניט באַמערקט ווערען. זי האָט זיך גע׳מסר׳ט אין דער פינסטערניש מיט איהר ווייסער בלוזקעלע און מיט די

ווייסע שיכעלאך און ווייטער, האָט זיך געדאכט, איז גאָר ניטאָ, אַז פונ'ם בלוזקעלע ביז די שיכלאך פעהלט אין גאַנצען און דאָס האָט עפּעס געמאכט אַן איינדרוק, אַז דאָס מיידעלע האָט אַלעס באַהאַלטען, פאַרשטעלט... ביידע בחורים'לאך האָבען זיך אַ ציה געטאָן ווי ווענגען עפּעס אַן אָפּגעדעדטע זאך און די דאמע האָט כמעט ווי אינסטינקטיוו דעם אייגענעם אָפּגעלאָזט און דעם פרעמ־דען האָט זי פאַרהאַלטען נעבען זיך... אין אַ ווײלע אַרום, ווען דאָס פּאָרעל איז פאַרשוואונדען, האָט זי ביי איהם געפרעגט, צי ער וויל אויך מיטגעהן מיט זיי און דער חברה־מאַן האָט עפּעס אַ פלאַנטער געטאָן מיט דער צונג: „בעליוו מי!"... און אַליין ניט געוואוסט וואָס ער זאָגט און וואָס ער האָט געמיינט צו זאָגען.

עפּעס איינמאָל און אַ צווייטען מאָל האָט זי דערשפּירט ווי דאָס בחור'ל האָט אַ פיבער געטאָן און איהר איז זעהר אנגענעם געווען די ליידען זיינע, געפיהלט עפּעס אַ מין נקמה־געפיהל, וואָס ער קען זיך ניט באַפרייען פון איהר, וואָס איהם ציהט צו אַן אַנ־דערער און איז דורך איהרען אַ קאַפּריז פאַרבליבען נעבען איהר...

זי איז געגאַנגען, איהם געפיהרט אונטער דער האַנט און ער איז נאָכגעגאַנגען... אָפּגעגאַנגען ווייט פון דער עלעקטרישער ליכט און אריינגעפאַלען אין ריינער פינסטערניש האָט זיך געדאכט, אַז ס'איז עפּעס ליכטיגער געוואָרען... ביי די זייטען איז געוואַקסען די אָנגעוואַקסענע געדיכטעניש פון בוימער און גרינס און ס'האָט זיך געדאכט, אַז ביינאַכט, אין דער פינסטער, האָבען אָט־די אַלע געוויקסען עפּעס אַן אַנדער לעבען, וואָס איז פיל טיפער פון ביי־טאָגיגען, און וואָס איז פאַרזונקען אין אייגענער טיפקייט און וועט קיינמאָל פון די טיפקייטען ניט קענען אַרויסקריכען... די דאמע האָט געפיהרט דעם בחור, אַליין ניט געוואוסט נאָך וואָס, אָבער גאַנץ באַשטימט געפיהלט, אַז זיין יוגענד, וואָס איז שוין ניט פאַר איהר, רייצט איהר ,וועקט אין איהר אויף געפיהלען פון פאַרדרוס און האַרץ־וועהטאָג... ביי איהר איז געווען עפּעס אַ עהנליך געפיהל ווי ביי שמשון הגבור, ס'איז געווען דאָס געפיהל פון „חזקנו ואמצנו אך הפעם", נאָך איין מאָל, אַ לעצטען מאָל,

א פּרואוו טאָן איהרע כחות. זי האָט אָבער קלאָר פאַרשטאַנען, אַז דעם שנעק קען זי ניט רייצען מיט איהר אָרענטליכקייט... אַזאַ חברה־מאַן קען אַ פרוי אין איהרע יאָהרען צוציהען, איהם אריינ־ווארפען אין פלאַמען, נאָר אין דער צייט ווען ער וואָלט געפיהלט ברייטע מעגליכקייטען...

זי האָט געפיהלט ווי ער גליהט... יאָ, אין אַזאַ מאָמענט באַ־דאַרף מען ניט האָבען קיין סך אום צו פאַרקירעווען דאָס פייער, וואָס ברענט צו יענער, צו זיך; אָבער איהר האָט אָפּגעהאלטען דערפון איהרע מוטער־געפיהלען... ס'איז זיך לייכט פאַרצושטע־לען ווי אַזאַ בחור קען זיך דערנאָך באַציהען צום חבר, צום זוהן פון דער, וואָס...

אָט וואָס! ? אַזוי ווייט האָלט זי שוין ? און איהר האָט זיך בסך הכל גאָר ניט געוואָלט אַזוי ווייט האַלטען... יאָ... אָבער דעם בחור האָט זי אַלץ ניט געוואָלט אָפּלאָזען פון זיך... זי האָט עפּעס אָפּגעזוכט ווענען עפּעס מיט איהם צו שמועסען און האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס דאָס זעלבע בחור'ל וואָס האָט איהר פריהער צווישען זייניגע אויסגעזעהן אַזוי קלוג צו זיין און ער־פינדעריש אויף אַלערליי שמד־קונצען, אַבי עפּעס מעהר צו געני־סען פון איינער און אַ צווייטער מיידעל, — אָט דער זעלבער האָט נעבען איהר אין גאַנצען דעם שכל זיינעם פאַרלאָרען... ער איז דאָך נאָך אַלעמען אַ נאַר, האָט זי געטראַכט, ווען ער וואָלט שכל געהאַט, וואָלט ער דאָך... און אפשר?... אפשר איז דאָס מיי־דעלע, מיט וועלכער דאָס בחור'ל איהרם איז אנטרונען געוואָרען, אפשר אַזעלכע... אויב אַזוי, איז דאָך טאַקע אַ רחמנות אויף איהם...

— ס'אַ גרויס רחמנות אויף אייך — האָט זי געזאָגט — געהט !...

זי האָט ניט געמיינט ער זאָל געהן און ניט געמיינט איהם אָפּצולאָזען; זי האָט געוואָלט שפּילען מיט איהם ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז.

און אַלץ ווייטער און ווייטער אָפּגעגאַנגען פון איינגעזעסע־

נעם צייטווייליג־היימישען ישוב און אריינגעפאַלען צווישען בלוי־זער נאַטור, וואָס איז אַזוי ליב און בלייבט אַלע מאָל פרעמד דעם שטאָדטיגען מענשען... ס׳האָט זיך אָהן אויפהער געלאָזט הערען דאָס לויפענדיגע וואַסערעל ערגעץ אונטען און נאָהענט, פאַרשטעלט פון בוימער, בוימעלאַך און ווילדע געוויקסען און אַלעם צוזאַמען מיט די בערג האָבען געמאַכט אַן איינדרוק ווי אייביגע שטילקייט און אייביגע סודות פון וועלט און פון לעבען וואָלט געשוויגען און געמורמעלט און דאָס שווייגען און דאָס מורמלען איז אַזוי עהנ־ליך איינס צו דאָס אַנדערע און ס׳איז שווער צו כאַפּען אין וואָס ס׳ליגט מעהר שטילקייט — צי אין דער שטילקייט צי אינ׳ם גע־רויש פון וואַסערעל... און די לופט אַרום בליצט מיט פייערדיגע פינטלען, ס׳בליצט דאָ און דאָרט און אומעטום... עס בליצט און עס לעשט זיך איינצייטיג צווישען בוימער און צווייגען און טיף אין דער געדיכטער פינסטערניש, ביי דער ערד און העכער פון דער ערד... עס שפּריצען פייערדיגע פונקען פון נאַכט און פון פינסטערניש און עס דאַכט זיך, אַז יעדעס פייער־שפּריצעלע איז עפּעס אַ נייער סוד, וואָס רייסט זיך פון פינסטערער באַהעלטע־ניש אַרויס, רייסט זיך אַרויס און דערצעהלט דיר גאָרניט, נאָר מאַכט די פינסטערניש געדיכטער און סודות׳דיגער.

די דאַמע האָט זיך דערפיהלט געאייניגט פון אַזוי פיל לעבען און סודות פון לעבען אַרום זיך... צוויי שטאַרקע געפיהלען האָ־בען געהאַמערט אין איהר און געברויזט... עס האָט איהר איינ־צייטיג געשלעפּט און געצויגען צו עהרליכקייט און זינד... צייי־טענווייז האָט זיך געוואָלט פאַלען דעם יונגען בחור אויפ׳ן האַלז און צואווייגען זיך אויף יוגענד און אויף איהר יוגענד, וואָס איז אוועק, און צייטענווייז האָט זיך איהר געוואָלט פרעך זיין, פרעך, ווי די פרעכסטע... ניין, ווי די אָרענטליכסטע, ווי אַן אָרענט־ליכע קען פרעך זיין אין געוויסע מאָמענטען.

— געהט! — האָט זי פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן אויף אַ גאַנץ הויכען טאָן, ווי זי וואָלט עס איהם באַפוילען צו טאָן.

דער נאַרישער בחור האָט שוין געוואוסט, אַז פון איידעל־

קיינמאָל‑וועגען דאַרף ער ניט אוועקגעהן, אַז שוין יע געקומען מיט איהר אַהער, מוז ער מיט איהר געהן צוריק און זי ניט לאָזען אַליין דאָ.

— איך האָב ניט קיין מורא, געהט!... פאַר אייך האָב איך מורא, פאַר אייך! — האָט זי איהם דעם ערשטען געדאַנק אַריינ‑געגעבען וועגען זיך — פאַרוואָס זייט איהר מיט מיר געבליבען, האָ? פאַרוואָס זייט איהר ניט אוועק מיט'ן מיידעל, האָ? פאַר‑וואָס מיט מיר, האָ?

דער בחור איז אַ געוויסע צייט פאַרשטיינערט געבליבען פון דעם אונערוואַרטעטען אָנפאַל. ביסלאַכווייז אָבער האָט זיך עס אָנגעהויבען דרעהען אויף צוריק און, דערשפּירענדיג מעגליכקייטען, האָט ער אָנגעהויבען צו פיהלען דאָס, וואָס איז איהם פריהער אין די געדאַנקען ניט געקומען. דאַמאָלס איז ער ריידעוודיג גע‑וואָרען און זיך אָנגעהויבען צו פאַרענטפערען, אַז ער האָט קיינע שלעכטע געדאַנקען ניט געהאַט, און ווי קען זי גאָר אַזעלכעס טראַכטען וועגען איהם.

זי האָט געהערט דעם טאָן זיינעם און די ווערטער און אַלעס מיט איהם צוזאַמען האָט איהר אויסגעזעהן אַזוי נאַריש, און אין דעם האָט זי איהר עלטער געשפּירט. זי האָט עס אַנאַליזירט אויף אַזאַ אופן: ווען זי איז אַשטייגער אַ מיידעל אין זיינע יאָהרען, וואָלט זי דען געזעהן אין איהם דעם נאַר?... און אפשר... אפשר איז ער גאָר ניט אַזוי נאַריש. אפשר איז זי טאַקע ווידער אַמאָל שולדיג. זי, אין איהרע יאָהרען... גאַנץ מעגליך, אַז ווען אויף איהר פּלאַץ וואָלט זיך די מיידעל געפונען, וואָלט ער גאָר נאַריש ניט געווען. די נאַרישקייט קומט ביי איהם פון דער ניט‑גלייכ‑קייט אין די יאָהרען, פון דעם, וואָס זי האָט שוין אַזאַ זוהן אַזוי ווי ער...

זי האָט געהאַט איין פאַרלאַנג: שפּילען אויף זיינע גע‑פיהלען, איהם אויפרייצען און עפּעס אַזוי און אַזעלכעס צו ריי‑דען און זיך אַזוי צו האַלטען, אַז עס זאָל איהם אַרויספיהרען אויף די געדאַנקען פון מעגליכער צופרידענשטעלונג פון זיינע

ליידענשאַפטליכע געפּיהלען... יאָ, זי איז שוין גאָר איצט אַן אַנ־דערע געוואָרען. פריהער מיט יאָהרען האָט זי געהאַט פאַרלאַנ־גען צוציהען צו זיך מיט אָרענטליכקייט; איצט, פאַרקעהרט, האָט זי געוואָלט אָנשטויסען דעם בחור אויף זיך מיט אַנדערע מיטלען, און דאָך טיף אין זיך האָט זי זיך ניט געפיהלט אונ־אָרענטליכער ווי זי איז געווען פריהער מיט יאָהרען. דערפאַר אָבער אין דעם אָנגעטאַפּט די עלטער און פון אויבען־אויף האָט זיך געקענט באַקומען אַזאַ איינדרוק, אַז זי, אויף דער עלטער, איז גאָר זינדיגער געוואָרען ווי אין דער יוגענד... אין אמת'ן אָבער האָט זי מיט גרייטקייט צו זינדיגען זיך דערנעהענטערט צו אָרענטליכקייט... זי האָט פאַרלאָרען דעם אינטערעס אין נאַרען זיך און פילע פון דעם מענער־געשלעכט און אָנשטאָט פילע זאָל נאָר איינער אָפּגענאַרט ווערען און פאַרטיג, און בלייבען עהרליך צו זיך און עהרליך נאָך צו איינעם... יאָ, זי האָט צו דעם בחור גאָר ניט געפּיהלט, נאָר ס'איז געווען עפּעס אַן אינוויינינגסטער דראַנג צו פאַרענדיגען די לאַנגאָניגע, לאַנג־יעהריגע שפּיל פון קאָ־קעטעריי, ארויסצוקריכען פון דער כאַאָטישער שפּיל און איבער־געהן צו אָרענטליכקייט און צו עלטער, און פיהרען אַ שטיל, רוהיג און געלאַסען לעבען.

ביי אַ זייט וועג האָט זיך ווי אָפּגעג'גנב'עט און זיך פאַר־דרעהט אָן אַ זייט אַ וועגעלע אַ שמאָלס און אַ בלאָסינגס און אריינגעפּאַלען צווישען אַ געדיכטעניש פון גרויסע בוימער און קליינע בוימעלאך און גלאַט געוויקסען און פאַרשוואונדען געוואָ־רען. די דאַמע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אָרט, וואו דאָס וועגעלע פונ'ם וועג פאַרדרעהט זיך, און אַוועקגעקוקט אַהין, וואו דאָס וועגעלע פאַרלירט זיך... ס'האָט זי געצויגען אַהינצו, דאָר־טען פלאָנטער אריין פון געוואוקסען, פאַרדרעהטע צונויפגעגאָסען מיט פינסטערניש... ס'האָט זי געצויגען אַהינצו, געפיהלט עפּעס אַן עהנליכקייט מיט דעם אַלעם דאָרטען, וואָס זי ווייסט ניט וואָס דאָרטען איז, זי האָט ביי זיך אויך געפּיהלט דאָס זעלבע: אַ פינסטערניש און אַ פאַרדרעהעניש אין איהר ווייבליכעס וועזען...

אַליין, עפּעס ווי דורך אַ צופאַל אָפּגעריסען פון דאָרטען און גע־וואָרען עפּעס אַ לעבעדיגע זאַך, וואָס איז ניט צוגעבונדען צו דער ערד, אָבער דאָס אינערליכע וועזען איז געבליבען דאָס זעלבע, וואָס דאָרטען ביי די געוואוקסען, דאָס לעבען וואָס ליגט אין מענ־שענ'ס וועזען און ס'איז איהם אַזוי אומקלאָר, פּונקט ווי פאַר די געוואוקסען וואָס לעבען און וואַקסען איז אומקלאָר דער סוד פון זייער חיות און זייערע קאַפּריזען פון פאַרשידענע פאָרמעס און קאָלירען...

זי איז אַוועק מיט דעם ווענעלע און דער בחור האָט זיך איהר נאָכגעשלעפּט ווי אַ שטיק נאַרישקייט פאַרקערפּערט אין אַ מענ־שען־געשטאַלט... ער האָט שוין עפּעס דערשפּירט, דער חברה־מאַן, און איז אינגאַנצען פאַרטעמפּט געוואָרען פון דעם פאַרשטעהענ־דען גליק, וואָס איהם שטעהט פאַר... ער האָט אָבער ניט גע־וואוסט, ווי דאָס קען פאַרווירקליכט ווערען, ווי אַזוי צו מאַכען דעם ערשטען שריט דערצו, די באַזונדערע און נייע שריט, ווי צו צוטרעטען צו אַ פרוי אין אַזאַ עלטער... ער האָט זיך געפיהלט זעהר נאַריש... ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט איהר און זי גענומען אונטער דער האַנט, געשפּירט ווי דאָס פּנים זיינס קרימט זיך פון נאַרישקייט, וואָס קריכט פון איהם אַרויס. יאָ, ס'איז געווען אַזאַ שמאָל ווענעלע, וואָס אין צווייען איז אוממעגליך געווען צו געהן אויף דעם, איז זי געגאַנגען אויפ'ן ווענעלע און ער ביי דער זייט און זיך פאַרטשעפּעט ביי צווייגען און אונטען די פיס געפּלאָנ־טערט אין באַוואַקסענקייט, אַריינגעקראָכען צווישען קוסטעס, וואָס האָבען זיך געבויגען אונטער זיינע פיס, און באַפרייט זיך, זיך געטאָן אַ הויב אויף צוריק אַזוי ווי מיט פליגעל־געררויש און צונע־שורשעט אַ היבשע ווײַלע ביז צווייג און צווייגען האָבען זיך אויס־געגלייכט און צוריק זיך צונויפגעקומען מיט די איבעריגע, וואָס זיינען געבליבען אומבאַריהרט. דערזעהן אַ היבשען שטיין, וואָס איז ווי אַ קוגעל געזעסען און זיך אַרויסגעבלייכט ווי אַ פאַרבלאָנ־זשעטער צווישען בוימער און געוואוקסען, האָט דער בחור'ל פאַר־געשלאָגען דער דאַמע, זי זאָל זיך צוזעצען אויף דעם שטיין. זי

האָט דערפיהלט, אַז דער בחור איז שוין עלעקטריזירט. זי האָט נאָכגעשפּירט יעדע באַוועגונג זיינע און זיך איינגעהערט אין זיין אָטעם. און דאָ האָט זי שוין אָנגעהויבען צו שפּילען די ראָלע פון דער אומוויסענדער און אומשולדיגער:

— ניין, נאָך וואָס, קומט, וועלען מיר שוין געהן אהיים...

און זי האָט זיך געלאָזט געהן. אָבער ער, איז געבליבען פון הינטען. זי האָט הינטער זיך געהערט זיין שטעהן, געפיהלט ווי ער שפּירט זי נאָך און זיך ניט היימליך דערפיהלט... זי איז ווייטער געגאַנגען מיט דרייסט, אָבער געפיהלט, אַז אָפּשטעלען זיך וועט אויך ניט טויגען. און ווייט פאַר איהרע אויגען האָט זיך שוין מיט העלקייט, ווי אַ הויכע און לאַנגע טיר, דער וועג פון וואַלד ארויס צום פרייען ברייטען וועג געוויזען. אין דער צייט האָט זי דערהערט אַ שטיל און האַסטיג לויפען און שפּעטער אַ ווייילע איז זי ארומגעקלאַמערט געוואָרען אין פעסטע אָרעמס, מיט אַ הייסען האַרטען קערפּער צו זיך, מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ און קורצען אָטעם. און דאָ איז ביי איהר געקומען אַ פראַגע: זאָל זי זיך אונטערגעבען, צי זאָל זי קעמפען?... דאָס איז געווען אַ ריין־פּרינציפּיעלע אָדער אַמביציעזע פראַגע — זיך אונטערגעבען אָדער ניט? און מערקווירדיג, וואָס איינצייטיג איז זי געווען פאַר דעם און געגען דעם. זי האָט ניט געוואוסט צוליב וואָס זאָל זי דאָס יאָ טאָן און צוליב וועלכעס און צוליב וואָס ניט... זי וועט ניט אָרענטליכער ווערען ווען זי וועט זיך ניט אונטערגעבען און וועט ניט אומאָרענטליכער ווערען ווען יאָ. זי האָט זיך אָבער דערמאָנט אָנ׳ם זוהן און געגומען קעמפען...

ס׳איז שוין אָבער געווען צו־שפּעט. זי האָט אָנגעצונדען דאָס יונגע בלוט אין דעם יונגען בחור, און מיט קאַמף האָט זיך עס נאָך מעהר צופלאַקערט. זי האָט דערשפּירט די גאַנצע קראַפט פון יוגענדליכער ווילדער ליידענשאַפט און געפיהלט, אַז זי קעמפט שוין אַזוי פיל, אַז ער זאָל זיך איינגאַנצען פיהלען שולדיג אין זיין אָנגריף, האָט זי געפונען פאַר אומזיניג דעם גאַנצען ווייטערדיגען קאַמף און זיך געלאָזט באַזיגען. — — — — — — — — — —

# אַ שפּיל.

מיר איז אָקאָרשט וואָס איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז פרויען קענען אין זיך קיין סוד ניט איינהאַלטען, דערפאַר וואָס זיי אַליין זיינען פול מיט סודות. דערפאַר, וואָס יעדע פרוי איז אַ שטיק סוד. איך גלויב, אַז זיי ווייסען דאָס אַליין ניט. אַז ס'איז פאַר זיי אַליין אַ סוד, אָט די פיל־סודות'דיגקייט זייערע.

אנטקענגען וואָס דאָס איז צורייד געקומען? אָט הערט, וועט איהר הערען:

ביי אונז אין אָפיס ארבייט ערשט אַ קורצע צייט אַ מיידעלע, דאַר ווי אַ שפּענדעלע, און פונקט ווי אַן אויסגעטריקענט שפּענדעלע קען זיך אָנצינדען פון אַ ליאַדע פונק, אַזוי פיהלט מען (אַזוי האָב איך על כל פנים געפיהלט), אַז אָט דאָס דאַר מיידעלע קען זיך פון אַ ליאַדע באַריהרונג מיט אימיצען אָנכאַפּען און ברענען, און ווי קליין דאָס איז, אַזעלכע גרויסע אויגען האָט עס, מיט אַזוי פיל שוואַרצקייט און אַזוי פיל גלאַנץ און אַזוי פיל חכמה. און דאָס אַלעס, אי די שוואַרצקייט, אי דער גלאַנץ, אי די חכמה, דאַכט זיך, איז איין און די זעלבע זאַך אויסגעמישט צוזאַמען און צוזאַמען איז דאָס אַ קלוג, שוואַרץ גלאַנציג אויג. וואָס בליצט פול מיט לעבען, פול מיט יוגענד וואָס איז אין דעם קליינעם דאַרען קערפּערל פאַרבאַהאַלטען.

פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב איהר פון ערשטען טאָג אָן וואָס זי איז צו אונז אין אָפיס אָנגעקומען, געשענקט זעהר פיל אויפמערקזאַמקייט. ווען איך האָב געהאַט אַ געלעגענהייט האָב איך געקוקט אויף איהר און געשמייכעלט צו איהר. מיין אויג האָט זיך ניט געקענט אָנזעטיגען מיט'ן עסטעטישען גענוס. איך

האָב פשוט געהאַט גרויס פאַרגעניגען פון דעם קוקען אויף איהר און איך האָב טאַקע געוואָלט זי זאָל וויסען און פיהלען אַז איך קוק אויף איהר, און זאָל עס איהר פרעהען, און מעהר האָב איך טאַקע ניט געוואָלט, ווייל וואָס קען אַזאַ מאַן אין די יאָהרען וואָס איך בין, און אַ באַווייבטער, ערוואַרטען פון אַזאַ מיידעלע וואָס איך וואָלט שוין געקענט האָבען אַזעלכע קינדער ווי זי איז.

איינמאָל איז אַריינגעקומען מיין פרוי אין אָפיס אַריין און פון דעמאָלסט אָן האָב איך באַמערקט, האָט דאָס מיידעלע גאָר אַנדערש אויף מיר אָנגעהויבען צו קוקען. איך האָב עס אויפ'ן אָרט באַמערקט, בעת מיין פרוי איז געווען, אַז זי קוקט עפּעס שיינענדיג און שמייכלענדיג אַמאָל אויף מיר, און אַמאָל אויף איהר, און ס'איז אַזוי קענטיג געווען, אַז עפּעס האָט זי צו זאָגען. און טאַקע אַזוי גלייך ווי די פרוי מיינע האָט דעם אָפיס פאַרלאָזט, אַזוי האָט זי געזאָגט צו מיר:

— איך האָב זיך גאָרניט געריכט, אַז איהר האָט אַזאַ יונגע, שעהנע פרוי.

— פאַר וואָס?

זי האָט ניט געענטפערט. זי האָט מיר בלויז אַריינגעשמייכעלט און דאָס האָט געמיינט, אַז געמיינט האָט זי דאָס דערפאַר, ווייל איך שענק איהר אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט.

און פון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבען צו באַמערקען, ווי אָט דאָס מיידעלע, ווערט צו מיר פריינדליכער און ליבליכער. וואָס ווייטער אַ טאָג, האָב איך געפיהלט, ווערט זי אַלץ צוגעלאָזטער צו מיר, און עפּעס אַזוי ווי מיט אַ פּרעטענזיע, וואָס איך האָב מיך ניט געקענט פאַנאַנדערנעמען, צו וועמען זי האָט די פּרעטענזיע, צו זיך אָדער צו מיר, האָט זי עטליכע מאָל אין פאַרשידענע צייטען אַ פרעג געטאָן (ביי זיך צו ביי מיר?).

— פאַר וואָס קען איך זי ניט פאַרגעסען, פאַר וואָס?

און ביי יעדעס מאָל, וואָס זי האָט דאָס געזאָגט, האָט זי מיר אַזוי שפּילעוודיג אַריינגעקוקט אין די אויגען אַריין, ווי זי וואָלט דאָרטען ביי מיר אין די אויגען געזוכט עפּעס און גענישטערט,

איך האָב ניט געוואוסט וואס. אָבער זיכער איז געווען איין זאך, אז די קליינע האָט זיך זייט דאן עפּעס דערפיהלט נעהענטער צו מיר, א דאנק דעם וואס מיין פרוי איז א שעהנע און ניט פיל עלטער פון איהר.

— אייערע מענער! — האָט זי מיר איין מאָל אזוי א זאָג געטאָן, מיט א קאָקעטיש ברוגז'ל און מיט א פינגער'ל דערביי א שמייס געטאָן אין דער לופט.

— וואָס?

— איהר ווייט שוין...

און ס'האָט אויסגעזעהן, אז זי איז איינצייטיג אי ברוגז אויף מיר, און איז איינצייטיג צופרידען מיט מיר. אָבער איך האָב אויף קיין פאל ניט געקענט וויסען פון וואָס זי איז צופרידען, און פאר וואָס זי איז ברוגז. צי איז זי ברוגז דערפאר, וואס איך האָב א שעהן ווייבעל, און דאָך פון דעסטוועגען, דאָס וואס זי האָט געמיינט מיט די ווערטער „איהר ווייסט שוין וואס", און איז געווען צופרידען וואָס... און ניט קלאָהר... מיר וועלען פּרואוווען נאָך אמאָל: זי איז געווען ברוגז און צופרידען איינצייטיג... דאָס מיינט... „גאנץ פשוט" (ס'רעדט זיך אזוי „גאנץ פשוט"): זי איז געווען ברוגז אויף מיר פאר מיין ווייבעל, וואָס האָבענדיג אזא שעהן, יונג ווייבעל, שענק איך איהר, דער מויד, אזוי פיל אויפמערקזאמקייט, און איינצייטיג איז זי טאקע פון דעם זעלבען געווען צופרידען... קלאָהר? און אויב ס'איז נאָך אלץ ניט קלאָהר, איז דאָס שוין ניט מיין שולד. איז דאָס די שולד פון דער נאטור, וואס האָט אזוי פאררדרעהט אָט דאָס ווייבליכע וועזען. און אויב ס'וועט אימיצער וועלען זאָגען, אז אומזיסט לייג איך אריין אזוי פיל שכל אין אזא... ניין, דאָס איז ניט קיין שכל. דאָס טוט זיך ביי זיי אָהן שכל. ס'טוט זיך פון זיך... אינסטינקטיוו. ביי זיי, ביי די פרויען, איז דער גאנצער שכל זייערער אן אינסטינקטיווער און דערפאר איז אזא קליינער אונטערשיד פאראן פון א פופצעהן־יעהריגע מיידעלע ביז א דרייסיג יעהריגער פרוי; פון א געלעהרענטער, „אינטעליגענ־

טער" פרוי, ביז אַ „פּראָסטער". אַלע זיינען זיי „אינטעליגענט". אַלע זיינען זיי „פּראָסט". אַלע זיינען קלוג און אַלע זיינען זיי נאַריש. מיט איין און דער זעלבער קלוגשאַפט און מיט איין און דער זעלבער נאַרישקייט זיינען אַלע קלוג און נאַריש.

איין מאָל האָט זי מיר אַזוי ליבליך און צערטליך אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין און געזאָגט און געפרעגט, צי קען אַ מאַן זיך פאַרליבען אין אַנאַנדערער, ווען ער האָט אַ שעהנע פרוי?

איך האָב געשמייכעלט מיט פרייד און פאַרגעניגען און איהר געהייסען אַוועקשטעלען די פראַגע גאַנץ אַנדערש: צי קען אַ מאַן, וואָס האָט ליב זיין ווייב, זיך פאַרליבען אין אַ צווייטער?

זי האָט מיך פאַרשטאַנען, אָט דאָס ממזר'שע מיידעל, און האָט אַזוי ברייט און יום־טוב'דיג געשמייכעלט פול מיט פאַר־שטאַנד און פול מיט חכמה. איהרע גרויסע, שוואַרצע אויגען זיינען פיל ליכטיגער און שוואַרצער געוואָרען, און אָנגעקוקט האָט זי מיך אַזוי אַ היבשע ווײַלע מיט אַ שמייכעל און מיט גלאַנץ, און מיט איהר גאַנצען מיידעלשען יום־טוב האָט זי אַ שאָקעל גע־טאָן מיט'ן קאָפּ אויף יאָ. הייסט עס, אַז זי פרעגט עס אַזוי ווי איך האָב איהר געהייסען פרעגען, און איך האָב איהר געענט־פערט:

— אויב איינער איז שטאַרק באַגייסטערט פון זיין פרוי, איז אַלע מאָל דאָ אַ געפאַהר, ער זאָל זיך ניט פאַרליבען אין אַ צווייטער, וואָס האָט עפּעס עהנליכעס צו דער פרוי צו זיינער, פון וועלכער ער איז באַגייסטערט.

איך ווייס ניט אויף וויפיל ס'איז ריכטיג. אָבער געזאָגט האָב איך עס ניט אַזוי לשם ריכטיגקייט, נאָר צוליב דעם, כדי איהר צו געבען אָנצוהערען, אַז איך בין פאַרליבט אין מיין פרוי, און אַז דערפאַר קען איך אויך פאַרליבען זיך אין איהר, און געה האָב צו מיר טענות דערפאַר.

פאַר איהר איז דאָס אַ נייעס געווען, און זי האָט ברייטער געעפענט די אויגען, פון פאַרוואונדערונג. מערקווירדיג, איך האָב אַליין בעת מעשה ניט געוואוסט פון מיין אויפטו. דאָס איז

דאָך געווען אַן אויסערגעוועהנליכער איינפאַל. נאָר איך וויל זיך ניט באַריהמען. באמת, ס'איז מיר בעת מעשה אַליין ניט איינגעפאַלען, אַז איך האָב דאָ געכאַפּט צוויי האָזען מיט אַמאָל, עס הייסט, אַז מיט דעם, וואָס איך האָב איהר געזאָגט, אַז איך בין פאַרליבט אין מיין אייגענער ווייב, איז איינצייטיג געזאָגט געוואָרען, אַז איך קען זיך פאַרליבען אין איהר.

זי האָט שוין מיר ניט געקוקט אין די אויגען אריין, נאָר אין פּנים, און אויף מיין קאָלנער און האַלז־טוך האָט זי געקוקט. די אויגען איהרע זיינען געווען האַלב אַראָפּגעלאָזט און אויף איהר ברייטליכען, אויסערגעוועהנליך סימפּאַטישען מויל, איז גע־לעגען אויסגעגאָסען אַ האַלב שמייכעלע. עפּעס אַזאַ באַטראַכטס און פאַרטיפטס, און מאָמענטען־וויז האָב איך געפיהלט, אַז ס'ויצט נעבען מיר עפּעס אַזאַ נאָהענט מיידעלשע מענשעלע, וואָס טראַכט זיך אַריין אין מיר און וואָס האָט אַ שטאַרקען אינ־טערעס מיך לערנען צו קענען.

— איז דאָס ביי אַלע אייערע אַזוי?

איך האָב איהר געענטפערט, אַז וועגען דעם קען איך איהר קיין ענטפער ניט געבען, און דערביי איהר ערקלעהרט אָט וואָס:

— די ליבע ביי אַלע מענער האָט איין יניקה, פּונקט ווי אַלע בוימער, וואָס וואַקסען פון דער ערד... אָבער זעהט פון דעסט־וועגען וויפיל סאָרטען בוימער עס וואַקסען אַרויס פון איין און דער זעלבער ערד, אַזוי איז דאָס ביי מענער אויך. יעדער איי־נער האָט זיך זיינע אייגענשאַפטען, זיינס עטוואָס אינדיווידו־עלעס. פאַראַן אַזעלכע, וואָס, פיינד האָבענדיג די אייגענע ווייבער, האָבען זיי דערפאַר ליב אַלע פרעמדע. פאַראַן, ווידער, פאַרקעהרט, אַזעלכע, וואָס אַ דאַנק זייער פיינדשאַפט צו די איי־גענע, האָסען זיי אַלע פרויען... ווייטער זיינען פאַראַן אַזעלכע מענער, וואָס ליב האָבענדיג די אייגענע ווייבער, האָבען זיי אַלע פרעמדע פיינד. און פאַראַן, ווידער, נאָך אַ סאָרט מענער, וועל־כע, וואָס מעהר זיי האָבען ליב די אייגענע ווייבער, אַלץ מעהר געפאַהר איז דאָ זיי זאָלען זיך ניט פאַרליבען אין אַנדערע.

— איצט ווענדעט זיך צו וועלכען סאָרט מאַן איהר וואָלט געוואָלט אריינפאלען...

זי האָט געשמייכעלט און געזאָגט, אז דער סאָרט, אָט דער פון די וואס האָט ליב זיין ווייב און קען זיך אויך פארליבען אין אן אנדערער, אז אָט דער סאָרט געפעלט איהר דוקא בעסער... אזעלכער איז אינטערעסאנטער... אָבער....

— אָבער וואס?

זי גלויבט זיך נאָך ניט, צי אזעלכעס איז מעגליך.

איך האָב זיך געבראכט פאַר א לעבעדיגען פאקט, און ז׳ האָט אזוי מיליג און צייגעריג געשמייכעלט, און אויף איהרע אָריענטאל שווארצע אויגען האָט זיך פארצויגען א שפּיגעלדיג פייכט גלענצעל, און געזאָגט האָט זי אין א פּאָר מינוט ארום, אז אויף איין זאך גלויבט זי מיר יאָ, אז פארליבט בין איך.

— אין איינער?

זי האָט ניט געענטפערט.

— ווער־זשע איז די איינע?

— אייער פרוי!...

— ריכטיג! ריכטיג ווי גאָלד... אָבער ווי אזוי נאָך! איך בין באגייסטערט פון איהר!...

זי האָט פּלוצלינג אויף מיר ברייט א קוק געטאָן, און פאר־שטאנען, אז איך האָב שוין צופיל אָנגעצויגען, האָב איך זי צורוה געלאָזט און געזאָגט גוד־באַי, כאָטש איך בין געבליבען דארטען אין אָפיס און איך האָב זיך נאָך געדרעהט א מאָל צעהן פארביי איהר און פארביי דעם טישעל, וואו זי איז געזעסען און גע־קלאפּט אויף דעם טייפּרייטער מאשין, און אלע צעהן מאָל, וואָס איך בין זי פארבייגעגאנגען האָב איך זי געזעהן. זי איז געזעסען, מיט אזא זיצען גלייך ווי זי וואָלט געווען מיט עפּעס שווער אָנ־געלאָדען, אין גאנצען פארטיפט אין דער ארבייט אין איהרער, און צייטענווייז האָט זיך מיר געדאכט, אז זי איז ברוגז׳לאך אויף מיר און איידער זי האָט פארלאָזט דעם אָפיס, האָט זי געזאָגט:

— גריסט אייער פרוי! — האָט זיך ברייט צושמייכעלט

און איז אַנטלאָפן, ווי איך וואָלט זיך געקליבן איהר נאָכצוּ־יאָגען.

די קליינע האָט עפּעס גאָר אַנאַנדער צוטריט צו מיר באַ־קומען. ס'איז פאַרשוואונדען אָט דאָס דרך ארץ'דיגע האַלטען זיך איהרס, וואָס איז פריהער געווען צו באַמערקען, איידער זי האָט געזעהן די פרוי מיינע. זי האָט זיך אָנגעהויבען צו פאַר־האַלטען צו מיר ווי צו איהרס אַ גלייכען. זי האָט אַלע טאָג געפרעגט אויף מיין פרוי, וואָס זי מאַכט און אַלע טאָג פאַר'ן אוועקגעהן ניט פאַרגעסען איהר איבערצוגעבען אַ גרוס.

איין מאָל, ווען איך האָב איהר עפּעס דיקטירט און זי האָט סטענאָגראַפיש פאַרשריבען אָט דאָס פון מיר דיקטירטע, האָט זי אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— איהר ווייסט, איך בין פאַרליבט אין אייער פרוי! — און האָט זיך ראָזיג פאַרשעמט, ווי זי וואָלט זיך מיר אין ליבע ערקלערט:

— און וואָס הערט זיך מיט מיר?

זי האָט מיר אָפענהערציג געזאָגט, אַז פריהער, איידער זי האָט געקענט מיין פרוי, האָט זי מיך ניט געקענט ליידען, אָט דערפאַר טאַקע ווייל... זי איז געווען זיכער, אַז איך האָב אַן עלטערע ווייב (אין מיינע יאָהרען), אַן עלטערע און מיאוס'ע, און דערפאַר בלויז האָט זי מיך ניט געקענט ליידען... אַזאַ נאַ־טור ביי איהר... מענער אַליין, אַלס מענער, איז ניטאָ ביי איהר קיין אַלטע און יונגע (ביז אַ געוויסער מאָס, פאַרשטעהט זיך). זי מעסט אַלע מאָל די מענער נאָך זייערע פרויען נאָך. האָט איינער אַ מאַן, ווי יונג ער זאָל ניט זיין, אַן אַלטע פרוי, דאַכט זיך איהר, אַז דער מאַן איז אויך אַן אַלטער, און פאַר־קעהרט, האָט אַ מאַן... זי וואָלט זיך גיכער געקענט פאַרליבען אין אַן עלטערען מאַן, וואָס האָט אַ יונגע פרוי, איידער אין אַ יונגען מאַן, וואָס האָט אַן עלטערע פרוי...

— און היינט גלייכט איהר מיר שוין יאַ?

זי איז שוין געווען אַזוי ערנסט, אַז זי האָט מיר ערנסט געענטפערט, אַז זי גלייכט מיך אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל... זי גלייכט, דערפאַר ווייל איך האָב אַזאַ שעהנע, יונגע פרוי.

— אויב אַזוי — האָב איך געזאָגט, — דאַרף מען זעהן, איהר זאָלט זיך אָפטער טרעפען מיט איהר. אפשר וועט איהר זיך גאָר שטאַרק אין איהר פאַרליבען, און אפשר וועל איך דער־פון אויך עפּעס קענען געניסען — און דערנאָך האָב איך צוגעגע־בען, אַז איך באַדויער זעהר, וואָס איך האָב זיך שוין לאַנג ניט באַקענט מיט איהר. איין מאָל בין איך געקומען און איהר דער־צעהלט:

— איהר ווייסט, מיין פרוי איז אין אייך אויך פאַרליבט...

דאָס איז געווען אַ ליגען, פאַרשטעהט זיך, מיין פרוי, זייענ־דיג אין אָפּיס, האָט זי אפילו ניט באַמערקט און ניט געוואוסט וועגען דער עקזיסטענץ פון אַזעלכער. נאָר איך האָב עס געזאָגט מיט אַ געווויסען ציל. וואָס איז אייגענטליך פאַר אַ חילוק, האָב איך מיר געטראַכט, „לאָז זיין פון אַ קאָזאַק, אַבי צום לעבען".

דאָס מיידעל איז ראָז געוואָרען און האָט זיך פאַרשעמט.

איין מאָל פאַרנאַכט זיינען מיר ביידע גלייך אַרויס פון אָפּיס. איך האָב איהר אַרונטערגענומען אונטער מיין שירעם. ס'האָט זעהר גערעגענט. אונטער די פיס האָט גענעצט וואַסערדיג און בלאָטיג, און אויבען אויפ'ן שירעם, איבער אונזערע קעפּ, האָבען געקלאַפּט די רעגען טראָפּענס ווי אין אַ דעכעל אַריין. איך האָב איהר געפיהרט אונטער'ן אָרים, געפיהלט די דינקייט און די וואַרימקייט פון איהר האַנט, און געהאַט אַזאַ אַנגענעם געפיהל, ווי איך וואָלט געהאַלטען די האַנט מיינע ביי אַ גאַנז הינטער'ן פליגעל... איך בין געווען איהר באַשיצער פון רעגען און פאַר די אויטאָמאָבילס און קארס וואָס זיינען געפלויגען היין און צוריק באַשפּריצטע און באַנצעטע פון בלאָטע און רעגען, און אַליין פון זיך פון אונטער די רעדער געשפּריצט איינס אויף דאָס אַנדערע, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי, אָט די לויפענדע שוואַרצע משחיתים, מאַכען אויסצוזעהן דעם אינדרויסען מעהר רעגענדיג

און מעהר בלאָטיג... איך האָב זי געפיהרט אונטער דער האַנט, זי כמעט ווי אין דער לופט געהויבען...

אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, האָט איך געזאָגט צו איהר:

— מיין פרוי האָט אייך געלאָזט גריסען.

— יאָ?...

— יאָ. זי האָט אייך איבערגעגעבען אַ הארציגען גרוס און האָט מיר געהייסען איבערגעבען אַ...

און האָב זי אַ קוש געטאָן גלייך אין בעקעל אריין. זי האָט זיך אויסגעריסען פון מיר און איך האָב זי געכאַפּט און זי פעסט ארונטערגענומען אונטער'ן אָרים געזאָגט:

— וואוהין לויפט איהר? איהר וועט דאָך צואווייקט ווערען פון רעגען!

און דעם גאַנצען איבעריגען וועג האָבען מיר שוין ביידע געשוויגען.

# א באַקאַנטער.

פאַראַן קליינינקייטען, וואָס קריצען זיך דיר איין אין מח מיט עפּעס א מין שווער־געוויכטיגקייט און ס'לאָזט זיך ניט פאַר־געסען, פּונקט ווי עס וויל ניט פאַרגעהן און ניט אויסגלייכען זיך מיט'ן געזונטען קאָליר פון דער הויט דאָס אָרט וואו דו האָסט אמאָל א וואונד געהאַט, און אזוי ווי עס טרעפט, אז אזעלכע צייכענס אויף דער הויט בלייבען אויף שטענדיג, ביז'ן טויט אריין, אזוי ווערט אמאָל א קליינינקע, ניט וויכטיגע פּאַסירונג קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

איינע פון אזעלכע ניט־וויכטיגע קליינינקייטען געה איך דאָ דערצעהלען, וואָס האָט דאָ מיט מיר אין אַמעריקע געטראָפען די ערשטע פּאָר טעג, וואָס איך בין אהער אָנגעקומען. יאָ, ס'איז אפילו ערשט ניט לאַנג, צוויי יאָהר איינגאַנצען, אבער איך פיהל, שוין אז די באַגעגעניש ווערט שוין ביי מיר בלייבען אייביג אין זכרון. שוין צוויי יאָהר פאַראיבער, אבער איך פיהל נאָך איצט, אין דעם מאָמענט, פּונקט אזוי ווי איך וואָלט עס נאָר־וואָס דורכגעלעבט...

איך בין אזוי געגאַנגען אין גאַס א שפּאַציר צו באַפּען און אין איינוועגס אָנקוקען און באַטראַכטען די נייע מדינה, וואָס האָט זיך מיר ווי א לעגענדע פון קינדווייז אָן אריינגעוועבט. שפּאַצירענדיג און געהענדיג אזוי האָט זיך אויסגעשיילט איין גע־שטאַלט און א צווייטע וואָס האָט, ווען איך בין נאָך א קינד געווען, פאַרלאָזט אונזער שטעדטעל און איז „אוועק" אהער, אין דעם לאַנד אריין... בילדער זיינען פון נעבעל ארויסגעקראָכען ווי איינער און א צווייטער פאָהרט אוועק און ווי א האַלב שטעדטעל באַגלייט איהם איינעם און א צווייטען: „ער פאָהרט קיין אַמעריקע".

ווער פאָהרט און ווער באַנלייט, דאָס איז שוין אַוועק פאַר מיר אין דער אייביגער אומפאַרגעסענהייט, אָבער דער איינדרוק פון דעם אַוועקפאָהרען און פון דעם באַגלייטען און פון די ווערטער „ער פאָהרט קיין אַמעריקע", דאָס איז ביי מיר פריש פארבליבען... אָבער ווי מאָדנע, ווי יענע אַמעריקע פון מיין פאָרשטעלונג האָט זיך ניט געקלעפּט מיט דער אַמעריקע, וואָס איך זעה איצט דאָ אין דער ווירקליכקייט מיט מיינע אייגענע אויגען.

יאָ, איך האָב געוואוסט, אַז איך האָב דאָ זעהר פיל לאַנדסלייט, סיי פון די יעניגע וואס זיינען אַוועקגעפאהרען מיט צעהנדליגער יאָהרען צוריק, ווען איך בין נאָך א קינד געווען און פיל זייערע, אין מיינע יאָהרען, מיט וועמען איך האָב אין איין חדר געלערענט, יאָהרען לאַנג שכנים געווען, אין איין שטאָדט, הינטער איין דאַך געוואוינט און זיך געשלאָגען און געשפּילט אינאיינעם. ווער ווייסט, האָב איך געטראַכט, אפשר איז דער אָדער יענער וואס איז דאָ מיר פארביינגנאנגען, אָדער דער וואס געהט מיר אנטקעגען, אפשר איז דאָס ווער פון מיינע נאָהענטע, מיט וועמען איך האָב מיין קינדהייט פארבראכט ? ...

אַזוי געהענדיג און דאָס טראַכטענדיג האָט פּלוצלינג צוגעצויגען מיין אויפמערקזאמקייט איינער, וואָס איז געגאַנגען פאַראויס און אָהן אן אויפהער געשפּיגען. ס'הייסט, איך וויל זאָגען, אַז מיין אויפמערקזאמקייט איז טאקע צוגעצויגען געווארען צו איהם א דאנק זיין שפּייען. געהט א מענש און שפּייט אַזוי אָפּט, ברייט און פלייסיג און איך באשלים ביי זיך גלייך, אַז ניט אנדערש, דער מאַן געהט פון ציין־דאָקטאָר, ווייל נאָר דעמאָלט, ווען איינער געהט פון א ציין־דאָקטאָר, ביי וועמען ער האָט זיך געלאָזט אויסרייסען א צאָן, נאָר דעמאָלט קאָן מען עס אזוי אָפּט און פלייסיג שפּייען.

איך האָב געמאַכט א טריט מיט דער דעה אריבערצוגעהן אויפ'ן צווייטען זייט טראָטואַר. דאָ, אָבער, האָב איך אַזוי, ניט געגרן א קוק געוואָרפען אויפ'ן האלז און נאַקען פון דעם שפּייענדיגען מאַן און דערזעהן, אַז דער האלז און נאַקען איז מיר זעהר נאָהענט באַקענט. איך בין אַזוי, גלייכזייטיג און פאַראויס איהם פארגאַנגען

און זייטיג געוואָרפען אַ קוק אויף זיין פּנים און אויף זיין גאַנצער פּאָדערשקייט און דערזעהן מיין טעות, אז ניט נאָר דער מענש איז מיר ניט באקאנט, נאָר ער איז מיר אפילו איבעלדיג פרעמד מיט זיין גאַנצען היבש־בייכיגען פארנעם און מיט׳ן גווידערדיגען פּנים, וואָס איז געווען באשאָטען מיט א געדיכטער באוואקסענקייט פון א געראזירטער און פון א פּאָר טעג פארלאָזטער באָרד, און ס׳האָט געמאכט אן איינדרוק, ווי דאָס פּנים וואָלט געווען ארומגעליאמעוועט מיט א שלעכטען געמיט פון א מענשען, וואָס ליידט אָפּט אויף ציין־וועהטאָג, און דער בויך זיינער, האָט זיך מיר געדאכט, איז אויך אַ צייטוויילינ פארלאָזטער... ווי ער וואָלט דאָרט אין דעם בויך געטראָגען א טויטע בן־פּקועה...

איך בין איהם ווידער געבליבען פון הינטען, כדי נאָך אמאָל א קוק צו טאָן אויף דעם האלז און נאַקען און צו מיין גרויס פאר־וואונדערונג האָב איך ווידער געזעהן די זעלבע באקאנטשאפט... צום טייפעל, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען טרעפט עס מיר אזא באַגעגעניש: באקאנט פון הינטען און אין גאנצען פרעמד פון פּאָרענט...

איך האָב שוין ניט געקאָנט אוועקגעהן. איך בין נאָכגע־צויגען געוואָרען נאָך דעם מאן און זיך אריינגעוואָרפען אין נעבעל־דיגען געווירמעל פון עראינערונגען: וואו און ווען איך האָב עס געזעהן און זיך געקענט מיט דעם האלז־און־נאַקען. איך האָב מיט דער העכסטער אָנשטרענגונג געוועקט דעם מח מיינעם און האָב זיך ניט געקאָנט דערמאָנען וואו איך האָב געזעהן אָט דעם מענשען, וואָס איין זייט זיינע, די הינטערשטע, איז מיר נאָהענט באקאנט, און די פּאָדערשטע אבסאָלוט פרעמד.

דאָ האָב איך זיך גענומען אריינצוטראכטען, צי איז דאָס ניט מיינער א טעות און זיך גענומען צוקוקען צו האלז־און־נאַקענס פון אנדערע מענשען, צי איז עפּעס פאראן א חילוק פון איין האלז־און־נאַקען ביז א צווייטען, אז מ׳זאָל זיי קאָנען אפּטיילען איינס פון דאָס אַנדערע, דערקענען און אָנווייזען, אז דער האלז־און־נאַקען באַלאַנגט צו דעם מענשען און יענער צו א צווייטען. איך האָב

מיך צוגעקוקט און געזעהן, אז עפּעס איז יאָ פאַראַן אַן אונטער־שייד. ס'איז שווער אָנצואווייזען אין וואָס דער אונטערשייד באַשטעהט... יאָ, אָהן צווייפעל, יעדער האַלז און נאַקען האָט זיך עפּעס זיין אייגענאַרטיגעס, זיין אינדיווידועלעס, זיין כאַראַקטער. און ס'איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט געבליבען, אז דער האַלז־און־נאַקען איז מיר באַקאַנט און זעהר נאָהענט באַקאַנט... אָבער, ווי קען עס אַזעלכעס געמאָלט זיין, זיין באַקאַנט מיט איין זייט פון אַ מענשען, און מיט דער צווייטער ניט? ס'איז ניט אַנדערש, אז דאָס פּנים זיינס האָט זיך אַזוי פיל געענדערט, אז עס איז געוואָרען אוממעגליך צו דערקענען... אַ דאָס איז ווירקליך עפּעס מאָדנע, אז ס'קאָן אַזעלכעס טרעפען...

מיין מח זינקט אין זומפּ פון פאַרגאַנגענהייט. און עס איז מיר אַזוי שווער צום געמיט פון'ם געדאַנק, וואָס אָט געהט אַ מענש (איך) הינטער אַ פּלייצע פון איינעם אַ מענשען און יענער ווייס עס ניט, ער איז אינגאַנצען פאַרטאָן אין זיין שפּייען און ווייס ניט און פיהלט ניט, אז הינטען געהט איהם נאָך איינער אַ מענש, און טראַכט וועגען איהם, צי ער איז מיינער אַ באַקאַנטער, צי ניט. זיכער איז דאָך, אז דער מאַן האָט איצט גאָר אַן אַנדער לעבען ווי ער האָט אַמאָל מיט אַ דריי צעהנדליג יאָהר געהט: אַ בערדיג לעבען פון באָרד און ראַזירען זי די באָרד. און אָט האָט ער עפּעס מיט ציין צו טאָן, ליגט עס איהם ניט אין זינען אָט דאָס גאָלעניש, געמט די באָרד און וואַקסט... צוריק מיט אַ דריי צעהנדליג יאָהר איז איהם זיכער קיין באָרד ניט געוואַקסען און קיין ציין האָבען איהם ניט וועה געטאָן... וואָס פאַר אַ גרויסער אונטערשייד פון דאַמאָלסט ביז איצט... און צי איז ער מיינער אַ באַקאַנטער, צי ניט, אָבער אָפּרייסען זיך פון דעם פאַרשוין קען איך ניט, מיר ווילט זיך דאָך אַלץ וויסען ווער דאָס איז אָט דער באַזיצער פון דעם באַקאַנטען האַלז־און־נאַקען... צי האָב איך איהם געזעהן נעכטען, צי צוריק מיט אַ דריי צעהנדליג יאָהר.

נאָהענט און ווייט, פרעמד און אייגען איז מיר אָט דער מענש און ס'וואונדערט מיר איינצייטיג וואס ער איז מיר באַקאַנט אָט

דער אומבאַקאַנטער און וואָס מיר איז אומבאַקאַנט דער באַקאַנטער. צייט און יאָהרען וואָס לויפען אין צייט פון אייביגקייט, וואָס שטעהט אויף איין אָרט, האָבען א שותפות'דיג שטיקעל ארבייט אָפּגעטאָן... פאר יאָהרען צייט ענדערט זיך א מענש, אָבער אין דער אייביגקייט איז דאָך דעם מענשען'ס לעבען אזוי קורץ, אז ניט אלעם אין איהם באַווייזט זיך צו ענדערען. פאר דער אייביג־קייט איז א פּאָר צעהנדליג יאָהרען גארניט, אלץ איינס. און ביי אונז אליין, ווען ס'וואָלט קיין צייט־רעכענונג ניט געווען, וואָלטען מיר ניט געוואוסט קיין חילוק פון דעם פארגאַנגענעם נעכטען ביז א פּאָר צעהנדליג יאָהרען פארגאַנגענע. מיר געדענקען און פיהלען פיל זאכען וואס האָבען מיט אונז פּאַסירט מיט צעהנדליגער יאָהרען צוריק, פונקט ווי ס'וואָלט אָט מיט אונז נעכטען אָדער נאָך אפילו שפּעטער פון נעכטען מיט אונז פארגעקומען. און ס'איז דאָך אזוי פארשטענדליך:

די צעהן, צוואַנציג, דרייסיג יאָהרען, און מעהרער, זיינען דאָך שוין אוועק מיט זייערע חדשים, וואָכען און טעג, פונקט אזוי גלייך ווי ס'איז אוועק דער נעכטיגער טאָג מיט זיינע צוטיילטע שעה'ן, מינוטען און רגע'ס... דאָס יאָהר, וואָס מיר האָבען פאַראוים איז גאַנץ היבשלאָך און דויערהאפט, געהט עס נאָר אוועק, אָט דאָס יאָהר, ווערט עס פאר אונז קירצער ווי די רגע וואָס מיר האָבען פאַראוים פאר זיך צו לעבען... א דאנק דעם, וואָס דאָס אָפּגעלעבטע איז פאר אונז אזוי קורץ און אומבאַדייטענד, איז קיין וואונדער ניט, וואָס מיר געדענקען און פיהלען איינציגע זאכען אזוי פריש און צאַפּעלדיג, ווי דאָס וואָלט נאָר־וואָס מיט אונז פאָרגעקומען, ווייל דער „נאָר־וואָס" וואָס איז אוועק איז דאָך ניט קירצער פון צעהנד־ליגער פארגאנגענע יאָהרען... אי, וואָס מיר ענדערען זיך? באַ־ווייזט עס, אז מיר ענדערען זיך אויגענבליקליך. ווען מיר זאָלען פארמעסטען אונזער לעבען מיט דער אייביגקייט... מיר ווערען געבאָרען, גיבען איין שפּרונג און א צווייטען און ניטאָ... אפשר דערפאר, ווייל דאָס לעבען איז אזוי קורץ, אפשר דערפאר באַווייזט ניט אלעם אין אונז זיך צו ענדערען.

איך האָב מיך אזוי ארייננעטראכט, און דער גערהט נאָך און שפּיים און איך טראכט: אך, צום טייפעל, וואָס מיר טרעפט עס ניט... ווען ער געפינט זיך ניט אין אזא לאגע וואלט איך צוגעגאנגען צו איהם, איך וואָלט זיך מיט איהם צורעדט, אבער געה... ס'איז דאָך פאר זיך און פאר יענעם גאר ניט אנגענעם.

איך האָב איהם דערפיהרט ביז זיין הויז. ס'הייסט, ער איז ראָרטען נעבען א הויז שטעהן געבליבען און אוועקגעלייגט א פינגער אויף א ווייסען קנעפּעלע וואס האָט ארויסגעקוקט פון וואנט. גלייך האָט זיך די טיר געעפענט און א פרוי אין מיטעלע יאהרען האָט זיך געוויזען איינצייטיג מיט די ברייטקייט פון איהר צועפענ־טער טיר און גלייך א פרעג געטאָן:

— נו, אָשר?

און דערהערענדיג דעם נאָמען האָב איך זיך גלייך דערמאָנט, ווער דאָס איז, אז דאָס איז ווירקליך איינער פון מיינע חברים, מיט וועמען איך האָב עטליכע יאָהרען צוזאמען אין איינע חדרים גע־לערענט. איך האָב געוואָלט צוגעהן צו איהם, נאָר דאָ אין דער צייט האָט ער פּאָמעלאך ארייננעשטעקט די האנט אין קעשענע און איהר באוויזען א דריי צי פיר אויסגעריסענע ציין...

ביידע זיינען פארשוואונדען געווארען, און איך בין געבליבען שטעהן און לאנג געשטאנען און געקוקט אויף דער טיר, אויפ'ן הויז און אויף די פענסטער און אין זיך אויטאָמאַטיש גע'חזר'ט:

— אָשר? אָשר? ... יענער פלינקער אינגעלע האָט געהייסען אָשר, און דער הייסט אָשר. אזוי ענדערען מיר זיך, ניט צום דער־קענען, נאָר עפּעס בלייבט אין יעדען איינעם פון אונז וואס באגלייט אונז דעם גאַנצען לעבענס־וועג, וואָס באגלייט אונז פון געבורט־טאָג ביז'ן קבר און ס'איז ניט קיין וואונדער וואס ניט אלעס אין אונז ענדערט זיך, ווייל דאָס לעבען איז אזוי קורץ, אז ניט אלעם באוויזט פאר אזא קורצער צייט זיך צו ענדערען...

# אין געלאַת.

.1

אין דער גרויסער פּוסטקייט פון לעדיגען וואַגען און לעדיגע ערטער זיינען געזעסען צוואַוואָרפען אַ פּאָר געצעהלטע מענשען. איינער האָט פון זיך און פון זיין זיצען אָפּגעצויגען די פיס אויף אַ צווייטען אָרט, וואָס איז געוועזן לעדיג און האָט געכאַפּט אַ דרעמעל. אַ צווייטער איז געזעסען און געקוקט אין פענסטער. אַ דריטער האָט ברייט געגענעצט און ס'האָט זיך געקענט דאַכ־טען, אַז ס'האָט ווער אָוועקגעזעצט אַ לעבעדיגען אַדוועטייז־מענט צו באַווייזען ווי מ'באַדאַרף געגענעצען און ווי אַנגענעם ס'איז צו געגענעצען, און נאָך אַ פּאָר מענשען זיינען געזעסען גע־זונקען אין אומעט פון שפּעטער נאַכט־שעה, געבלאָנדזשעט מיט די אויגען איבער די גרויסקייט און איבער די פּוסטקייט פון וואַ־גאָן, געקוקט אויף די אַדוועטייזמענטס און זיי ניט געלייענט און צווישען אַלעמען און באַזונדער איז געזעסען אַ יונגע פרוי, פאַרשטעקט די אויגען אין אַ טיכעלע אַריין. ס'האָט זי קיינער פון איהרע מיטפאָהרער ניט באַמערקט; מען האָט זי געזעהן און ניט באַמערקט, נאָר איינער, וואָס האָט געדרעמעלט און פון צייט צו צייט זיך אויפגעכאַפּט פון דרעמעל — ער האָט יאָ באַמערקט אָט די פרוי, ניט איין מאָל, נאָר עטליכע מאָל, ער האָט אָבער ניט געוואוסט צי איז דאָס די זעלבע, וואָס ער האָט באַמערקט צום ערשטען מאָל, צי איז דאָס שוין אַ צווייטע אָדער אַ דריטע... אָט זיצט דאָך דאָרטען איינער, וואָס האַלט זיין שטרויענע העט

אויפ'ן שויס, איז ער דען זיכער, אַז דאָס איז איינער און דער זעלבער? ס'האָט שוין געקענט פאַר דער צייט אריינקומען אַ צווייטער און זאָל אויך אזוי האַלטען די הענט ווי יענער. און דער וואָס גענעצט; ס'האָט דאָ געקענט זיצען איינער פאַר איהם און זאָל אויך פונקט אזוי גענעצען ווי דער וואָס זיצט איצט.

די סאָבוויי איז געלאָפען מיט פענסטער און מיט ליכט און אונטערערדישער נאַכט און ס'האָט זיך געהערט דאָס קיילעכדיגע געלויף פון די אייזערנע רעדער אויף אייזען; האַרטע שטיינערנע ווענט זיינען געלאָפען אויף צוריק, אַ בליץ געטאָן וואו ניט וואו מיט אַ גרינעם בליק און ווייטער געלאָפען בלינד, געדיכט און מיט שטיינערנער האַרטקייט, ווי צוטומעלט און צושראָקען פאַר רעש און ליכט, וואָס האָבען זיך אריינגעריסען אין דער ערד און שטערען די אייביגע פינסטערניש פון אונטערערדישען איינגעווייד.

ווי אין בייטאָגיגער נאַכט אזוי האָט זיך אין דער נאַכטיגער נאַכט געשטעלט די סאָבוויי אויף יעדער סטאַנציע; עס האָבען זיך צועפענט די טירען און פאַרמאַכט, אַ מענש איז אַראָפּ, אַ מענש איז ארויף, און די וואָס זיינען געזעסען האָבען עס געזעהן און ניט באמערקט; פאַר זיי איז דער פריש־ארויסגעקומענער מענש געווען דער זעלבער וואָס דער, וועלכער איז איינצייטיג מיט דעם אריינגעקומענעם ארויס, און ווי די טירען זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען האָט מען גלייך פאַרגעסען, אַז ס'איז אימיצער ארויס און אריין און דער נייער פאַרשוין איז גלייך ביים אריינ־קומען שוין געזעסען מיט אזאַ באקוועמליכקייט און היימישקייט ווי די איבעריגע, וואָס זיינען ארויפגעקומען פאַר איהם... אויף יעדער סטאַנציע האָבען גערעדט מיט ווערטער און אויפ'ן קול צוויי טרובקעס, איינע מיט'ן לאָך אהין און אַ צווייטע מיט'ן לאָך אהער. ס'האָט זיך זעלטען ווער גענויטיגט די ווערטער צו הערען און מ'האָט זיי טאָקע ניט געהערט פונקט ווי מ'האָט ניט געזעהן דאָס וואָס מען זעהט, און דעם, וועמ ס'האָט געכאַפּט אַ דרעמעל, האָט זיך אין זיין דרעמעלדיגען צושטאַנד געדאַכט, אַז עפּעס רעדט און זאָגט: „פּעטערוט, רעטו, רעטו, פּעטערוט!“

און פּונקט ווי ס'איז אין געוויסע שעה'ן בייטאָג אַ רחמנות אויף די מענשען, וואָס שטיקען זיך אין ענגשאַפט, אַזוי איז געווען אַ רחמנות אויף די עטליכע געצעהלטע מענשען, וואָס זיינען געפאָהרען אין דער שפּעטער נאַכטיגער שעה אין אַ גרויסען, לעדיגען וואַגאָן. דאָרטען זעהען זיי זיך ניט אָן פון צופיל מענשע און ענגשאַפט, און דאָ ווייל זיי זיינען געווען ווינציג, זיינען זיי פאַרלוירען געגאַנגען אין דער פוסטקייט און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען דאָ ווינציגער וויפיל זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט געווען. עס האָט זיך געשפּירט אַן אומעט פון דער איינזאַמקייט און פון דער רעש'יגער און איבעריגער ליכט, וואָס האָט באַלויכטען די גרויסע וואַגאָן־פוסטקייט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די בלענדענדע ליכט האָט זיך ווי אַ ליכטיגע קללה אריינגעריסען אין דער נאַכט אריין, כדי צושטערען מענשען זייער רוה און שלאָף.

איין מענש איז אַראָפּ, אַ צווייטער ארויף, און אין וואַגאָן האָט זיך גאָרניט געענדערט. דורכאויס איז אַלעמאָל געווען צו באַמערקען ווי איינער האָט געדרימעלט און ווי אַ צווייטער האָט געגענעצט, און אַזוי די איבעריגע, וואָס זיינען דאָ געזעסען פאַר זיי, נאָר די איינע, די יונגע פרוי, האָט פאַרטגעזעצט אַ לאַנגען אונענדליכען וועג, געהאַלטען דאָס טיכעלע ביי די אויגען און ארומגעריזט דעם גאַנצען הינטערגרונד ווי גרויס ער איז פון איין עק ביז'ן אַנדערען און ווידער צוריק. די יונגע פרוי האָט שטיל אריינגעגענעצט אין טיכעלע אריין און אויסגעדרעמעלט אַ שטיל געוויין און ס'האָט דאָס קיינער ניט באַמערקט.

## .2

אין דער אינטערבאָראָ, וואָס לויפט פון בראָנקס קיין ברוקלין, איז אין איינעם אַ וואַגאָן געשטאַנען איינער און אָהן אויפהער' געאַרבייט מיט די הענט, ארויסגעוואָרפען פאַרשיידענע זשעסטען, ווי אַ דיריזשאָר וואָס דעריזשירעוועט אַן אָרקעסטער מוזיק, און אַמאָל האָט ער ארויסגעוואָרפען אַטלעטישע קונצען, און גלאַט

אזוי זיך געאַרבייט מיט די הענט, מיט די פיס און מיט'ן גאַנצען קערפּער. דער יונגערמאַן איז ניט געווען אזוי אָרים אָנגעטאָן ווי נאַכלעסיג: דאָס העמד האָט איהם ארויסגעקוקט פון צווישען וועסט און הויזען, די העט איז ניט געזעסען אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ און הינטען האָבען די הויזען צוגעדעקט די שיך, פון וועלכע ס'האָט זיך אָנגעזעהן נאָר די נעזער זייערע. אָן דעם הולך זיינעם און די קונצען, וואָס ער האָט געמאַכט, האָבען גלייך די אַלע, וואָס זיינען דאָרטען געזעסען (ניט קיין גרויסע צאָהל) אין איהם דערקענט אַ צודרעהטען און אַלע האָבען ארייגעקוואַלען מיט עכטער צופרידענהייט און פאַרגעניגען פון דעם אומגליקליכען פּאַיאַץ, ווי חכמים געקוקט אויף איהם מיט ברייטע צעפענטע אויגען און ניט אויפגעהערט צו שמייכלען, און איינס אויף דאָס אַנדערע האָט מען געקוקט מיט בליקען אַזעלכע, וואָס האָבען געזאָגט איינער דעם אַנדערען, אַז איך און דו זעהען מיר, אַז דער פּאַרשוין איז אַ צודרעהטער און מיר זיינען חכמים, וואָס מיר זיצען שטיל און רוהיג, און טוען ניט דאָס, וואָס ער, און מען האָט געקוקט, ניט מיד געוואָרען קוקענדיג אויפ'ן פּאַרשוין, כאָטש יענער האָט אַלץ געמאַכט איינע און די זעלבע זשעסטען. ער האָט זיך געדרעהט, געשפּאַנט הין און צוריק און אָהן אויפהער זשעסטיקולירט אין דער לופט, צו די וועגט און מיט אזוי פיל גוטמוטיגקייט אויפ'ן פּנים און מיט אזא טיפען ערנסט אין די אויגען, און דער גאַנצער אויסדרוק פון זיין פּנים איז געווען אזא סימפּאַטישער, אזא ווייכער, אזא ליבליכער און געמיטליכער; און זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט מיט חכמה פון לעבען און פאַרטיפטקייט אין זיינע ענינים. ער איז זיך געווען פאַר זיך אינגאַנצען און פאַר זיך ערנסט און טיף אריינגעאַרבייט אין דער אַרבייט זיינער, ווי איינער אַליין, ווי קיינער וואָלט מיט איהם ניט געווען דאָ; אַליין ביי זיך, אַליין בעל־הבית איבער'ן גאַנצען וועגאָן.

ס'האָט אַ שכן מיט אַ שכן זיך איבערגעוואָרפען מיט ווערטער וועגען איהם, מיט נאַרישער צופרידענהייט גערעדט, זייערע

מבינות וועגען דעם צודרעהטען בחור'ל ארויסגעזאָגט, און קוקענ־דיג אויף די אַלע פאַרשווינגען און אויף איהם, אויף דעם בחור, האָט זיך געדאַכט, אז די אידיאָטען זיינען זיי, אָט די קעפּ מיט די אויגען־קוקערס און מיט ליפּען וואָס הערען ניט אויף צו שמייכ־לען, אז אַלע צוזאַמען זיינען זיי אַ קאָמפּאַניע אידיאָטען, און דער איינציגער חכם איז דער, וואָס טוט זיך זיינע אַ געוויסענהאַפטע ארבייט, וואָס איז אינגאַנצען פאַרטאָן אין זיך און האָט מיט קיינעם קיין עסק ניט.

3.

די לעצטע ענגשאַפט, איין וואַגאָן ווי דער צווייטער, אָנגע־שטאָפּט מיט מענשען. יעדער איינער פאַרנעמט אַזוי פיל און ניט מעהר פּלאַץ ווי די טריט פון זיינע פיס פאַרנעמען. מ'שטעהט איינער צום צווייטען פּנים צו פּנים, פּנים צו פּלייצע און פּלייצע צו פּלייצע. מ'שטעהט, מ'הענגט און מ'זיצט. אַ וואַגאָן מיט קעפּ און מיט פּנים'ער, ווייטער גיסט זיך אַלעס צו־זאַמען און ס'דאַכט זיך, אז הינטען איז מעהר קיין חילוק ניטאָ פון איינעם צום צווייטען, אז אַלע זיינען איינער און איינער איז אַלע; פאַרשיידענע ריחות טראָגען זיך פון מיילער, איינער דעם צווייטען בלאָזט אריין דעם אָטעם זיינעם גלייך אין פּנים אריין אָדער בלאָזט איהם הינטער'ן אויער.

די סאָבוויי לויפט, שניידט זיך אין אונטערערדישען חלל אין שטענדיגער נאַכט און אין דאָפּעלטער פינסטערניש; דער גאַנג איהרער און דאָס קלאַפּען פון די רעדער ווערט פאַרטויבט און צוזאַמענגעמישט מיט'ן רעש און טומעל פון מענשען אינ־ווענינ; אַלעס מישט זיך צוזאַמען און ס'איז ניט פאַנאַנדערצו־נעמען וועלכער טומעל עס געהט פון די מענשען און וועלכער פון דעם געלויף פון שטאָל און אייזען און צעהנדליגע לעמפּלאַך באַ־לויכטען מיט ליכטיגען רעש זייערע קעפּ און פּנים'ער און צייטענ־ווייז דערמאָנט עס ווי יום־כפּור צו כל־נדרי אין אַ גרויס־שטאָר־

טישער שוהל... א יום־טוב׳דיג געמיט פון פיל ליכט און פיל מענשען.

פלוצלונג האָט זיך פון ערגעץ דערהערט א געדודער און א געדרענג און ס׳איז געוואָרען טומעלדיג און אין איין מינוט האָט מען זיך פון איין עק וואגאָן ביז׳ן צווייטען דערוואוסט, אז א מיידעל האָט אראָפּגעלאָזט א פּאטש א בחור, און גלייך מיט׳ן דערוויסען זיך האָט זיך יעדער איינער אָנגעשטויסען פארוואָס דאָס איז געשעהן און ס׳איז געוואָרען א ברויזענדער פּיקאנטער טומעל... איין אונבאקאנטער בחור האָט זיך צום צווייטען געלאָזט באקענען מיט א בליץ פון די אויגען, מיט שמייכעלאך, מיט צו־הוסטען און מיט האלבע, ניט־דערזאָגטע ווערטער וועגען עפּעס, וועגען גאָרנישט, און דאָס האָט געמיינט וועגען דעם געשעהענעם, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען א טויש פון ערטער. מ׳האָט זיך גערוקט און געקייקעלט פון אָרט און פון שטעהן, יענער איינער (געוועהנליך פון יונגווארג) האָט זיך געריסען מקבל פּנים זיין דער פּאטשערין און דעם געפּאטשטען, און קוקענדיג אויף זייביידען איז אויף קיינעם פון זיי ניט געווען צו דערקענען, אז זיי זאָלען זיך האָבען אנדערש געפיהלט ווי אלע אנדערע. ס׳איז ניט געווען צו דערקענען אויף איהם קיין פארדרוס פאר׳ן פּאטש, וואָס ער האָט אריינגעכאפּט פון דער מיידעל, און אויף איהר איז ניט געווען צו דערקענען, אז זי זאָל האָבען פארדרוס אויף איהם... ס׳איז פאר זיי ביידע פארשטענדליך געווען, ווי פאר אלע איבע־ריגע, די גאנצע נאטירליכקייט פון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט אויסנוצען די ענגאַשפט... און זי אלס א „זי“ האָט באדארפט זיך וועהרען אנטקעגען דעם, וואָס אַן אונבאקאנטער האָט זי אויף אזא אופן געוואָלט אויסנוצען...

ס׳האָט זיך געפּילדערט, חברה־לייט האָבען געשריען און גע־טרומייטערט אין די פויסטען אריין פאר זיך, פאר א צווייטען און פאר אלעמען און איינער האָט זיך גע׳בריה׳ט נאָכצוריידען און נאָכצוקרימען מיט׳ן קול פון די טרובעס ווי די טרובעס פון אויבען רעדען: — וואטש די דאָאר! וואטש די דאָאר!...

# נ ע ר אָ.

מיסס לעדער איז געזעסען אויף אַ פּאַטער־שטוהל ביים קאַמין, אויסגעצויגען די פיס צום פייער און זיי געהאַלטען אָנגעשפּאַרט אויף אַ ווייכען פּלושענעם קישעלע. אויף איהרע אַקסלען איז געלעגען פון אויבען־אויף אָנגעוואָרפען אַ פּערסישער שאַל, ניט אַזוי צוליב וואַרימקייט ווי צוליב מאַנירליכקייט און צוליב עסטעטישען גענוס.

מיסס לעדער האָט געקוקט אויפ׳ן פייער ווי עס טוט זיך זיין ברענענדיגע און ליכטיגע ארבייט, און אַ דאַנק דעם איבערפלוס פון וואַרימקייט, וואָס זי האָט געשפּירט אין די פיס, האָט עס איהר געצויגען צו דרעמלען. זי האָט פון צייט צו צייט פאַרמאַכט די אויגען און אונטער די אַראָפּגעלאָזטע אויגען־לעדלאַך האָט זי געזעהן דאָס באַוועגליכע ליכט און עמפּפינדליכער געשפּירט די שטילקייט אין דיינינג־רום (וואו זי איז געזעסען), און די גאַנצע שטילקייט פון אונטען ביז ארויף פונ׳ם גאַנצען דריי־גאָרענדיגען פלעט, וואָס זי האָט פאַרנומען. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ באַזונדערע שטילקייט, אַ ממשות׳דיגע, אַ באַוואוסטזיניגע שטילקייט, וואָס אַ גאַנצען טאָג ליגט זי ערגעץ פאַרבאַהאַלטען הינטער׳ן רעש און געפילדער פון אַ צעהנדליג מינד־יעהריגע מיידעלאַך, וואָס ארבייטען דאָרטען אויבען ביי איהר און לויפען מיט יונג־יאָגעניש פון די טרעפּ אראָפּ און ארויף, און נאָכדעם, ווען זיי געהען אוועק, קומט זי פון ערגעץ גלייך אָן, די שטילקייט, צוגיסט זיך פון אונטען ביז ארויף איבער דער גאַנצער האָל־הויכקייט און מ׳הערט גאָר ניט פון אינוועניג, נאָר

ס'הערט זיך אריין דער דרויסען מיט זיין שטילען אריסטאָקראַטי־שען גערודער, און פון צייט צו צייט לאָזט זיך הערען דאָס שווע־רע, מאַסיווע דורכלויפעניש פון די „באָסעס" אויף די האַרט־גומענע רעדער.

פון יענער זייט פון דער דינער ווענטעל, וואָס האָט אָפּגע־טיילט די דייינינג־רום פון קיך, האָט זיך געלאָזט פיהלען און הע־רען מיט שטילקייט און שטילער וואַרטעניש די דינסט, וואָס איז אין קיך דאָרטען געזעסען און געוואַרט אויף איהר צייט אַוועק־צוגעהן. מיסס לעדער האָט געשפּירט די שטילקייט פון אַ לע־בעדיגען מענשען, וואָס זיצט דאָרטען אָהן אַרבייט און וואַרט אויף דער באַשטימטער צייט, אויף דער מינוט, וואָס דאַרף איהר געבען די פרייהייט אַוועקצוגעהן. מיסס לעדער האָט אַ קוק גע־געבען אויפ'ן זייגער: יאָ, שוין באַלד ניין, און באַלד, באַלד... און טאַקע זי דערהערט, ווי די שטילקייט האָט פון יענער זייט אויפגעלעבט... אַ שאָרך, אַ רוק פון אַ בענקעל און... טריט... איין טראָט, אַ צווייטער, אַ דריטער, און נאָך עטליכע טריט, און די שטילקייט קלאַפּט שוין ביי איהר אין טיר.

— קאָם אין!...

דאָס אייגענע וואָס אַלע אבענד: צו זאָגען, אַז זי געהט אַוועק און — „גוד־נאַיט" צו זאָגען... מיסס לעדער ווייס שוין פון פריהער און פונדעסטוועגען באַגעגענט זי איהר אַלע מאָל פאַר'ן אַוועקגעהן מיט אַ נייגעריגען בליק. מיט אַ גאַנץ געבעלדיגער ער־וואַרטונג עפּעס נייעס צו הערען. זי האָט זי אויף אַ ווײַלע פאַר־האַלטען און יענע איז געשטאַנען געדולדיג מיט אַ טעמפּער גלייכ־גילטיגקייט און געוואַרט.

דאָס איז געווען אַ הויכע טיפּיש־דאַרע ענגלענדערין, און וואָס האָט שוין דווקא גאָר געטראָגען אַ עכט־אידישען נאָמען, עטעל, האָט זי געהייסען. דאָס פּנים איהרס לענגליך און פאַרבלאָז, מיט גראָבע, כמעט ווי מאַנסבילישע, שטריכען. זי איז שוין ביי מיסס לעדער צוויי יאָהר און די גאַנצע צוויי יאָהר האָט זי איהר ניט געזעהן איינמאָל עפּעס געענדערט; תמיד איין און די זעלבע

פלעגמאטישע טעמפּקייט און גלייכגילטיגקייט און אין גאַנצען ווי עפּעס א מין טעמפּעראַמענטלאָזע באַשעפעניש, ווי א פיש אין געשטאַלט פון א מענשען. פון אָנפאַנג האט מיסס לעדער געמיינט, אַז זי איז גאַט די נשמה שולדיג; אין גיכען אָבער האט זי זיך דערוואוסט, אַז דער „פיש" פיהרט זיך אויף ערגער ווי דאָס ערגסטע „גרעטכען" אין דייטשלאַנד... די ערשטע צייט פלעגט זי ביי איהר נעכטיגען. נו, האט מען אָנגעהויבען קומען צו איהר מיט נאַכט־וויזיטען, און דאָס האט מיסס לעדער ניט געוואָלט ליידען... אַלס פריילין און אַלס איינזאַמע איז זי, ווי דאָס רוב אַזעלכע, אָפּגעהיט און שרעקעדיג... זי האט אפילו ניט געקענט דולדען ווען זי האט אַמאָל אין א פריהמאָרגען געטראָפען א קאָטער ביי זיך אין שטוב מיט דער קאַץ איהרער, און האט טאַקע דערפאַר זיך פאַרשוואָרען מעהר קיין קעץ פון ווייבליכען געשלעכט ניט האַלטען.

וויפיל חתנים האט זי שוין געהאַט, אָט־די ענגלענדערין, עטעל; פון אַלע חתנים איהרע ווייס מיסס לעדער און נאָך יעדען חתן פּגר'ט זי אַוועק, און ווערט צוריק לעבעדיג ווען זי באַקומט אן אַנדערען.

— וואָס הערט זיך, מיסס עטעל?

זי האט געדאַנקט פאַר'ן פרעגען און מיסס לעדער, זעהענדיג, אַז יענע האט קיין חשק ניט זיך צו פאַרהאַלטען דאָ, האט זי איהר געגעבען א פּאָר שילינג פאַר מאָרגען, אַז זי זאָל עפּעס איינקויפען בעפאָר זי וועט קומען אַהער. יענע האט געזאָגט „גוד־נאַיט" און מיסס לעדער האט געענטפערט:

— אָלל־רייט, עטעל!

„און וואָס הערט זיך מיט'ן אַלטען דזשענטעלמאַן, אויבען? ער איז דאָ צי ער איז ניטאָ?"

אַלע אבענד אין דער צייט, ווען זי בלייבט אַליין, פרעגט זי ביי איהר, אָהן איהר ווילען, אָט־די פראַגע, און זי בלייבט אָהן אַן ענטפער. כאָטש וואָס אינטערעסירט ער איהר, אָט־דער אַלטער דזשענטעלמען?... ער אינטערעסירט איהר טאַקע גאָר ניט, אָבער דאָך ווילט זיך איהר וויסען צי איז זי אַליין, אבסאָלוט

אַליין, צי מיט אַ מענשען, אַן אַלטען און אַ ווילד־פּרעמדען פון אויבען, אויפ׳ן דריטען פלאָר, וואָס פאַרנעמט ביי איהר אַ צימער אַ טיר נעבען אַ טיר, נעבען איהרען. און „נעראַ" וואו איז ער איז שוין ווידער ניטאָ. אַזוי זיצט ער דאָ מיט איהר אַנטקעגען פייער, איז איהר פיל היימליכער. אָבער שוין עטליכע אָוועגדען, איין אָוועגד נאָכ׳ן אַנדערען, ווי ער ווערט פאַרפאַלען, דרעהט זיך דאָרטען אַרום אין דרויסען און פיהרט ליבעס מיט זיינע דאַמען, און זי באַדאַרף זיצען און אויסשטעהן זיינע קאַפּריזען, זיצען און וואַרטען אויף איהם, אַנדערש וואָלט ער געמוזט נעכטיגען אין דרויסען. דער טייוועל ווייס איהם מיט וואָס פאַר אַן אומריינ־קייטען ער דרעהט זיך דאָרטען אַרום, דערנאָך באַלעגט ער זיך מיט איהר אין בעט... זי האָט איהם שוין אַפּילו אַ פּאָר מאָל גע־פּרוּאווט אַראָפּטרייבען און זי האָט גאָר ניט געקענט מאַכען מיט איהם. זי איז אַליין שולדיג; זי האָט איהם ניט באַדאַרפט ווייזען גאָר קיין וועג איהם אין בעט אַריינצונעמען... אַזוי יונג... וויפיל איז ער אין גאַנצען אַלט?... ביז דעם, דאַכט זיך, גאָר ווי אַן אייגענער געווען און געקומען די צייט, ציהט עס איהם צו דאָס זייניגע... און מאָדנע... זי פיהלט זיך... און ס׳הייסט קלאָר פיהלען פיהלט זי דאָס ניט, נאָר נעבעלדיג, פאַרדריסט עס איהר... איז זי אַביסעלע, אַביסעלע אייפערזיכטיג... איהר נעראַ! און... דער טייוועל ווייס איהם וואָס... ווער ווייס ביז וואַנען דאָס קען זיך אָוועקציהען און זי וועט דאָ זיצען און וואַרטען אויף איהם.

זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, אונטערגעהויבען די אונ־טערשטע העלפט און גערופען מיט אַ שרייענדען קול:

— נעראַ! נעראַ!

און אויסגעדרעהט דעם פּנים מיט די אויגען אַרויף, האָט זי געוואָלט זעהן צי ס׳איז דאָרטען ליכטיג אויבען, אויפ׳ן דריטען פלאָר אין אַ פענסטער, האָט זי דאָס אָבער ניט געקענט זעהן און טאַקע אַלץ ניט געוואוסט צי איז ער דאָרט ביי זיך אויבען, דער אַלטער דזשענטעלמען, צי איז ער ניטאָ.

די גאַס איז שוין געלעגען אין שפּעטקייט פון ווינטערדיגען

אבענד געזונקען. אין חושך פון נאסען אומעט האבען געלויכטען העל־באלויכטענע פענסטער און ס'האט זיך געדאכט, אז צוויי וועלטען זיינען איינע אין דער אנדערער פארהילט: א וועלט פון הייזער מיט ליכטיגקייט, וואס שטראהלט ארויס פון זיי אין דעם וויסטיגען דרויסענדיגען נאסען־אומעט, אויבען באדעקט מיט גרויער אומבאשטימטקייט פון קאליר און אונטען גלאנצט דער נאסער חשך, גלאנצט דא און דארטען אנטקעגען ליכט פון פענ־סטער און שיין פון דרויסענדיגע לאמטערנעס. פון צייט צו צייט לויפט דורך אן אויטאמאביל מיט גערודער פון לויפעניש און לאזט נאך זיך ברייטע, מאטעווע פאסען, און ס'דוכט זיך, אז דארטען איז טרוקען געווארען... דא און דארטען געהען מענשען, פון ווייט און פון נאהענט הערען זיך די טריט זייערע פון די דיקע דאפעלטע פאדעשוועס, וואס זיי טראגען אויף די שיך... און ער־געץ דא און דארטען און אומעטום לאזט זיך הערען א קאצעניא־מער, וואס וויינען מיט קינדערשע קולות אויף עפעס א חורבן אדער אויף דעם גרויסען אונזין פון לעבען, וואס ציהט זיי מיט פיינליכען וועהטאג...

— נערא!

זי האט האסטיג אראפגעלאזט דאס פענסטער און האט זיך אין גאנצען פיבעריש א טרייסעל געטאן פון קעלט און האט זיך צוריק באזעצט ביים פייער.

אין דער אמת'ן ארט איהר שוין גארניט, ס'ארט איהר נאר, וואס אנדערע מיינען, אז איהר ארט, וואס זי איז פארזעסען. אט די שרייבער אלע, וואס באשרייבען אלטע מוידען מיט אזעלכע פינסטערע פארבען, זיי בלאפען דאך, ס'איז גארניט אזוי שרעק־ליך... אט א שטייגער, אט דער מיסטער זאנפיל, וואס קומט צו איהר און נעמט אלע מאל, ווען ער קומט צו איהר, אראפ די גלעזער פון די אויגען און קוקט אויף איהר אהן גלעזער, אין דער צייט, ווען אויף אלע איבעריגע און אויף אלעם קוקט ער דאך יא דורך די גלעזער... אינטערעסאנט, פארוואס עפעס אויף איהר קוקט ער מיט די בלויזע אויגען... ער איז זעהר א לייטישער און א ווייך־

הארציגער. מעגליך, אַז ער וואָלט אפשר חתונה געהאַט פאַר איהר פון גרויס רחמנות צו איהר... ער איז שוין ביי איהר אַ היימישער, כאַפּט זיך אַריין אַזוי צווישען יאָ און ניין, אומגעבעטען און אומגעריכט און זיצט אַפּ אַ שעה און צוויי און ווערט אָפּט אַנדרעמעלט אנטקעגען פייער און זי פּאַרלאָזט איהם, גנב'עט זיך אַרויס און געהט אַרויף צו זיך אויבען, מאַכט דאָרטען פייער און זיצט און האָט עפּעס אַ ברענענדיגע הנאה דערפון... ס'ברענט אָט די הנאה און זי האָט גרויס הנאה פון דער ברענעניש. זי לעבט עס איבער, ווי זי וואָלט עס פּאָזיטיוו געזען, ווי ער כאַפּט זיך אויף און זעהט אַז זי איז ניטאָ... זי לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ שעה אַנדערהאַלבען אַרום און זי טרעפט איהם יאָ... אַך, וואָס פאַר אַ גרויס רחמנות ס'איז איהם אָנצוקוקען, ווי ער פיהלט זיך געקרענקט און ווי ער זוכט עס ווערטער זיך צו פאַרענטפערען פאַר איהר.

— ס'איז אַלרייט, מיסטער זאַנפּיל!

אָבער ס'קרענקט איהר. ווי זי פאַרשטעהט, מיינט ער, אַז דאָס איז שוין ניט אַלרייט, וואָס ער איז אַנשלאָפען געוואָרען אין איהר געגענוואַרט און איהר הויבט עס דאָך ניט אָן צו אַרען, עס הויבט זי אפילו ניט אָן צו באַליידיגען...

און פיליייכט געהט ער טאַקע אַריין מיט דעם צוועק: אַ גוט־הארציגער און האָט רחמנות אויף איהר און קלערט פון גרויס רחמנות מיט איהר חתונה צו האָבען און ס'פאַלט איהם גאָרניט איין, אויב ער טראַכט עס ווירקליך, אַז זי זאָל איהם אָפּזאָגען. דאָס קומט איהם גאָר אפילו אויף די געדאַנקען ניט... ווי, טאַקע ווי קען עס זיין?... זי איז עלטער פון איהם מיט אַ יאָהר צעהן...

זי האָט זיך אויפגעהויבען, די טיר געעפענט אין קאָרידאָר אַריין און האָט אַ קוק געטאָן אַרויף. איהר האָט זיך געדוכט, אַז זי הערט טריט אויף די טרעפּ. און געמיינט, אַז דער אַלטער דזשענטעלמען לאָזט זיך ערגעץ אַראָפּ אין אַזאַ שפּעטער שעה... ניין, ס'האָט זיך איהר געדוכט, אָבער אָפּט דוכט זיך עס איהר, אַז קיינער געהט ניט אויף די טרעפּ, אַז דער אַלטער געהט, ווייל דער אַלטער געהט אַזוי שטיל, ווי ס'וואָלט קיינער ניט געגאַנגען, איז

דערפאר, ווען ס'געהט קיינער ניט, דוכט זיך איהר, אז אט דער אלטער געהט... נאר וואס באדארף זי איהם גאר אינגאנצען? ס'הייסט, לכתחילה, איידער זי האט איהם אריינגעלאזט, האט זי געמיינט: נאך א מענש, און נאך א מענש ביי איהר קען זי קען זי האלטען נאר אן אלטען, ווייל זי איז א פריילין, און פון איהר געשלעכט ווידער... ניין, זי װאלט אזעלכער ניט געקענט דולדען איבער עפעס און פיל, און ווייסט ניט איבער וואס... אט ווי די טרעפ לעבען דאס דעם גאנצען טאג אונטער די פיסלאך פון א צעהנדליג מינד־יעהריגע מיידעלאך און דריי מיסס'ן מיט א מיסעס, וואס ארבייטען ביי איהר אויבען, אין איהר פאבריקעל פון קאר־סעטען. גאנצע טעג לעבט דער פלעט איהרער און עס קלינגט די בעל, אדער עס לאזען זיך הערען קלעפ אין טיר פון דעם מעשענעס הענטעל־קלאפער, וואס איז אנגעקלאפט פון יענער זייט טיר... די עכטע ענגלענדער גלייכען ניט זיך צו באנוצען מיט'ן „בעל", זיי גלייכען בעסער צו קלאפען... „ער איז דא, דער אלטער, צי ער איז ניטא?"

און נאך א פראגע, גאר א זייטיגע, א נייע: צו וואס אזא פארנעם, איינע אליין א פלעט פון דריי פלאר, א פאבריק פון העד־בער א טוץ ארבייטערינס און נאך וואס דער גאנצער טאראראם... פשוט אזוי זיך, אט אזוי געהט עס, ווייל זי איז א גרויסע ספע־ציאליסטקע אין דעם פאך און ווייל דאמען דארפען קארסעטען... און וואס וואלט זי געטאן, ווען זי טוט עס ניט, איז שוין גאנץ גלייך ווען זי טוט עס יא... און פילייכט קלערט ווער פון די, איהרע מענער באזוכער, אפשר טראכט ווער צוליב דעם אליין מיט איהר חתונה צו האבען... אפשר דער זעלבער מיסטער זאנפיל... עפעס האט ער דארטען זעהר ניט קיין וויכטיגע שטעלע אין ציוניסטישען ביורא...

יא, ס'האט זיך איהר דאך געדוכט, אז אימיצער איז אויף די טרעפ נעגאנגען. מאדנע, ווי עס קאן זיך אזוי דוכטען, ווען קיינעמס פיס האט שוין דא פון א פאר שעה די טרעפ ניט באַ־ריהרט און דער אלטער אויבען, צי איז ער דא, צי איז ער ניטא...

און אפילו אַז ער געהט, הערט מען דאָך אויך ניט און אפשר איז דאָס נעראָ, אפשר פיהרט ער דאָ ערגעץ אַ לויפענדיגען ראָמאַן פון טרעפּ אַראָפּ און אַרויף מיט זיין אויסערוועהלטער, אָדער וואָס האָט איהם אויסערוועהלט, וואָס זיצט שעה'ן לאַנג פון יענער זייט ביים פענסטער און קוקט אַריין צו איהם.

— נער־אָ־אָ ! !

שטיל האָט זיך אויבען געעפענט אַ טיר און אויבען אין טונ־קעלהייט און בלאַסען שיין, וואָס האָט פון אונטען דערגרייכט אַרויף, האָט זיך איבער דער פּאַרענטשע אַראָפּגעבויגען און אַראָפּ־געקוקט אַ פּנים מיט צוויי טונקעלע פלעקען, וואָס האָבען אויס־געזעהן ווי אויגען, און ס'איז טאַקע געווען אויגען.

— יעם מעם !

זי האָט זיך ענטשולדיגט, שטאַרק ענטשולדיגט: „אי עם סאררי", האָט זי געזאָגט, זי האָט נעראָ'ן גערופען.

---

מיסס לעדער שטאַמט אַליין פון קורלאַנד. גאָר יונג אָהן עלטערן געבליבען. זי האָט שוין אָבער צו יענער צייט געקענט איהר פאַך און פאַרלאָזט די היימאַט איהרע. ביי צוואַנציג יאָהר האָט זי שוין געהאַט אויסגערייזט אַלע סקאַנדינאַווישע לענדער, געפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון לאַנד צו לאַנד, און אומעטום גוט פאַרדינט, און די גוטע פאַרדינסטען איהרע האָבען זי ניט געלאָזט איינזיצען אויף אַן אָרט און אויף דעם גע'פּטר'ט די פאַר־דינסטען איהרע. און אַט אַזוי אַרומרייזענדיג און וואַנדערענדיג פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען, איז זי „פאַרזעסען" געוואָרען, ניט באַמערקט ווי די יאָהרען זיינען אוועק און אוועק מיט גאָרנישט, מיט שטענדיגער וואַכעניש, מיט יענעם אינסטינקטיווען געפיהל פון אַ סאַמקע ווען זי פאַלט אַריין צווישען פילע זכרים פון איהר מין און יעדער איינער וויל זי באַזיצען, דאַן היט זי זיך פון אַלע און גיט זיך קיינעם ניט איבער. זי האָט זיך כסדר געהיט, ווייל זי האָט זיך געפונען אין פרעמדע לענדער, צווישען פרעמדע פעלקער, און אַ דאַנק דעם געבליבען ריינער און אומשולדיגער

ווי די אָרענטליכסטע מיידעל ביי זיך אין דערהיים.... זי האָט דערביי וועגען קיינע בירגערליכע תכליתים ניט געטראַכט, ניט געקלערט פאר ווערמען עס איז איהר אומשולד באהאלטען און א רייע מיט יאָהרען האָט איהר געאַרט און פאַרדראָסען, וואָס מיט וועמען זי האָט זיך באַקענט האָט מען וועגען איהר פונקט געהאַט אַ פאַרקערטע מיינונג. ס'האָט קיינער ניט געגלויבט אין איהר אומשולד אַ דאַנק דעם, וואָס יעדער פון איהרע באַקאַנטע האָט געוואוסט, אַז זי האָט פיל געררייזט און ס'האָט קיינער ניט געגלויבט, אַז זי איז געבליבען ריין און אומשולדיג, און קיינער האָט זיך צו איהר ניט פאַרהאַלטען ערנסט, און קיינער האָט ביי איהר די האַנט ניט געבעטען... דאָס האָט איהר יאָהרען און יאָהרען לאַנג געקרענקט, און יאָהרען לאַנג האָט געברענט אין איהר ריין, אומשולדיג האַרץ אַ העלישער פייער אויף די מענער, ביז עס איז לעצטענס דערגאַנגען דערצו, אַז זי האָט זיך פּשוט אָנגעהויבען באהאַלטען און זיך שעמען מיט איהר אומשולד, ווייל אָט די אומשולד האָט איהר געבראַכט צו דער לאַגע, אין וועלכער זי איז אומבאמערקט אריינגעפאַלען... איהר האָט באַנג געטאָן אויף די פאַרגאַנגענע יאָהרען, אויף פיל גליקלאַכע מאָמענטען, וואָס זי האָט דורכגעלאָזען און נעקאָנט געניסען פון איהר יוגענד אין דאַמאַלסדיגען טעמ־פעראַמענט... איהר פאַרדריסט באַזונדערס פאַר איינעם, וועמען זי האָט היים געליבט. דאָס איז געווען צוריק מיט אַ יאָהר זיבעצעהן־אַכצעהן, אין קריסטיאַנאַ, אין נאָרוועגיען, אין דעם לאַנד, וואו ניין חדשים אין יאָהר איז קאַלט, אָבער די הימלען זיינען אַזוי שעהן דאָרט, און פאַראַן אַזעלכע צייטען אין יאָהר, וואָס כמעט די גאַנצע פיער און צוואַנציג שעה אין מעת־לעת שיינט די זון. פאַרגעהט און געהט אויף איינצייטיג, ווי אַן ענדלאָזעס לעבען אין אייביגער יוגענד געאַרעמט און אין אייביגער ליכט... אָט די נאַכיטגע טעג פלעגען זי פון זינען אַראָפּפיהרען. זיי האָבען געוועקט אין איהר אַזויפיל בענקשאַפט און זאַפטיגען טרויער. זי פלעגט אָפּזיצען נעכט און ניט מיד

ווערען צו האַלטען אָפען דאָס אויג און קוקען אויף דעם נאַכטיגען טאָג. ס'האָט זיך צומאָל געדוכט, אַז עס קייטעלט זיך עפּעס אַ שעהנער ליכטיגער חלום... אַ חלום פון אַ גרויסען, אומענדליך גרויסען ליכטיגען טאָג. און די מענשען, וואָס האָבען זיך ארומגעדרעהט, האָבען עפּעס אויך אויסגעזעהען ווי פאַר־חלום'טע, אין שטילער צאַרטקייט פאַרזונקען, ווי אין אַ צווייטענס לעבען אריבער, און יעדער פון זיי האָט, דוכט זיך, ווי אריינ־געטראַכט אין לאַנג־דויערענדען מעת־לעת, וואָס לעבט אויס כמעט אַלע זיינע פיער און צוואַנציג שעה ביי דער ליכטיגקייט פון דער זון.

דאָרטען, אין דער שטאָדט קריסטיאַנאַ, איז זי געווען פאַרליבט אין איינעם. דער איינער איז געווען אַ איד און נאָר דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ איד, האָט זי זיך איהם מעהר פאַרטרויט. כאָטש אַליין האָט זי כמעט פון אידישקייט ניט געוואוסט, דאָך האָט זי זיך אין דער פרעמדר געפּיהלט נעהענטער צו איינעם וואָס האָט אָנגעקערט צו איהר גלויבען. ער האָט איהר אפילו ניט געזאָגט, אַז ער איז אַ איד, און זי האָט זיך ניט וויסענדיג געמאַכט, אַז זי ווייס עס, און אויך איהם פון איהר אָפּשטאַמונג ניט דערמאָנט. זי האָט אָבער מיט דער צייט אָנגעהויבען צו באַמערקען, אַז ער וויל די ליבע איהרע און איהר צוטרויען צו איהם ברוטאַל אויסנוצען, האָט זי לאַנג ניט געטראַכט און פאַרלאָזען די שטאָדט און דאָס לאַנד און איז אוועקגעפאָהרען און זיך באַזעצט אין בערלין, און דאָרט האָט זי אָפּגעוואוינט אַ רייע יאָהרען, אויך באַזוכט אַנדערע דייטשע שטעדט, און לעצטענס איז זי אריבערגעפאָהרען קיין לאָנדאָן, און זיצט שוין דאָרט ביי אַ צעהנדליג יאָהרען, און עס קאָן זיין אַז זי וועט שוין דאָרטען פאַרבלייבען זיצען. די שטאָדט געפעלט איהר זעהר, עפּעס זעהט עס פאַר איהר אויס פאַר אַזאַ מין אָרט, וואו אַן איינזאַמער קאָן זיך ניט פיהלען אַזוי איינזאַם, ווייל די איינזאַמקייט פיהלט זיך דאָרטען אַרום און אַרום, אין אַלעמען און אַלעס... די גאַנצע שטאָדט, סאַי

די הייזער, סאַי די מענשען, זעהען אויס אַזוי פאַרגרויט, פאַר־דונקעלט, ווי אין גרויער עלטער פאַרזונקען. די מענשען, גאַר אַ גרויסער טייל פון זיי, זעהען אַלע אויס ווי פאַרזעסענע, אַלטע מוידען, דאַרע און אַלטע בחורים, אַלע אַזוי ערנסט און שווייגענדיג... אַ גאַנץ פאָלק אַ שווייגענדיגעס, און ס'איז שטיל און ס'איז טעמפּ... און דאָך גלייכט זי זיי, אָט די ענגלענדער. אָט די חסרונות אַפּעלירען צו איהר... ס'געפעלט איהר... זי זעהט אין דעם פיל שיינקייט, גאַנצקייט פון אַ פאָלק און צומאָל דאַכט זיך איהר, אַז ס'איז שוין גאָר מעלות אָט די חסרונות...

אין איהר היימאַט וואָלט זי זיך זיכער שטאַרק אומגליקליך געפיהלט. דאָרטען אָבער, אויף דעם בריטישען אינזעל... קלאָר איז דאָס איהר ניט, אָבער זיכער, אַז אַזוי איז דאָס... אָט ווייס זי דאָך ווי זי האַנדעלט, כאָטש זי איז גאַנץ קאָרעקט, אָבער זי מוז אַזוי האַנדלען, ווייל... ווייל...

„ס'איז שוין שפּעט, מיסטער זאַנפיל, איהר מוזט שוין לויפען אַהיים!"

געגען איהם איז זי אָנגעשטויסען... אַ מאָדנער דאָס איז! זי זאָגט איהם, אַז זי איז אַלט פערציג יאָהר, זאָגט ער איהר ניין, אַז זי איז נאָך אפילו קיין דרייסיג ניט אַלט... דער איינציגער, אויף וועמען זי טראָגט פאַרדרוס און אַ שטענדיגע ניט־צופרידענהייט. צווישען אַלע וואָס קומען צו איהר אַריין איז ער דער אומגעוויינשסטער צווישען אלע, ווייל ער איז דער איינציגער, וואָס לאָזט איהר ניט פאַרגליווערט ווערען אין דער רעכטפּערטיגקייט פון איהר לאַגע און מיט זיין באַזונדערען האַלטען זיך צו איהר רייסט ער אמאָל אַרויס אַ ציגעל פון איהר פאַרמויערט האַרץ, און זי דערפיהלט אַ שטאָך פון אַ ברענענדען ליכטיגען שטראַהל, וואָס פאַלט אריין אַהינצו, און ער ריהרט ביי איהר אויף אַלטע, לאַנג־פאַרמאַרינירטע ווייטאָגען, וואָס זי האָט שוין לאַנג פאַרגעסען אָן דעם, און דערפיהלט פון דאָס ניי אַ ניט־צופרידענהייט און ווייטאָגדיגע בענקשאַפט אין האַרצען. און וואָס גערט עס איהם אָן צי זי איז אַלט

דרייסיג, צי זי איז אַלט פערציג... יע, זי איז נאָך אַפילו קיין פולע פערציג ניט אַלט. זי איז נייַן און דרייסיג אַלט, אָבער זי זאָגט איהם אומיסטנע פערציג.

ווען ער רעדט מיט איהר און ס'קומט אמאָל צורייד וועגען עפּעס א „דעליקאַטער" זאַך, און ער האַלט זיך אָפּ פון געוויסע אויסדריקע אוים באַשיידענקייט צו איהר מיידעלשקייט, פאַרדריסט עס איהר ווידער... ס'איז שוין ניט פאר איהרע יאָהרען... ניט פאר מיידלאך אין אַזעלכע יאָהרען דאַרף מען זיך היטען מיט א וואָרט און זי האָט איהם שוין ניט איינמאָל אָנגעמערקט:

„וואָרום אַזאַ באַשיידענהייט, מיין הערר?... איהר קאָנטריידען פרייער... איך בין ניט קיין נאַאיוועס מעדכען".

יע, זי ווערט טאַקע רויט ווען זי זאָגט עס, און פלייסט זיך מיט אַלע מעגליכקייטען איינצוהאַלטען דעם בליק איהרען אויף איהם, און אַלעמאָל נאָכ'ן פּראָקלאַמירען זיך פאר אַזעלכער, האָט עס איהר איטליכס מאָל באַנג געטאָן, און דאָך האָט זי ווייטער און ווידער אמאָל אַזוי געהאַנדעלט.

---

זי איז געזעסען אין פאַטער־שטול אַנטקעגען קאַמין, די פיס אויסגעצויגען צום פייער, ווי נעכטען און אייערנעכטען און ווי אַלע אָווענטען פון די אַכט־נייַן חדשים אין יאָהר, וואָס דער קאַמין ברענט. נעבען איהר, אויפ'ן פלושענעם ראַג, וואָס איז געלעגען פייער־עקיג צושפּרייט אונטער'ן טיש און בענקלאך, איז געזעסען נעראָ. ער איז געזעסען איינגאַנצען פאַרזונקען אין וואוילזיין פון ווארימקייט און געקוקט דורך שמאָלע אויגען־פּאַסיקלאך אויפ'ן פייער.

„נעראָ, מעהר געהסטו ביי מיר ניט אין דרויסען אַרויס, הערסט, מעהר לאָז איך דיר ניט... ווי פּאַסט עס פאַר דיר, נעראָ? דו ביזט דאָך אַן אַריסטאָקראַט, ווי קאָנסטו פיהרען ליבעס מיט די שמוציגע גאַסען־ברואים?"

אַזוי האָט גערעדט צו „נעראָ" מיסס לעדער. און ער

האָט געהאַלטען צו איהר אויסגעדרעהט דעם קאָפּ און געקוקט אויף איהר מיט שטילקייט און מיט שווייגעניש,געקוקט מיט זיינע גרויסע ליכטיגע אויגען פול מיט גלאַנץ און ליבע, און זיצענדיג אַזוי אומבאַוועגליך אין מאַיעסטעטישער פוילקייט, האָט ער אין דויערהאַפטען קוקען אָנגעהויבען צו פאַרשמעלען די אויגען ביז ס'איז פון זיי שמאָלינקע פּאסיקלאַך געוואָרען, און דערביי אַזוי פּאַמעלאַכקע און שטיל און פּאַמעלאַכער און שטילער באַוועגט מיט'ן עק, און שפּעטער מיט אַ קליין ברעקעל שפּיצעלע באַוועגט היין און צוריק. ס'האָט זיך געדרעהט און געוואָרפען אָט דאָס עקען־שפּיצעל, ווי אַ נערוו, און אויסגעדריקט דעם גאַנצען קעצעשען עגאָאיזם און דעם גאַנצען קעצעשען „איך“. דאָס שפּיצעל האָט דערציילט, אַז באַהאַלטען הינטער אומבאַ־וועגליכקייט פון דעם שוואַרצען און סאַמעט־גלאַטען קערפּער לעבט אַ לעבען, אַן אייגען־קעציש לעבען, וואָס איז פאַר צוויי־פיסיגע ניט ווייכטיג, אָבער פאַר... אָט הערען זיי ביידע פון דרויסען אַ קאַצעניאָמער. וואָס באַדייט עס פאַר איהם — קאַץ, און פאַר איהר — מענש... נערָא האַלט אין איין שפּיצען די אויערען, הערענדיג די קולות. ער זיצט, דוכט זיך, אומבאַ־וועגליך ביים פייער, אָבער פאַר זיינע אויערען געהט ניט פאַרלאָרען קיין איין קלאַנג פון יענער זייט פענסטער. ער הערט יעדען מיאַווקע און פון יעדען מיאַווקע גיט זיך באַזונדער אַ שפּיץ אָן דער אויער.... ער ווייס שוין גוט וואָס אָט די קולות באַדייטען, יע, ער אַליין שרייט אַפילו קיינמאָל ניט, ער לאָזט בכלל קיינמאָל פון זיך קיין קול ניט הערען. ער איז דאָך אַן אַריסטאָקראַט, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס, ס'איז פּאָרט זיין אייגענס און אין קעצעשען מאַרך זיינעם און אין זיין גאַנצען קעצעשען וועזען ליגט עפּעס אַ מין קאָשמאַר פון ליידענשאַפט, פון עפּעס אַ צוגעבונדענקייט צו זיין מין, וואָס איז איהם גאָר,דאַכט זיך, ביז אַהער ניט אָנגעגאַנגען!...

נערָא איז ערשט אינגאַנצען ביי אַכט, ניין מאָנאַטען אַלט. ערשט צוריק מיט זיבען מאָנאַטען האָט איהם מיסס לעדער

געקויפט אין אַן אַנטיקוואַריום פון לעבעדיגע אַנטיקען... מיסס לעדער איז פאַרבייגעגאַנגען און דערזעהן אין שוי־פענסטער אַ פּאָר גרויסע ליכטיגע אויגען, איז זי פּשוט פאַרצאַפּעלט געוואָרען. זיי האָבען געקוקט צום גאַס, אַט די אויגען מיט אַזוי פיל בלאַנ־דזשענדע יונג־קעצעשען און קינדער־קעצעשען חן, און מיט אַזוי פיל מילדקייט און צאַרטקייט אין בליק, אַז זי איז פּשוט עלעקט־ריזירט געוואָרען פון גרויס ליבע צו דעם באַשעפעניש. אריינ־געהענדיג איהם קויפען, האָט איהר דער אַנטיקוואַר דערציילט דעם גאַנצען יחוס זיינעם, אַז ער וואַקסט פון די קאַלטע געגענטען אין קענעדע, און דערפאַר, ווייל דאָרטען זיינען די הימלען אַלעמאָל אַזוי לויטער, הויך און בלוי, אַז דערפאַר האָט עס אַט דאָס קעצעל אַזעלכע גרויסע, וואונדערלאַך־שעהנע אויגען. יענער האָט איהר אויך דערציילט, אַז די פּאַראָדע צייכענט זיך אויס מיט אַ באַזונדער אייגענשאַפט פון זכרון און אַז פאַר אַ קורצע צייט וועט ער פאַרשטעהן איטלאַכס וואָרט וואָס מ׳וועט רעדען צו איהם.

מיט דעם נאָמען „נעראָ" האָט איהם שוין מיסס לעדער געקרוינט דערפאַר וואָס ער טרעט קיינמאָל פון פייער ניט אָפּ, און זי האָט אומיסטען תמיד אָן דעם פייער אין דיינינג־רום פאַר זיינטוועגען. און ער ווערט גאָרניט מיד זיצענדיג אין פאַרגלי־ווערטער רוהיגקייט און קוקט דורך שמאָלע און גלאַנציגע ווי נאָדלען פּאַסיקלאַך אויפ׳ן פלאַם. נאָר פון צייט צו צייט, ווען דאָס פייער ענדערט זיין נאָרמאַלען גאַנג פון ברענען, ווען עס דערהערט זיך אַ וואָרטשע אָדער אַ קנאַק פון פייער, אָדער ווען ס׳וואַלגערט זיך אַ שטיקעל אָנגעגליהט קויל, דעמאָלט צועפענט ער ברייט די אויגען און קוקט מיט אומצוטרויען אויף דער ליכ־טיגער און וואַרעמער באַוועגליכקייט... פון דעם איז קענטיג, אַז אַפילו אין דרעמעל וואַכט אין איהם דער אינסטינקט, אַז ער, דער אינסטינקט, האָט אין זינען, אַז ס׳געפינט זיך נאָהענט נעבען עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז טאַקע זעהר אָנגענעם נעבען דעם צו זיצען, נאָר פונדעסטוועגען טאָר מען זיך ניט אין דעם אינגאַנצען פאַרטרויען.

ס'איז שוין ווידער אמאל געווען ניין אזייגער אין אווענט, ווידער אמאל איז נאר וואס די דינסט אוועקגעגאנגען, און ווידער אמאל האט זי ניט געוואוסט און געוואלט וויסען צי דער אלטער באַרדער געפינט זיך דאַרטען ביי זיך אין רום צי ער איז ניטא, און ניט געקענט זיך אפגעבען קיין רעכענונג פארוואס זי איז דאס אלעמאל אזוי גערן צו וויסען... מיסס לעדער האט אראפגעווארפען א „סליפער" פון איין פוס און מיט'ן פוס געגלעט נערא'ס קאפ און דעם רוקען זיינעם, און דורך דעם דינעם זיידענעם זאק גע־פיהלט די צארטע, ווייכע גלאטקייט פון זיין זיידען־האריגער פעל, און דערביי האט זי גערעדט צו איהם אזעלכע ווייכע, ליבע און ווארימע ווערטער, ווערטער אזעלכע, וואס זי האט געשפירט אין דער פוס, וואס האט גאנץ צארט געגלעט נערא'ס קאפ און רוקען.

אוים, מעהר שלאפסטו ניט מיט מיר!...

ס'האט זיך דערהערט א קלאפ אין פענסטער, און מיסס לעדער האט געעפענט די אונטערשטע טיר, וואו מ'פאלט גלייך אין קיך אריין. זי האט שוין געוואוסט, ווער דאס איז, אז ניט אימיצער אנדערש, נאר זאנפיל קלאפט אונטען אין פענ־סטער, מ'זאל איהם ארייגלאזען דורך דער הינטערשטער טיר... דאס איז פון היימישקייט וועגען טוט ער עס אזוי.

— העללא, מיסס לעדער!

זי האט איהם אריינגעפיהרט אין דיינינג־רום און ער, גלייך ווי ער איז אריינגעקומען, האט אויסגעטאן די גלעזער זיינע און זיי אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש און צורוקענדיג א ביינקעל, האט ער זיך אוועקגעזעצט ביים קאמין, פארלייגט א פוס איבער א פוס און א גלעט געטאן נערא'ן איבער'ן קאפ און געזאגט:

— נערא!

נערא איז געזעסען אין מיטען, צווישען ביידע, האט אפילו קיין קוק ניט געגעבען ווער ס'האט איהם א גלעט געטאן. מיסס לעדער האט פארגעלייגט דעם גאסט א גלאז טיי. ער האט העפליך געדאנקט און זיך אפגעזאגט. דאס מאל האט ער גאר געבראכט

מיט זיך כיבוד. אַזוי גלייך ווי זי האָט איהם פאַרגעשלאָגען טיי, האָט ער זיך אויפגעהויבען און אַרויסגעשלעפּט פון פּאַלטאָ אַ היבשע באַקס מיט קענדי, געעפענט די באַקס און צוגעטראָגען צו מיסס לעדער. פאַר איהר איז דאָס געווען אַ נייעס און די נייעס האָט זי באַאומרוהיגט... עפּעס האָט זי געזעהן אויף זיין פּנים פיל פרייד, און דאָס האָט זי אומבאַוואוסטזיניג געשראָקען. זי האָט גענומען אַ שטיקעל קענדי און, נעמענדיג איהם פּארקוקט אין די אויגען אריין און געפרעגט, וואָס איז די אורזאַכע דערפון. ער האָט איהר מיט אַ שמייכעלע געענטפערט, אַז ס'קאָן זיין, אַז זי וועט נאָך ביי איהם עסען מעהר קענדי.

ער איז געשטאַנען אַזוי נאָהענט נעבען איהר ווי עס שטעהט אַמאָל אַ ליבער ברודער נעבען אַ ליבע שוועסטער, און אויך די נאָהענטקייט האָט זי באַאומרוהיגט... זי האָט איהם נאָך די גאַנצע צייט, וואָס ער געהט אריין צו איהר, ניט געהאַט אַזוי נאָהענט נעבען זיך. זי האָט דערשפּירט, אַז ביי איהם איז אַנטרונען געוואָרען אַט דאָס מחיצה'לע פון פרעמדשאַפט, און ער איז פּלוצלונג געוואָרען מיט איהר היימיש ווי אַלע איבעריגע באַקאַנטע... מיט דעם שטיקעל פרעמדקייט אין זיין באַנעמען זיך צו איהר ביז אַהער, האָט זי איהם געשפּירט נעהענטער ווי אַלע איבעריגע. איצט אָבער האָט זי דערפיהלט, אַז ער האָט זיך אויסגעמישט צווישען אַלע איבעריגע איהרע באַקאַנטע, סאַי פאַר־הייראַטע און סאַי ניט פאַרהייראַטע מענער, און האָט דערפיהלט, אַז ער איז אַזוי היימיש געוואָרען ווי אַלע און מיט דער היי־מישקייט פרעמד געוואָרען ווי אַלע...

ער האָט איהר דערציילט, אַז ער איז אַ גרויסער מקורב געוואָרען מיט איינעם פון די גרעסטע ציוניסטישע אָנפיהרער און אַז, אַ דאַנק אַט דער נאָהענטקייט, וועט ער באַקומען אַ גרעס־סערע שטעלע, וואָס וועט איהם אריינטראָגען אַ זעקס־זיבען פונט סטוירלינג אַ וואָך... מיסס לעדער איז אומבאַוואוסטזיניג ניט געווען צופרידען מיט דער בשורה, אָבער דאָך פרייער אָפּגעאָטעמט, ווייל זי האָט (ווידער אַמאָל אומבאַוואוסטזיניג) זיך געשראָקען פאַר

עפּעס ערגערס... מיסטער זאַנפּיל האָט פריי און מיט פיהלען זיך גוט אַוועקגעשטעלט די באָקס קענדי נעבען מיסס לעדער אויפ׳ן טיש און, אָנטאָנ׳דיג די גלעזער, געפרעגט צי מ׳קאָן מיט אַזאַ געהאַלט מאַכען אַ לעבען.

— אַ, יעס! — האָט מיסס לעדער זיך געכאַפּט צו זאָגען, פארשטעהענדיג וועגען וואָס ס׳האַנדעלט זיך, און עס ארויסגעזאָגט מיט אַ פעסטען זיכערען טאָן, כדי ער זאָל עפּעס ניט איבער־טראַעכטען וועגען איהר, אַז זי וויל איהם אָפּשלאָגען פון דעם וואָס ער טראַכט דאָרטען. — אַ, יעס, מיט זיבען פונט אַ וואָך קענט איהר מאַכען אַ שעהן לעבען.

און דאָ גאָר פּלוצלונג האָט זי אַרויפגעלייגט איהר פוס אויף נערא'ן אַ שטאַרקען דריק געטאָן אויף איהם. נערא האָט זיך עלאַסטיש אונטערגעגעבען און זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער איהר פוס אַרויס, האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אַלע פיער און זיך אויסגעהאָרבעט, און גלייך האָט ער זיך געטאָן אַ ציה אויס אין דער לייַנג מיט די הינטערשטע און פאָדערשטע לאַפּעס ווייט פון זיך, און ברייט געעפענט דעם פּיסק, פון וואַנען עס האָט זיך באַוויזען ווייסע שציריגע צייהן און אַ רויט דין צינגעל, וואָס האָט געציטערט און געפלאַטערט ווי אַ פּענדעל פון דינער און צאַרטער מאַטעריע. און ווייט אַרויף האָט מען דייטלאָך געזעהן דעם שלינג מיט צוויי לעבער, וואָס האָבען געפיהרט אין זיין אינגעווייד. ער איז מיט אַ שפּאַן און צוויי געשטאַנען נעבען איהר און מיט זיין הויכען און שעהנעם וואוקס מיט אַ גאַנצער זייט פון זיין קערפּער זיך געריבען אָן איהרע פיס, וואָס זיינען געווען דין באַצויגען מיט זיידענע געשטרייפטע זאָקען און געקוקט אויפ׳ן פייער, און ס׳איז שוין שווער געווען צו דערקענען אין זיינע אויגען, ווען ער האָט איצט מעהר אין זינען און וואָס ס׳איז איהם ליבער, צי דאָס פייער, צי די פיס ביי וועלכע ער רייבט זיך. דער עק זיינער האָט זיך געדרייט מיט זיין גאַנצער גרויס און איינמאָל און אַ צווייט מאָל באַזונדערס שטאַרק אַ דרעלעווע געטאָן מיט איהם אין דער לופט, און געדאַכט האָט זיך, אַז דער עק איז עפּעס אַ באַזונדער נפש,

פאַר זיך אַ לעבעדיגע זאַך, מיט אַ שווידערליכען לעבעדיגען אינ־סטינקט.

זי האָט איהם אַרויפגענומען אויפ'ן שויס און איהם אויפ־געהויבען, אויפגעשטעלט מיט די אויבערשטע לאַפּקעס אין דער הויך, האָט זי איהם געדריקט צו דער ברוסט און דעם קאָפּ זיינעם ארונטערגערוקט זיך אונטער דער גאָמבע. מיסטער זאַנפיל האָט ווידער אויסגעטאָן די גלעזער און זיך צוגעקוקט מיט אַ שמייכעלע צו דער אידיליע און איינמאָל און אַ צווייט מאָל אַ גלעט געטאָן; אין דער גאַנצער שטעהענדיגער לענג פון דעם קאָפּ ביז אַראָפּ צום עק. און אַזוי איז אַוועק אַ צעהן מינוט אין שווייגען און אין שטילקייט, און פון דרויסען האָט זיך געלאָזט הערען דער קעציש׳ער יאָמער, וואָס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז קינדער וויינען. און מיסס לעדער האָט מיט גרויסען טיפען טרויער זיך אריינגעטראַכט איז דעם און דעם גאַנצען יאָמער און ניט געוואוסט וואָס זי טראַכט, נאָר געהאַט אַ נעבעלדיגע באַגריף, אַז ס'האָט זיך אָפּגעריסען פון רעאַלען לעבען און איז אריינגעפאַלען אין עפּעס אַ מיסטישער אַטמאָספערע, און ס'האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ס'וויינען קינדער נאָך ניט געבוירענע... פאַרוואָגעלטע נשמות, וואָס זוכען ערגעץ טיף אין איהר ווייבליכקייט אַ תיקון אויף דער וועלט זיך צו באַווייזען.

ענדליך איז מיסטער זאַנפיל ווידער אַרוים מיט לשון, פאָרט־געזעצט דעם פריהערדיגען שמועס זיינעם און דערציילט, אַז ער געהט אַ חתן ווערען פאַר איינער מיס הערליך.

— איך גראַטוליר אייך, מיסטער זאַנפיל!

דאָ האָט איינצייטיג אַ ציה געטאָן אַראָפּ נעראָ. מיסס לעדער האָט איהם איינגעהאַלטען און איינגעקוועטשט מיט פאַרדרוס.

— דו געהסט היינט ניט ביי מיר!

נעראָ האָט איהר אַריינגעבליקט מיט פּאַספּאַרישען גלאַנץ אין די אויגען אַריין און זי האָט דערפיהלט אונטער איהרע הענט ווי דער קערפּער זיינער ווערט אַנגעדראָטעוועט און אַז ער רייסט זיך ווידער פון איהרע הענט.

נאו סער, דו געהסט ניט!

נערא האט זיך גענומען ראנגלען און ראנגלען, זיך עלאסטיש דרעהען און בויגען פון איין זייט אין א צווייטע און מיסס לעדער האט זיך אנגעשטרענגט מיט אלע קרעפטען איהם איינצוהאלטען און געפיהלט און געזעהן, אז ער ווערט פון מינוט צו מינוט אלץ איינגע'עקשנ'טער און ווילדער אין זיין קאמף, האט זי זיך אנגע־שטרענגט אלץ פעסטער איהם האלטען און איינהאלטען.

ביידע האבען זיך געראנגעלט, א מענש מיט א חיה, און אין ביידען האט געקעמפט און זיך געראנגעלט דער טהירישער אינ־סטינקט. מיסטער זאנפיל איז דערביי געשטאנען, דאס צוגעקוקט און געשמייכעלט, און גארניט געוואוסט וואס דא קומט פאר, וואוהין „דער" רייסט זיך, און פארוואס „די" לאזט איהם ניט אראפ פון די הענט. פאר איהם איז דאס געווען א שפיל. אבער געזעהן ווי נערא ווערט פון מינוט צו מינוט אלץ ווילדער, האט ער איהר איינמאל און א צווייטען מאל געווארענט זי זאל איהם אפלאזען. מיס לעדער האט איהם ביידע מאל אפגעמאסטען מיט אזא פייערדיגען בליק פול מיט האס און פאראכטונג, און נאך פארביסענער גענומען קוועטשען און דריקען נערא'ן, ביז... ביז נערא האט איהר מיט'ן גאנצען פיסק און מיט זיינע שארפע צייהן זיך איהר איינגעביסען אין האנט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיסס לעדער האט א שעה אנדערהאלבען אהן אויפהער ספאזמירט... ערשט איצט האט זי קלאר און דייטליך דערפיהלט, אז דאס לעבען איהרס איז אויף אייביג פארלארען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

# אַ פּאָרטרעט.

(צוגעשיקט פונ'ם אידעל)

איינמאָל איז אריינגעקומען צו מיר אַ הויכע, שלאַנקע פרוי און מיך פארבעטען איך זאָל געהן מיט איהר צו איהר אַהיים. זי האָט מיר אַ סעט מעבעל צו פארקויפען. איך האָב איהר פאר־לאַנג גלייך צו געהן מיט איהר ניט געקענט צופרידען שטעלען. איך האָב גענומען ביי איהר דעם אדרעס און אויפ'ן צווייטען טאָג בין איך אוועק צו איהר און געקומען צו דער באשטימטער צייט וואָס מיר האָבען אָפּגערעדט מיט איהר איך זאָל קומען.

די דאַמע האָט זיך געפונען אין איינע פון די פארוואָרפּענ־טע אריסטאָקראַטישע געגענטען, הינטער דער שטאָדט. אזוי ווי עס גיט זיך אוים וואָס עס וואוינען די אָרימסטע מענשען הינטער'ן שטאָדט, אַז דאָס איז עפּעס אַ באַזונדער אָרימקייט פון דער שטאָדטיגער, אזוי גיט עס זיך אוים מיט די רייכע וואָס וואוינען הינטער'ן שטאָדט. עס דאַכט זיך, אַז דאָרט איז עפּעס גאָר אַ באַזונדער סאָרט רייכע, אַן אַנדער סאָרט מענשען, איידע־לערע און פיינערע פון יענע, וואָס וואוינען אין שטאָדט, אַ באַ־זונדער וועלטעל, עפּעס איז דאָרטען אַזוי אידעאַליסטיש און אי־דיליש שטיל... פּריוועט־הייזקעס און בוימער, בוימער און הייזער, און ס'איז שווער זיך צו פאַנאַנדערנעמען צי האָט מען די הייזער אריינגעבויט צווישען די בוימער צי פארקעהרט, צי האָט מען אָט די בוימער אריינגעזעצט צווישען די הייזער... און עס דערמאָנט עפּעס אָן אַ דאָרף: דאָרפישע שטילקייט, אויף דעם דאָרפישען אופן אָפּגעטראָטען שטוב פון שטוב, ארומגעפּארקענט, אָפּגעצוימט

הויז פון הויז, בוימער פון בוימער; אָבער וואָס פאַר אַ הייזער, וואָס פאַר אַ פאַרשיידענאַרטיגע אַרכיטעקטור, וויפיל פאַנטאַזיע, וויפיל איינפאַל עס ליגט אין יעדען הויז! אַ פאַנטאַסטיש דאָרף... אַ דאָרף וואָס האָט באַקעמפט די נאַטור, די ערד, אָפּגעאַרבייט איינמאָל פאַר אַלע מאָל ביי איהר און זי טוט שוין איהר אַרבייט אַליין פון זיך און ס'איז יום־טוב, אַ שטענדיגער יום־טוב פון מענשען, וואָס פּראַצעווען ניט און באַראַבעווען דאָך קיינעם ניט...

די פּריצה האָט מיך אויפגענומען ווי אַן אַלטען באַקאַנטען און צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג, מיר פאָרגעלעגט איך זאָל אָנטאָן דאָס היטעל, וויסענדיג, הייסט עס, אַז נאָך דער אידישער רעליגיע איז פאַרבאָטען צו זיין אָהן אַ היטעל און מסתמא מיך אָנגענומען פאַר אַ רעליגיעזען אידען. זי האָט געשמייכעלט, די פּריצה: יאָ, איך קען דאָס טאָן, אָנטאָן דאָס היטעל, הייסט עס. זי וועט עס פאַר זיך ניט רעכענען פאַר קיין באַליידיגונג.

זי האָט מיך אַראָפּגעפיהרט אונטען, אין אַ גרויסען קעלער, וואָס איז אַזוי גרויס ווי אויבען, ווי דאָס גאַנצע פאַרנעם פון הויז. זי איז געגאַנגען פאָראויס, געשפּאַנט טרעפּ־אַראָפּ, טרעפּעל נאָך טרעפּעל, אָנגעהאַלטען מיט אַ האַנט פון הינטען דאָס קלייד מיט'ן לאַנגען שלעפּ. און נאָך איידער איך האָב באַוויזען אַראָפּ־צוגעהן פון די לעצטע טרעפּ, איז שוין דער קעלער געווען באַ־גאָסען מיט אַן עלעקטרישען שיין, און דאָ האָב איך צווישען גרויסען אַרכיוו פון שטויביגע זאַכען, וואָס איז אונמעגליך און איבעריג אויסצורעכענען, דערזעהן אַ סעט מעבעל אין פולער אָרדנונג, ווי עס וואָלט געשטאַנען אויבען אין פאַרלאָר־רום, און אונטען איז געלעגען אַ פּערזישער דיוואַן, און אַלעס איז געווען אַזוי ריין, ניט פאַרשטויבט. קענטיג, אַז מען פּאַסט דאָ אויף דעם אויף. אין אַ ווייל'ע אַרום בין איך נאָך מעהר איבעראַשט געוואָרען, דערזעהענדיג אויף אַ וואַנט אַ פּאָרטרעט פון אַ יונגען מענשען מיט עכטע שטריכען פון אַן עכטען אַנגלאָ־זאַקס און אויף זיין גאַנצען אויסזעהן איז געווען צו דערקענען, אַז דער אָריגינאַל באַלאַנגט צום אַדעל. ווער ווייס, אפשר גאַר נאָך אַ טיטולירטער

לאָרד. דער פּאָרטרעט איז געווען געמאָלען אין אויל־פאַרבען פון א געניטען און זיכערען פּענזעל פון א גרויסען קינסטלער. און עס האָט זיך געדאכט, אז דער פּאָרטרעט לעבט, קוקט אראָפּ מיט שוויינעניש און מיט שטילקייט און מיט עכטער און פאר זיך אליין אָפּגעשאָצטער ווירדע פון זיין מענשליכען אינדיווידום.

באמערקט אז איך קוק אויפ'ן פּאָרטרעט האָט מיין פריצה א שמייכעל געטאָן און זיך געזעצט און מיך פאַרבעטען זיצען, און מיר דערצעהלט איהר'ס א שטיק לעבענס־געשיכטע, וואָס איז כדאי באשריבען צו ווערען און דאָס אָפּדרוקען, הגם דאָס האָט צו טאָן מיט א קריסטין און איז ניט פון אידישען לעבען. אָבער עס איז דאָך, מיין איך, כדאי דער אידישער לעזער זאָל זיך דערמיט באקענען, ווייל איך, דער מחבר, מיין, אז אזעלכע זאכען קענען טרעפען ביי אידישע פרויען אויך, עס הייסט, ביי אידישע אריסטאָקראטישע פרויען, וואָס די אידישע שרייבער קענען זיי כמעט ניט...

זי האָט מיר דערצעהלט, אז דער פּאָרטרעט איז פונ'ם ערשטען מאָן פון איהרען, און אז זי האָט איהם געמוזט אראָפּ־טראָגען אהערצו, אין קעלער, ווייל אזוי איז געווען דער ווילען און שטרענגער פארזאָג פון איהר צווייטע מאָן, צו וועמען זי איז איצט פארהייראט. אָט די צוויי מאָנען האָבען זיך געקענט פריהער, זיינען געווען חברים און די בעסטע פריינד. ביידע האָבען זי ליב געהאט פאר דער חתונה. זי האָט ביידען געליבט, און ביידע מענער האָבען באשלאָסען אין גאנצען איבערצוגעבען דאָס גורל זייערס צו איהר אין די הענט אריין. וועמען פון זיי זי וועט אויסקלייבען, אזוי וועט עס בלייבען, און זי האָט אויס־געקליבען אָט דעם, וועמעס פּאָרטרעט איך זעה דאָ. פאַר וואָס האָט זי אויסגעקליבען דעם, און ניט יענעם? עפּעס אזוי האָט זיך איהר געדאכט, אז דעם האָט זי מעהר ליב, ווי יענעם, דעם איצטיגען מאָן איהרען. יענער האָט אָפּגעטראָטען, פארשוואונ־דען פון זייער האָריזאָנט, און זי האָט חתונה געהאט מיט דעם, וועמעס פּאָרטרעט איך זעה דאָ פאר זיך. אָפּגעלעבט עפּעס א

קארג יאָהר מיט איהם, האָט זי אָנגעהויבען צו בענקען און ס'האָט זי אָנגעהויבען צו ציהען צו יענעם. עס הייסט צו דעם, וואָס איז איצט איהר מאַן, און עס האָט זיך איהר אָנגעהויבען צו דאכטען, אַז זי האָט אַ טעות געהאַט אין איהר אויסוואהל; ס'האָט זיך איהר אָנגעהויבען צו דאכטען, אַז ליב געהאַט שטארקער האָט זי גאָר יענעם, ווען זי האָט אָפּגעשטויסען פון זיך. און פון טאָג צו טאָג, פון וואָך צו וואָך האָט עס איהר אַלץ שטארקער און שטארקער געצויגען צו יענעם, צום פון איהר פארשטויסענעם, ביז זי האָט עס ניט געקענט אויסהאַלטען, און האָט באַשלאָסען אַז זי מוז איהם זעהן און זאָגען וועגען דעם טעות וואָס זי האָט געמאַכט. יענער, פארשטעהט זיך, האָט זי נאָך אַלץ געליבט, און ער איז געווען זעהר גליקליך וואָס ער האָט באַקומען די מעג־ליכקייט זיך צוזאַמענצוטרעפען מיט איהר. און אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען עטליכע מאָנאַטען. זיי פלעגען זיך כמעט אַלע טאָג זעהן, און דער מאַן האָט גאָר ניט אָנגעהויבען צו פארדעכטיגען, ביז אַזוי גאָר צופעליג און אומגעריכט האָט זי זיך אַליין ארויס־געגעבען. דאָס איז פאָרגעקומען פאַהרענדיג מיט יענעם, מיט'ן געליבטען אין זיין אויטאָמאָביל. זי האָט דאָס מאָל, ווי זי גלייכט עס אַלע מאָל צו טאָן, ווען עס קומט אוים צו בלייבען שטעהן, ארויסגעוואָרפען די האַנט איהרע אַלס סיגנאַל, אויף הינטען, אַז מען באַדאַרף בלייבען שטעהן. און צו איהר גרוים ערשטוינונג, האָט זי פלוצלונג צווישען די אויטאָמאָבילס דאָרט ביי דער ווינדע דערזעהן דעם מאַן איהרען. דאָס הייסט, אַז ער האָט פּשוט דערקענט די האַנט איהרע. ער האָט גאָרניט גערעדט און גאָרניט געזאָגט, נאָר גלייך ארויסגענומען זיין וויזיט־קארטעל און עפּעס פלינק געגעבען אַ שרייב אָן און איבערגעגעבען דעם מאַן, וואָס איז מיט איהר געזעסען. זי האָט גלייך איבערגעלייענט דאָס אָנ־געשריבענע, און דאָס איז געווען אַן ארויסרוף אויף אַ דועל — אָנגעוויזען דעם טאָג, די שעה און דאָס אָרט.

אויף מאָרגען האָבען ביידע דועלירט און עס איז געפאַלען אין קאַמף דער מאַן איהרער, אָט ווען איך זעה דאָ אויפ'ן

פּאָרטרעט, און זי האָט חתונה געהאַט מיט יענעם, מיט'ן צווייטען, מיט דעם, וואָס האָט דעם הערליכען קאַמף געוואונען. דער האָט גלייך באַפוילען אַראָפּצונעמען דאָס בילד פון וואַנט, וואָס איז געהאַנגען צוזאַמען מיט איהר בילד. און אין דעם מאָמענט, וואָס די הויז־באַדינער האָבען אָט דאָס בילד פון וואַנט אַראָפּגענומען, האָט זי גלייך דערשפּירט, אַז עפּעס איז דאָ ווידער מיט איהר געשעהן. זי האָט אויפ'ן אָרט ניט געוואוסט וואָס, נאָר געפיהלט, אַז עפּעס אַן אומעט האָט ארומגעכאַפּט דאָס הארץ איהרס און דאָס גאַנצע וועזען. דאַן האָט זי אַליין ארויסגעגעבען אַ פּאָר־אָרדנונג, אַז מען זאָל דאָס מעבעל פון דעם צימער אויך באַ־זייטיגען. זי האָט אויפ'ן אָרט זיך ניט אָפּגעגעבען קיין רעכענונג נאָך וואָס זי טוט דאָס. שפּעטער אָבער איז איהר קלאָר גע־וואָרען, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרען מיט דער קראַפט פון איהר אונטערבאַוואוסטזיין, אַז אזוי האָט זי געדאַרפט טאָן. דער מאַן איז געווען איינשטימיג מיט איהר און מ'האָט אויסגעראַמט דאָס גאַנצע צימער. אַלעס איז אַראָפּגעטראָגען געוואָרען אין קעלער, און געבליבען זיינען נאָר די ווענט דאָרטען...

א פּאָר חדשים האָט זי זיך געפיהלט גאַנץ גליקליך מיט איהר נייעם מאַן און אַלטען געליבטען. שפּעטער־צו האָט עס זי אָנ־געהויבען צוריקצוציהען צו יענעם, צום ערשטען. פריהער האָט זי געמיינט, אַז עס טוט איהר גלאַט באַנג דאָס יונגע לעבען זיינס, וואָס ער האָט איבער איהר פאַרלאָרען. שפּעטער אָבער האָט זי זיך געכאַפּט, אַז עס איז עפּעס מעהר ווי דאָס, און עס האָט איהר אָנגעהויבען ציהען אַראָפּ אונטען, אָנצוקוקען דעם פּאָר־טרעט זיינעם. און אַ דאַנק דעם, וואָס זי איז געוואָרען אַן אָפּטע באַזוכערין דאָרטען, האָט זי געגעבען אַ פאַראָרדנונג צו די הויז־באַדינער, אַז עס זאָל דאָרטען אונטען אויסגעשטעלט ווערען דאָס מעבעל פּונקט אין דער זעלבער אָרדנונג, ווי עס איז געשטאַנען אויבען. און זי האָט אָנגעהויבען אַלץ עפטער און עפטער אָפּ־שטאַטען וויזיטען דאָרטען, אונטען, אין קעלער, צו דעם פּאָרטרעט פון איהר ערשטען, אזוי טראַגיש אומגעקומענעם מאַן איהרען,

האָס האָט אוועקגעגעבען דאָס יונגע לעבען זיינס פאַר איהר, און אזוי צו־ביסלאַך האָט זיך איהר ווידער אָנגעהויבען צו דאַכטען, אַז ליב געהאַט האָט זי טאַקע נאָר דעם ערשטען מאַן איהרען, אַז עס איז נאָר אינגאַנצען אַ טעות, וואָס זי האָט פריהער גע־מיינט, אַז זי האָט ליב דעם צווייטען.

און די פריצה האָט זיך פאַר מיר אָפענהערציג מודה געווען, אַז ווען דער ערשטער וואָלט געלעבט, וואָלט זי זיך צוריק צו איהם אומגעקעהרט.

— איז מיט וואָס קען איך אָבער דינען דער פריצה לע־בען? — האָב איך ביי איהר געפרעגט.

זי האָט מיר אויף מיין פראַגע ניט געענטפערט גלייך, נאָר מיט אַ טרויעריגען טאָן דערצעהלט, אַז עס איז געקומען די צייט, וואָס זי מוז זיך פון דער אילוזיע, וואָס זי האָט פאַר זיך באַ־שאַפען אין קעלער, אָפּזאָגען; אַז אימיצער פון די באדינער האָט, קענטיג, איבערגעגעבען דעם מאַן איהרען וועגען דער גאַנצער געשיכטע, און דער מאַן האָט זי אָנגעהויבען נאָכצושפּיאָנירען, און זי האָט באַשלאָסען „ארויסצומופען“ די אילוזיע איהרע פון קעלער ארויס.

— פארקויפען, הייסט עס?

ניין, ניט פארקויפען. זי קען דאָס ניט פארקויפען. דאָס איז ביי איהר דאָס טייערסטע אין דער וועלט. ס'איז גאָר ניטאָ אזא פרייז, וואָס זאָל עס קענען ביי איהר אָפּקויפען.

— טאָ וואָס פאָרט קען איך טאָן פאַר דער פריצה־לעבען?

זי האָט זיך אַ ווייַלע פארטראַכט אויף מיר און געזאָגט, אַז זי וויל, איך זאָל דאָס מעבעל אריבערנעמען צו זיך און איך זאָל פאַר דעם אָפּגעבען ביי מיר אין שטוב אַ באַזונדער צימער, פאַר וועלכען זי וועט מיר צאָהלען אַ שעהנעם רענט, און זי וועט קומען, ווען זי וועט קענען, און אָפּזיצען ביי מיר אין שטוב, ביי איהר אין צימער, אַ שעה אָדער צוויי, אזוי פיל וויפיל זי וועט קענען זיצען...

און כאָטש איך האָב צו דעם געשעפט ניט געקענט דער־

לענגען, האָב איך מיך פונדעסטוועגען פאַרטראַכט וועגען דעם, צי איך זאָל, צי ניט. עפּעס איז מיר געוואָרען אַ ביסעל שווער אויפ'ן געמיט פון די געהיימע ראַנדעוואָוס פון דער אַריסטאָ־קראַטישער דאַמע מיט'ן פּאָרטרעט פון איהר טויטען מאַן ביי מיר אין שטוב. און דאָך האָב איך ניט געזעהן קיין אורזאַך, פאַר וואָס איך זאָל מיך אָפּזאָגען פון דעם געשעפט. די איבעריגע צייט, דאָס הייסט, אַלע צוויי אָדער דריי און צוואַנציג שעה אין מעת־לעת, בלייבט דאָך דאָס צימער פאַר מיר, טאָ פאַר וואָס זאָל איך דאָס ניט טאָן?

איך האָב אַריבערגעפיהרט דאָס מעבעל מיט אַלע דיוואַנעס און פאַרשיידענע זאַכען מיט'ן פּאָרטרעט צו זיך. און אחוץ דעם, וואָס איך האָב אַרויסגענומען פון דעם רום ביז אַ ברעקעל פון מיין ווירטשאַפט, וואָס דאָרט איז געשטאַנען, האָט זי מיר נאָך גע־געבען אַ מוסטער פון שפּאַליער, מיט וועלכען איך האָב באַדאַרפט אויסקלעפּען די ווענט.

די דאַמע איז געקומען אַלע טאָג. די צייט איהרע פון קומען און אַוועקגעהן איז געווען צווישען דריי און זעקס אַזייגער ביי־טאָג. זי איז אַלעמאָל געקומען געדיכט געשלייערט. און די צייט, וואָס זי איז דאָרטען געזעסען, האָט מען פון איהר קיין פּיפּס ניט געהערט און פאַרבייגעהענדיג די סטאָר מיינע, האָט זי מיך קיינמאָל ניט באַגריסט, ניט קומענדיג און ניט אַוועקגעהענ־דיג. זי האָט זיך פאַרבייגעטראָגען ווי אַ שאָטען פאַרקערפּערט אין אַ פרויען־געשטאַלט.

אָפּגעגאַנגען אַ חודש און צוויי און פּינקטליך אָפּגעהיט די צייט פון קומען און אַוועקגעהן, ביז אַזוי לאַנג, ביז זי האָט פּלוצלונג אויפגעהערט צו קומען און אויס, אַזוי ווי אין וואַסער אַריין.

ס'איז שוין צעהן יאָהר אין דער געשיכטע, און דאָס צימער איז נאָך אַלץ געבליבען ביי מיר אין דער זעלבער אָרדנונג. גאָר ניט געריהרט, און מיט'ן פּאָרטרעט פון דעם אונבאַקאַנטען מאַן אויף דער וואַנט.

און ס'איז ביי מיר ביז היינטיגען טאָג געבליבען אזא גע־פיהל, אז עפּעס שטעה איך אויפ'ן שוועל פון א גרויסער טראַ־געדיע פון א מענשליכער נשמה, און וועל קיינמאָל ניט וויסען, וואָס פאר א טראגעדיע פון מענשליכע ליידען ס'האָט זיך אָפּ־געשפּילט ביי מיר אין שטוב, אונטער מיין נאָז. און אוים טיפער עהרפורכט צו אָט דער טראגעדיע, האָב איך קיין מוט ניט זיך צוצוריהרען און עפּעס ענדערען אין דעם צימער. און דער פּאָר־טרעט פונ'ם פרעמדען מאַן, וועמען איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געזעהן, קוקט אראָפּ אויף מיר מיט אזעלכע קלוגע אויגען, פול מיט לעבען און לוסט און מיט זעלבסטווירדע פון זיין מענשליכען אינדיווידום, מיט אַן אויסדרוק אזעלכען, ווי ער וואָלט געזאָגט צו מיר:

— טשעפּע מיך ניט... אָט לאָז מיך דאָ ביי דיר אזוי הענ־גען, לאָז מיך דאָ אין דער אַטמאָספערע, וואו ס'איז געזעסען און מיך אָנגעקוקט אָט די פארשוואונדענע פרוי.

און איך קען ניט, איך קען איהם טאקע פון אָרט ניט ריהר־רען, כאָטש איך וויים, אז איך וועל גאָרניט קריגען דערפאר וואָס איך לאָז איהם הענגען אויף דער וואנט און קוקען, ווי איך האָב געקראָגען ביי דער דאמע פאר איהרע וויזיטען ביי איהם דאָרטען; איך וואַרט אויף עפּעס א נס, אז דער פּאָרטרעט זאָל פארשוואונ־דען ווערען פון דער וואנט, ווי די דאמע איז פארשוואונדען גע־וואָרען. און אזוי לאנג ווי „ער" וועט עס ניט טאָן, אזוי לאנג וועל איך זיך האַלטען מיט אַן אומזיסטיגען טויטען „באָרדער" אויף דער וואנט... וואָס זאָל איך טאָן, וואָס? איך קען ניט...

# ווער?

זיך באקענט און נאָכ'ן באקאַנט ווערען ניט באקאַנט געווען, אזוי ווי עס באקענען זיך א „זי" מיט אן „ער" פון אנדערע געשלעכ־טען און טרעטען גלייך צו ביים ערשטען מאָל, טרעפען זיך איינס צו דאָס אנדערע מיט זייער נאַטירליכע באדערפנישען. אויף אזא מין אופן האָבען זיי זיך צוזאַמענגעטראָפען אויפ'ן ברעג ים האַלב־נאַקעטע און נאַסע און צווישען הונדערטער מענשען בייגלייך מיט זיי אויך האַלב נאַקעטע און נאַסע, וואָס האָבען באַזוימט מיט פלייש דעם ברעג פון ים און צונויפגעגאָסען זייערע קולות מיט'ן גערויש פון די כוואַליעס.

אין דער „ליבליכער" טעמפּעראַטור פון וואַסער און צווישען קערפּערס האַלב־נאַקעטע און אליין האַלב־נאַקעט איז די באַקאַנט־שאַפט גלייך פון אָנהויב געווען א פייערדיגע, א ליידענשאַפטליכע, מיט באַלדיגער און דירעקטער לוסט איינס דאָס צווייטע צו באַ־זיצען... זיינע מוסקולען, איהרע ברוסטען, וואָס האָבען זיך גלייך איינס דעם אנדערען געוואָרפען אין די אויגען אריין; ער איהר מיט זיין מענערשאַפט, זי איהם מיט איהר מוטערשאַפט, און ס'האָט זי און איהם, ביידע איינציייטיג, אריינגעוואָרפען אין א ליידענ־שאַפטליכען פיבער...

— אפשר אייך לערנען שווימען?

זי איז געשטאַנען צלמ'דיג פאַרלייגט די הענט אויף די בריסט און איהם פליישיג אריינגעשמייכעלט אין פּנים אריין, באַווייזענדיג איהם מיט דעם שמייכעל, אז זי איז זעהר צופרידען, וואָס ער האָט אזא חשק און אז זי פאַרשטעהט וואָס דאָס מיינט אָט־דאָס לערנען שווימען... יאָ, ער איז א „גוד־באָי", ס'קען זיין „אָל־רייט"

אפילו אויף דער טריקעניש אויך... און דערפאר טאקע, ווייל זי האָט איהם געוואלט האָבען אויך אויף ווייטער, נאָכ'ן באָדען זיך און שפעטער, דערפאר האָט זי ניט געקאָנט ביי זיך באשליסען צו זאָל זי אָננעמען זיין פאָרשלאג צי ניט, און געפונען א דיפּלאָמאטישען, צווייזייטיגען אויסגאנג.. זי קען איהם ניט געטרויען... זי ווייס ניט צי קען ער גאָר אליין שווימען...

— לאָמיר פריהער זעהן צי איהר קענט...

ער האָט פארשטאנען איהר הינטער־געדאנק און וועלענדיג זי באהערשען און ניט קענענדיג דאָס דאָ, האָט אן אומעט איהם ארומגעכאפט דאָס גאנצע וועזען זיינס און מיט דעם אומעט פון איבערפלוס פון לעבען, דאָס מאָמענטאלע און דאָס אייביגע אין מאָמענטאלען, וואָס האָט ניט געהאט קיין מעגליכקייט זיך אויס־צוזוצען האָט איהם אומבאוואוסטזיניג א שטויס געטאָן און ער האָט זיך געגעבען א ציה אויס אויפ'ן וואסער, אוועקגעלייגט און אראָפגעלאָזט אין וואסער איין האנט און א צווייטע און האָט זיך אזוי אוועקגעלאָזט האנט אריין, האנט ארויס, מיט קאָפּ און האלז אין נאקען פאררוקען אהין, צו ווייטקייט, צו ברעגלאָזיגקייט, וואו הימעל מיט וואסער גיסען זיך צוזאמען...

— „גוד באַי!"... — האָט ער איהר געזאָגט און איז אוועק אליין ווייטער און ווייטער פון איהר, פון ברעג און פון מענשען און וואָס ווייטער אליין מעהר אליין און מעהר איינזאם געבליבען. און שטילער איז פון מינוט צו מינוט פאר איהם געווארען דער ויעש און טומעל פון די הונדערטער מענשען אויפ'ן ברעג פון ים און פון אנטקעגען ביי א פערטעל מייל פאָראויס האָט זיך אלץ דייטליכער געלאָזט הערען דער „בעל־באָו" און אלץ דייטליכער האָט ער געזעהן ווי דאָס הוידעט זיך, יעדער הוידע באגלייט מיט א קלאנג און יעדער קלאנג מיט א הוידע... ס'איז געשטאנען און ניט איינגעשטאנען אָט דאָס קיילעכדיגע אָהן־פיסעלדיג אויפ'ן וואסער, נאָר א בויג אהין, א בויג אהער, אָהן אויפהער זיך גע־בויגען און אָהן אויפהער געקלונגען, און ס'האָט ווי דערצעהלט פון ברעג און פון ים און ווי געוואונקען אהער און אהין וועגען

גרויסקייט און מעכטיגקייט פון ים און וועגן נישטיגקייט פון מענשען... קריכט ניט ווייט...

ס'האט זיך אהן אויפהער געשאקעלט און געקלונגען דער „בעל־באו" אליין, ווי מיט זיך צוטיילט ים און ברעג... ביז אהער ברעג און ביז אהער ים, צוטיילט און פאראייניגט די שיפען פון איין זייט, די מענשען פון א צווייטער, געווארענט ניט נעהנטער אהער און ניט ווייטער אהין...

דעם שווימער האט עס געשטויסען א „זי" פון איין זייט, פון הינטען, און דער „בעל־באו" פון פארענט, צו ענדע פון ברעג און גרעניץ פון ים און ים־גרעניץ... מיט קלאנג פון קלינג וואס האט זיך אזוי אפטער דערטראגען צו זיין אויער, וואס האט אזוי אין איהם אריינגעקלונגען און זיך אריינגעגאסען אין זיין אומעט און אין זיין לעבען. ווי פון ווייטע ווייטקייטען האבען זיך געטראגען די קלאנגען, אזעלכע ווייכע, ווי דורכגעזאפט מיט דער וואסער־לופט און איינצייטיג אזעלכע היימישע, טרוקענע, פון דער טרו־קענער זאך, וואס דארטען שטעהט, פון טרוקען לאנד געבראכט און פון מענשען־הענט געמאכט, און ווי פרעמד, ווי פרעמד איינ־צייטיג...

ער איז אריין אין אזארט. ער האט איהר געוואלט באווייזען, ווי ווייט ער קאן שווימען. ער האט פון צייט צו צייט אויסגע־דרעהט דעם קאפ זיינעם אהינטער און אויפגעהויבען א האנט, אלס סיגנאל צו איהר, און גלייך האט א „זי" פון דארטען אפגע־ענטפערט מיט א האנט, אבער זי אליין האט ער שוין ניט דער־קענט. זי האט זיך צונויפגעגאסען מיט אלע אנדערע פרויען־קעפ, מיט נאקעטע הענט און אקסלען. נאך גאר צום אנהויב האט ער באמערקט, ווי די פרויען־האנט רופט איהם צוריק, און דאס האט נאך מעהר פארשטארקט די מענערשע אמביציע זיינע און ער איז האסטיגער אין וואסער אוועק.

דאס וואסער איז ניט געווען גענוג קאלט, אז דאס זאל קאנען אפקיהלען די תאוה, וואס האט מיט א מאל אזוי אויפגע־פלאמט אין איהם און דאס האט איהם געצויגען ווייטער פון איהר

און ווייטער און נעהענטער צו א צווייטען עקסטרעם... ער האָט זי מיטגעשלעפּט מיט זיך אין זיין פאַרשטעלונגס־קראַמפּט און זיך געפּייניגט מיט אָנגעשטרענגטער ארבייט פון שווימען... געפיהלט אין זיך ווי עס ארבייטען אלע כוחות פון יוגענד און פון לעבען... דאָס בלוט האָט אין איהם געזונגען דאָס געזאַנג פון לעבען, וואָס שטרעבט און רייסט זיך אומבאוואוסטזיניג צום טויט... עס האָט געזונגען אין איהם דער צער פון ניט־באפרידיגטער תאוה...

פון פיל לעבען אין זיך איז דאָס לעבען הפקר געוואָרען און ער האָט זיך פאר גאר נישט געשראָקען און ער איז אלץ ווייטער און ווייטער געשוואומען. „זי" אין איהם, און „ער" אין זיך, ביידע און אלעם צוזאמען, איז ער אָנגעגאָסען געווארען פול מיט מוט און שטאָלץ, מיט קאַמף און מיט מענשליכע אמציביע צו באווייזען זיך פאר'ן צווייטען מין...

אָפּגעשוואומען ווייטער א שטיק וואסערדיגען וועג, האָט ער ווידער אויסגעדרעהט דעם קאָפּ אויף צוריק און ווידער אויפגעהויבען א האנט און גלייך האָט זיך אויפגעהויבען און געענטפערט א צווייטע האנט, אָבער זי אליין האָט ער שוין אינגאנצען ניט געזעהן... א האנט פון א מעננע מענשען, פרעמדע און אומבאַקאנטע, אזוי פרעמד און ווייט, אז ער האָט שוין ניט געקאָנט אונטערשיידען פון אַ פרוי ביז א מאנסביל. אלע האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין מין, ווי אלע פון איין געשלעכט... און ס'האָט זיך איהם געדאכט, אז אלע, דאָס איינע מין, האָט פון זיך אַ האנט ארויסגעשטעקט...

---

די פרעמדע, וואָס האָט זיך דאָ ניט לאנג באקענט מיט'ן פרעמדען און איז מיט איהם באקאנט ניט געווען, האָט יענעם נאָכגעשפּירט. זי האָט איהם שוין נאָכגעקוקט מיט נאָכשפּירעניש, ווייל זי האָט געזעהן, אז ער איז שוין צו ווייט אוועק. זי האָט פון איהם, פון באַקאנטען און אומבאקאנטען, נאָר א קעפּעל געזעהן, וואָס האָט שוין מעהר אויסגעזעהן ווי א שוויםענדיגער באַל אויפ'ן

וואסער... זי האָט צו איהם פיל מאָל געשריען, איהם, אָהן א נאָמען גערופען. זי האָט דעם נאָמען זיינעם ניט געוואוסט, און זי האָט געשריען מיט א קול אָהן ווערטער. א פרעמדער, וואָס האָט באוויזען פון ערשטען אויגענבליק זי צו זיך מאגנעטיש א ציה צו טאָן, האָט ער זיך פּלוצלינג מיט איהר שולד, זיך אָפּגעריסען פון איהר און איז פון איהר א פרעמדער אוועק און האָט זי צוגע־בונדען מיט זיין וועלען זיך באווייזען פאר איהר און מיט זיין ווייט אוועקשווימען... זי האָט די גאנצע אויפמערקזאמקייט איהרע קאָנ־צענטרירט אהינצו, צו דעם אויסדערוועהלטען פרעמדען פון פרעמדע, וואָס געפינט זיך דאָרטען איינזאם אויפ'ן וואסער. א גאָגעניש האָט דאָס הארץ איהר'ס געצויגען צו זיין איינזאמקייט דאָרטען אויפ'ן וואסער... ס'האָט גענאָגט דאָס הארץ פון דעם געפיהל, וואס ער, דאָרטען, איז ניט אזוי זיכער מיט זיין לעבען, ווי אלע איבעריגע דאָ, ביים ברעג פון ים...

דער באָל האָט ארויסגעוואָרפען א שטעקעלע פון איין זייט, א שטעקעלע פון א צווייטער. ווי שטעקלאך האָבען אויסגעזעהן די הענט זיינע פון ווייטען... זיינע, דעם קאָפּס האנט, וואס שווימט פון אויבען און פון א צווייטען, וואס איז אינווייניג אין וואסער, ווי איינער און צוויי און קיין איינער אויך ניט. יעדע האנט וואס ער האָט ארויסגענומען פון וואסער האָט א גלאנץ געטאָן דין און שמאָל אנטקעגען דער זון, וואס האָט צוגאָסען א ים מיט ליכט איבער'ן ים פון וואסער.

זי איז געשטאנען און פון אומבאוועגליך שטעהן אין וואסער. האָט עס זי אָנגעהויבען צו פיבערען. אונטער די אויגען האָט זי א בלויקייט צוגאָסען און די ליפּען האָבען שוין אויך פארלאָרען זייער קאָליר. זי האָט געהאט אן אויסדרוק ווי זי וואָלט אריינגע־פאַלען אין א וואסערדיג־בלויער שטימונג... איינגעפּרעסט און איינגעדריקט די הענט אויף די ברוסטען מיט די פינגער אָנגעהאנגען אויף די נאקעטע, טרוקענע און געזאלצענע אקסלען, האָט זי זיי אזוי געהאלטען און ס'איז געווען א וועהטאָגדיגע פוילקייט אראָפּצו־נעמען די הענט, זיך צושיידען מיט דער ווארימער אויסגעווארימט־

קייט פון די הענט אין די ברוסטען און פון די ברוסטען אין די הענט...

זי האָט מיט פּיינליכען אומעט געוואַרט אויף זיין צוריקשווימען און צוריקומען און האָט מיט וועהטאָג פון צייט צו צייט אָפּגעריסען א האנט פון דער ברוסט און געמאַכט צו איהם, איהם גערופען צו זיך, אויף צוריק... עס האָט איהר שוין עפּעס באַנג געטאָן פאַר איהם, און זי האָט זיך שוין אָנגעהויבען ארומקוקען, צי אימיצער גאָך זעהט איהם, און געוואָלט אויפמערקזאם מאַכען אויף איינעם דאָרט, וואס איז ווייט אוועק... אזוי ארום געמיינט זיך צו פאַר־גרינגערען און יענעם צו פאַרזיכערען מיט דעם, וואס נאָך ווער ו:עט האָבען אן אויג אויף איהם...

— זעהט, ווי ווייט דאָרטען איינער איז אוועק ! ...

צו א מאַן האָט זי עס געזאָגט, צו א געזונטען מיט בערשטלאָך האָר אויף די אויבען־אַקסלען. און אין דעם מאָמענט ווען ער האָט אהין זיין בליק געוואָרפען, האָט זי ביי איהם א פרעג געטאָן, צי ער קען שווימען...

— איהר ווילט ? וועל איך אייך לערנען...

אָט זי האָט שוין זעהר ווייט געהאַלטען פון דעם... אָט ווען יענער וואָלט זיך אומגעקערט... און נאָכ'ן שווימען וואָלט זי געזעהן אָנצוהאַלטען די באַקאַנטשאַפט מיט איהם אויך אויף דער יבשה... און דערנאָך...

זי האָט באַמערקט, ווי ס'הויבט זיך אָן מיט יענעם עפּעס צו טרעפען, נאָר ס'האָט זיך איהר געדאַכט, אז ס'דאַכט זיך איהר... דאָס באַלבעל און די הענט האָבען עפּעס אנדערש, ניט שווימעריש זיך אָנגעהויבען צו באַוועגען... א האַנט אין דער הויך, א האַנט אַראָפּ... איהר איז איינגעפאַלען, אז ער וויל מיט איהר א שפּאַס מאַכען, זי אָפּנאַרען, זי איבערשרעקען, און זי האָט ניט געוואָלט פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט זיך לאָזען פון איהם אָפּנאַרען. אבער פון דער שפּיל האָט איהר דאָך געשווידערט... זי איז געשטאַנען א העלפט אין וואסער און ס'האָט מיט איהר פון קעלט און אומעט

געוואָרפען... זי האָט אומגעדולדיג געוואַרט, אז די שפיל און די נאַרעריי זאָל זיך וואס גיכער ענדיגען...

זי איז געשטאַנען פון איהם אפּגעטיילט מיט אזוי פיל וואַסער. און ביי איהר גאַנצער אָנגעשטרענגטקייט ניט געקאָנט זעהן, צי איז דאָס אַ שפּיל... צי ?... אַמאָל האָט זי שוין איינער אַזוי אָפּגענאַרט און האָט נאָכדעם אַ שעהן ביסעל ארייגעלאַכט אין איהר... פון צייט צו צייט האָט זיך מיט'ן וואַסער־געררויש צו איהר אויער דער־טראָגען אַ קלאַנג. פונ'ם „בעל־באָו" האָט זיך דערטראָגען און געבראַכט פון יענעמ'ס שטילקייט, פון יענעם, וואָס מ'האָט גאַרניט געהערט און איהר האָט זיך געדאַכט, אז איצט קלינגט עס אַנדערש, מיט מעהר אומעט און פאַרצווייפעלטקייט צו דעם קעפּעל וואָס איז אַזוי ווייט פון ברעג אַוועק. פון ווייטען האָט זיך איהר געדאַכט, אז דאָס קעפּעל איז שוין ניט ווייט פון דעם „בעל־באָו", מיט אַ האַנט צו דערלאַנגען, און ס'וואָלט איהר גרינג געוואָרען ווען די האַנט דערלאַנגט עס...

דאָס קעפּעל האָט זיך שוין עפּעס ווי אָן עפּעס אַן אַנדער אַרבייט פאַרטאָן און ניט אין שווימען, און ס'האָט זיך געטאָן אַ טונק־אָפּ איין מאָל, אין אַ ווײַלע אַרום זיך באַוויזען און אַ טונק דאָס צווייטע מאָל.

זי האָט געמאַכט אַ געוואַלד און מיט איהר האָבען נאָך פילע מענשען אָנגעהויבען צו ליאַרמען. פון דאָ און דאָרטען האָבען זיך צויאָגט אין יענער ריכטונג עטליכע שיפלאַך מיט די נעזער אַרויף און אַראָפּ, און מענשען מיט וועסלעס ווי מיט פליגעל, און יענער האָט זיך פאַר דער צייט אַלץ אָפּטער געטונקט און זעלטענער באַוויזען, ביז ער איז אינגאַנצען פאַרשוואונדען געוואָרען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען איהם אַרויסגענומען פון וואַסער אַ בלויען און אַ געלען, אַזוי, דאָס זי האָט איהם ניט דערקענט, נאָר געוואוסט, אז דאָס איז דערזעלבער אומבאַקאַנטער און נאָכדעם נאָך פרעמדער. זי האָט עפּעס ווי שולדיג געפיהלט אין זיין טויט און געשפּירט, אז אויף אייביג וועט ביי איהר בלייבען

אַ שווערער איינדרוק פון איהרער אַ שולד, אין וואָס זי איז ניט שולדיג..

ער איז געלעגען אויפ׳ן ווייסען זאַמד איבערגעדעקט מיט אַ ווייסען לייליאַך. און ס׳האָבען ארויסגעשטעקט די בלויע פיס אין די ווייסע „ביידינג שיהס״ און ס׳איז געוועזן ליכטיג און וואַרים. די זון האָט געשיינט און דער ים האָט געבלאַנקט מיט גלאַנץ פון וואַסער און ליכטיגקייט, און מענשען האָבען זיך ווייטער געבאָדען. און דאָ און דאָרטען האָט אַן „ער״ זיך געקלעפּט אין אַ „זי״, און איינער האָט אַ צווייטער געלערענט שווימען...

## צווישען מענשען.

ערגעץ איז ער פריהער געזעסען אָדער געשטאַנען און איז פּלוצים אויסגעוואַקסען נעבען איהר און נעבען לעדיגען פּלאַץ נעבען איהר און האָט זיך באַזעצט מיט שוויינענדער היימישער פּרעמדקייט האַרטלאַך און ענגליך צוגעפּאַסט זיינעם אַ פוס צו איהרען און זי האָט גלייך דערשפּירט דאָס אינטימע געפיהל פון נאָהענטער פּרעמדקייט און אונטער'ן באַוואוסטזיין איז שוין דער פּרעמדער גאָרניט פּרעמד געווען. טאַקע גלייך פון ערשטען מאָ־מענט ווי ער האָט זיך נאָר באַזעצט נעבען איהר, האָט זי דער־פיהלט אַ נאָהענטקייט פון דעם פּרעמדען מענשען, וועמען זי האָט קיינמאָל ניט געזעהן.

ער האָט זיך נעבען איהר באַזעצט ניט אויף אַ סטאַנציע, נאָר ווען דער טריין האָט געהאַלטען אין מיטען געהן; דער טריין פון שטאָדטיגער שנעלקייט, וואָס שנעלעוועט מיט מענשען, וואָס האָבען קיין צייט ניט, וואָס לויפען מיט'ן טריין און דער טריין מיט זיי און אויך מיט מעהר איילעניש און יאָגעניש, מיט מעהר טומעל און מיט ווייניגער צייט, ווי די מענשען, וואָס פאָה־רען אין די טריינס פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער. ווען דאָס וואָלט פּאָרגעקומען, עס הייסט, ווען דער מאַן וואָלט זיך נעבען איהר באַזעצט אויף אַ סטאַנציע, וואָלט זי גאָר איננאַנצען אויף דעם קיין אַכט ניט געלעגט ניט אויף איהם און ניט אויף דעם, וואָס ער האָט זיך נעבען איהר באַזעצט... ער האָט איהר אויפמערקזאַמקייט געצווינגען מיט דעם, וואָס פּלוצלונג איז ער אויסגעוואַקסען און זיך באַזעצט נעבען איהר, ווען אַרום און אַרום האָבען זיך געוואָרפען אין די אויגען לעדיגע ערטער. דערפון

אליין האָט זיך געלאָזט גלויבען, אַז פריהער איז ער ערגעץ אַנ־דערש געזעסען, נאָר זי באמערקענדיג, איז ער אריבער צו איהר און זיך באזעצט.

מיט אייזערנע, דרעהענדיגע און קיילעכדיגע רעדער־טריט אויף דער אייזערנער בריק איז דער צוג געלאָפען; פארביי געלאָפען און ניט אויפגעהערט פארבייצולויפען הייזער, וועלדער און פענסעטער מיט דעכער מיט פלאַטשיגע קוימענס. ער איז גע־לאָפען מיט אזא שנעלקייט ווי ער וואָלט ניט געשטאַנען דאָרט ערגעץ פריהער, מיט עטליכע סעקונדען, און ווי ער וואָלט גאָרניט אין זינען געהאט שפעטער מיט א מינוט אָנדערהאלבען זיך ווידער שטעלען. געשמאַק געפרעסען און מיט אפעטיט געזויפט דעם אייגענעם רעש און טומעל, און אָפּגעלאָפען די מינוט אָנדער־האלבען, זיך אָפּגעשטעלט, ארויסגעלאָזט איין שטראָם מענשען, אריינגעשלונגען אין זיך א צווייטען און ווייטער געלאָפען און ווידער געשטאַנען. אמאָל אריינגעלאָזט מעהר מענשען וויפיל ס'זיינען ארויס, און אמאָל פארקערט: ארויסגעלאָזט מעהר וויפיל ס'זיינען אריין. אָבער אלץ געלאָפען מיט'ן זעלבען אימפעט, אפילו מיט צוויי־דריי מענשען אין א וואגאָן, וואָס האָבען באַ־צאָהלט א צוויי־דריי ניקעלס.

דאָס מיידעל, א פרעמדע פאר די מיטפאָהרענדע, ווי די מיטפאָהרענדע פרעמד פאר איהר, אָבער שוין מיט צוגעוואוינטער און כמעט ווי באקאנטער פרעמדקייט, וואָס זי שטויסט זיך אָן צוויי מאָל אין טאָג: איינמאָל אהין און איינמאָל צוריק; דאָס מיידעל האָט זיך זייטיג געדרעהט אויף דעם אָרט און אויף איהר זיצען און זיך אינטערעסירט מיט אלע לעדיגע ערטער און וועגען דעם וואָס אומעדום, אויף יעדען לעדיג אָרט, האָט ער געקענט זיצען און האָט זיך באזעצט און זיצט נעבען איהר... זי האָט אויך אלע פארנומענע ערטער געזעהן מיט ווערמען יעדעס פאר־נומען אָרט איז פארנומען.

זי האָט באמערקט ווי איינע א מיידעל איז געזעסען מיט אַן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ און אראָפּגעלאָזטע אויגען און זיך געמאַכט

מאַניקור. איהר איז איינגעפאַלען, אז דער וואָס זיצט איצט נעבען איהר איז פריהער נעבען יענער געזעסען, האָט יענער פאַר־לאָזט און האָט זיך באַזעצט נעבען איהר.

זייטיג אַ קוק געוואָרפען אין זיין זייט, האָט זי באַמערקט, אַז ער איז הויך געוואַקסען, אַז ער זיצט אַזוי פעסט און מיט זעלבסטווירדע און זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער איז פיל ווערט... אַז ער איז ווערט אַ פּאָר צעהנדליג טויזענד דאָלאַר... יאַ, אַזוי זיצען זיי און אַזוי האַלטען זיי זיך, אָט די לייט, וואָס פאַרמאָגען אַזאַ היבש פאַרמעגען... זיי זיינען ניט אַזוי לייכט־זיניג און זיינען גאַנץ פאָרזיכטיג צו דעם איידעלען געשלעכט...

זי האָט באַמערקט אַ מענשען אויף אַ דאַך. איינעם אַליין אַ מענשען, וואָס האָט זיך ארומגעדרעהט אין פאַרשייטער איינ־זאַמקייט. זי האָט עס שוין פיל מאָל באַמערקט, ווי פילע אַנ־דערע זאַכען וואָס ווערען באַמערקט דורכפאַהרענדיג. און אַזוי ווי מ'פאַהרט די באַמערקטע זאַך אַריבער, אַזוי פאַרגעסט מען אָן דעם גלייך. דאָס מאָל איז דאָס פון איהר קאָפּ ניט אַרויס. אין כאַאָס פון לויפענדיגען טריין און אין אומרוהיגען כאַאָס פון זיין שטעהן איז געבליבען ביי איהר אין מוח איינגעקריצט אַ מענש אויף אַ דאַך, אַזוי ווי אַ לעבעדיגער מאָנומענט: הארט און שטייף, אין זכרון געשטאַנען... און ס'האָט זיך געלאָזט שפירען, אַז דער מענש וואָס האָט זיך ערגעץ דאָרטען אויפ'ן דאַך ארומ־געדרעהט, אַז דאָס איז אַ מענש עפּעס אַנדערש פון אַלע אַנדערע מענשען און אַז דאָס ארומדרעהען זיך זיינס דאָרטען אויפ'ן דאַך אָהן ארבייט, אַז דאָס אַליין, דאָס ארומדרעהען זיך, איז עפּעס אַן און פאַר זיך אַן ארבייט. אַ מענש, אָפּגעריסען פון מענשען און פון דער ערד און דרעהט זיך ארום איינער אַליין צווישען קוימענס, עפּעס ווי אַ היימישער און ניט קיין היימישער איינ־צייטיג, דרעהט זיך ארום אויף דער דאַכיגער סביבה.

זי האָט באַמערקט ווי דער, וואָס איז נעבען איהר געזעסען, אַז ער האָט פון אַ זייט אַ קוק געוואָרפען אויף איהר, און כדי איהם זאָל ניט איינפאַלען, אַז זי באַמערקט עס, האָט זי זיך טיף

ניט־וויסענדיג געמאַכט און זיך ווייטער געטראַכט וועגן דעם מענשען וואָס זי האָט באַמערקט אויפ'ן דאַך און איז עפּעס ווי געווען צופרידען, וואָס איהר אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעבונדען און איינגעהאַלטען אַן אַנדערער, אַן אומבאַקאַנטער, און ניט דער וואָס זיצט נעבען איהר... דאָס איז געווען עפּעס אַ מין אומ־באַוואוסטע נקמה, כמעט ווי עפּעס אַ מין פּאַרראַט אַנטקעגען דעם, דערפאַר ווייל דער איז זיך אַזוי געזעסען און געוואָלט פאַר איהר פאַרבאָרגען, אַז ער האָט זיך דאָ צוליב איהר אַוועקגעזעצט...

זי האָט ווידער פּראָפּילדיג אַ קוק געוואָרפען אויף איהם, און דאָס מאָל, ביים צווייטען מאָל איהם זעהן, איז ער איהר נאָך בעסער געפעלען געוואָרען, ווי דאָס ערשטע מאָל. זי האָט באַ־מערקט, אַז ער איז גלאָט געראַזירט, אַן אויער האָט זי באַמערקט, אַ ווינקעל פון אַן אויג און אַ זייט נאָז און ווידער דערשפּירט אָט די אינטימע פּרעמדקייט, וואָס קען יעדע מינוט זיך איבערקערען און זיך אַנטפּלעקען מיט אינטימער היימישקייט. אָבער זי האָט ניט געוואוסט פון וועלכער זייט ס'באַדאַרף קומען... יאָ, פון איהם, פאַרשטעהט זיך, באַדאַרף עס קומען, און דערפאַר האָט זי לאַנג ניט איינגעהאַלטען דעם בליק איהרען אויף איהם, זי זאָל צומאָל מיט איהר קוקען ניט צונעמען ביי איהם די מעגליכקייט זי צו באַטראַכטען... יאָ, זי גלויבט אין זיך, און זי קען געפעלען און דערפאַר אַליין, האָט זי געמיינט, דאַרף זי זיין זעהר פאַר־זיכטיג, ס'זאָל אַמאָל ניט זיין פריהצייטיג דאָס קוקען איהרס. דאַן ווערט עס איגגאַנצען צונישט... אָט דאָס גאַנצע גאָרנישטיגע, וואָס קען זיך אויספּלעכטען אין אַן עפּעס, קען, ביי ניט וויסען ווי צו האַלטען זיך, זיך אַריבערפּלעכטען פון איין גאָרניט צו אַ צווייטען.

אַ מיידעלשער מוח האָט זיך געשטויסען און געאַרבייט און דער טריין האָט זיך געטאָן זיין טרייניגשע אַרבייט. ער איז גע־גאַנגען און געשטאַנען. איז געגאַנגען אין זיין צייט פון לויפען און האָט זיך געשטעלט אין זיין צייט וואָס ער באַדאַרף שטעהן, און דאָס האַרץ ביי דער מיידעל האָט געצאַפּעלט: אָט, אָט קומט

א סוף צו דעם... צו דעם גארניט, פון וואס ס'קען ווערען עפעס. די צייט שטעהט ניט און די טריין לויפט און דערנעהנטערט זיך אלץ נעהנטער אהין, וואוהין זי באדארף, און אהין, וואוהין ער באדארף. נאך עטליכע סטאנציעס — און זי וועט אראפ, זי פריהער אדער ער פריהער, און אפשר ביידע אויף איין סטאנציע. אבער במילא וועט עס הייסען, אז זיי ביידע געהען אראפ ווי פרעמדע אויף צושיידען זיך... און אפשר?... אפשר, איז איהר איינגעפאלען א געדאנק, אפשר באדארף ער שוין ניט פאהרען. אפשר איז ער די סטאנציע, וואו ער האט באדארפט אראפשטייגען — אפשר איז ער זי שוין לאנג אריבערגעפאהרען און פאהרט שוין איצט ווייטער וואוהין ער דארף ניט, צוליב איהר, און אז ער ווייסט שוין ניט וואוהין ער פאהרט... ער וועט אראפשטייגען דארטען וואו זי, וועט זי באגלייטען און אויסגעפינען וואו זי וואוינט און אין א וועלכען עס איז טאג וועלען זיי זיך ווידער ערגעץ טרעפען אויפ'ן טריין...

יא, ס'איז זעהר אנגענעם געווען אזוי צו טראכטען. אבער פאר איטליכס מאל, איידער דער טריין איז שטעהן געבליבען, איז דאס הארץ אומרוהיג געווארען. זי האט געמיינט, אז אט, אט הויבט ער זיך אויף און ווערט פארשוואונדען און ביינאנד מיט יענעם גלויבען, אז ער פאהרט שוין צוליב איהר, מיט זיך נאכגעשלעפט אן אומעטיג גלויבען און א מעהר זיכערען, אז ער וועט אראפ אויף א וועלכער ס'איז סטאנציע און גארניט... אוים!... ער וועט פארשוואונדען ווערען אזוי ווי דער מאן אויפ'ן דאך; און אזוי ווי פאר איהר וועט פארבלייבען אומקלאר נאר וואס יענער האט זיך דארטען ארומגעדרעהט, אזוי וועט זי עס קיינמאל ניט וויסען נאך וואס דער האט זיך נעבען איהר אוועקגעזעצט, און ביידע וועלען מיט דער צייט פארגעסען ווערען אדער וועלען אפשר בלייבען אויף אייביג אין זכרון איינער צוליב'ן אנדערען, וועלכע האבען זיך, אויף אן אומפארשטענדליכען אופן אריינגעפלאכטען אין איהר — אין איהר ווייבערש וועזען... זי האט זיך אזוי ווי פארלוירען געפיהלט; זי האט געשפירט, אז ס'וואלט

עפּעס געקענט ווערען דערפון, אָבער זי האָט דאָך ניט געקאָנט באווייזען קיין אַקטיוויטעט. ווען זי באווייזט עס, וואָלט במילא דערפון גאָרניט געוואָרען. ער וואָלט געמיינט גאָט ווייס ווער זי איז... און ער ווידער... אפשר האָט ער זיך אזוי געהאַלטען, ווייל... אפשר האָט ער אויך מורא געהאַט זי זאָל צו איהם דאָס צוטרויען ניט פארלירען.. אָ, יאָ, זי וואָלט איהם געטרויט, אויב ער טראַכט וועגען דעם און מיינט, אז ניט האָט ער אַ גרויסען טעות, און איבער דעם טעות...

אַלע זיינען זיי אזוי. אָט די וואָס האָבען געלט האַלטען זיך אזוי פאַרזיכטיג ווי פרויען...

---

אויף איין סטאַנציע האָט זיך אָנגעשאָטען און אָנגעפילט אַ פולער וואגאָן מיט מענשען, מענער און פרויען פון פארשיידענע קאָלירען, און די און יענע האָבען ניט געשאַנעוועט איינס דאָס צווייטע. און ווער ס'האָט געקאָנט האָט אָן אָרט פארכאַפּט און זיך באזעצט, און די איבעריגע, די וואָס זיינען געבליבען אָהן ערטער, האָבען פארכאַפּט פּאָסטען, אריינגעשטעקט הענט און אויפגעהאַלטען זיך אין דאָס שטעהן זייערס. פרעמדע, אומבאַקאַנטע מענשען, האָבען איינס דאָס צווייטע געוואָרעמט, געאָטעמט איינער דעם צווייטען אין האַלז, אין נאַקען אריין און אין די פּנים'ער. און נעבען פאָרעל און פרעמדע, וועגען וועלכע ס'רעדט זיך, האָט זיך נעבען זיי, דער עיקר נעבען איהם, ווייל ער איז פון פאָרענט געזעסען, האָט זיך אריינגעשפּאַרט אַ יונגע פרוי, וואָס האָט אפילו ניט געהאַט קיין פּאָסעק אַ האַנט אויפצוהענגען. איז זי נעבאך געשטאַנען און זיך געוואַקעלט הין און צוריק אין ענגשאַפט פון שטעהן און פון געהן פון טריין. זי האָט זיך פון ענגער ענגשאַפט אריינגעשפּאַרט מיט איהרע פיס צווישען זיינע קני, פון דעם פרעמדען מאַן, וואָס איז געזעסען נעבען יענער פרעמדער, נעבען דער זיצענדיגער, און די לעצטע האָט שוין געטראַכט, אז ער איז גאָרניט קיין דזשענטעלמען, אָט דער וואָס זיצט נעבען איהר: וואָס ער זיצט און טרעט ניט אָפּ דעם

אָרט פאַר דער נעבען־איהם־שטעהענדיגער, אין איהם אריינגע־שפּאַרטער, יונגער, שעהנער פרוי... זי האָט עפּעס יאָ געוואָלט ער זאָל זיין אַ דזשענטעלמען און ניט געוואָלט, און ס׳איז אָנ־געגעם געווען צו טראַכטען, אַז ער וויל פּשוט ניט פאַרלאָזען דאָס אָרט, ווייל ער וויל זי ניט פאַרלאָזען, ווייל איהם איז אַנגענעם נעבען איהר צו זיצען.

ס׳האָט אָבער לאַנג ניט גענומען, און דער מאַן האָט זיך אויפגעהויבען, זיך פאַרנויגט און מיט אַ שעהנעם זשעסט אָנ־געוויזען דער שטעהענדיגער דאַמע זי זאָל זיין אָרט פאַרנעמען. די יונגע דאַמע אָדער פרײלין האָט איהם באַדאַנקט און זיך באַ־זעצט אויף זיין אָרט, און ס׳איז שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז ער איז שוין אריינגעפאַלען צווישען איהרע קני אויפ׳ן אָרט וואָס זי איז פריהער געשטאַנען צווישען זיינע. יענע, די ערשטע, האָט עס געזעהן, גוט אריינגעקוקט און זיך אריינגעטראַכט וועגען דעם וויביידע די פרעמדע מיט „איהר״ פרעמדען, מאַכען זיך ביידע ניט וויסענדיג, ווי זיי וואָלטען גאָרניט געפיהלט די באַריהרונג פון זייערע פיס, און ער האָט זיך כלומר׳שט גאָר אינגאַנצען גע־מאַכט פאַרגעסען, אַז ער האָט נאָר־וואָס אָפּגעטאָן אַן עדעלע זאַך, וואָס ער האָט אין אַזאַ ענגשאַפט אָפּגעטראָטען דאָס אָרט זיינס פאַר אַ דאַמע. און זי, ווידער, איהר שכנה, האָט זיך אויך גע־מאַכט תמ׳עוואַטע, גאָרניט ווי קיינער ווי קיינער וואָלט יענער קיין אָרט ניט אָפּגעטראָטען און גלייך דער וואָס האָט דאָס אָרט זיינס אָפּגע־טראָטען, וואָלט אינגאַנצען פאַרשוואונדען.

איהר האָט עפּעס אַ פאַרשלייערטע אייפערזוכט געביסען... איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט „איהם״ אַליין, מיט איהרע אייגענע הענט, ארויסגעלאָזט פון די הענט... ניין, ווען זי וואָלט געווען שכל געהאַט ווי צו האַנדלען, וואָלט ער שוין מיט דער אַזוי ניט געשטאַנען, ניין ער וואָלט זיך גאָר אינגאַנצען ניט אויפ־געהויבען. ער וואָלט דעמאָלסט אַזוי איידעל ניט געווען... ס׳איז נאָר מענער, וואָס האָבען קיין אינטערעס ניט צו זיצען מיט זייערע ווייבער, אַז זיי פאָהרען מיט זיי, נאָר אַזעלכע מענער זיינען

דאָס אזוי איידעל און טרעטען אָפּ זייערע ערטער פאר פרעמדע פרויען.

זי איז געזעסען מיט דער נייער שכנה פארפלאָנטערט אין א נעץ פון אומפארשטענדליכע געפיהלען. ווי באקאנט זיך גע־פיהלט מיטביידען, ווי זי וואָלט שוין לאנג באקאנט געווען און גלייך ווי זי וואָלט מיט זיי עפּעס אַן אומבאקאנט פרעמד לעבען געלעבט. אין גרויס־שטאָדטיגען נערוו פון באוועגליכקייט און פון ווארפען הונדערטער טויזענטער מענשען טאָג־טעגליך איינס דאָס צווייטע זיך אין די פּנים׳ער אריין... עפּעס אזוי ווי א באַ־קאַנט שטיק לעבען, וואָס פּלאָנטערט זיך און קנוילט זיך טאָג־טעגליך אין ענג־געפּרעסטער ענגשאַפט פון מענשען און פון פאָהרען. פאָהרען...

זי האָט זיך צוגעקוקט, געטראכט און זיך געוואונדערט וואָס צו אלעמען פיהלט זי זיך פרעמד, און מיט זיי, מיט צוויי, אויך אזעלכע פרעמדע ווי אלע, פיהלט זי עפּעס א צוזאמענבונד; זי מיט די צוויי פון אלעמען באזונדער און מיט זיי אינאיינעם, אָפּגעריסען פון אלעמען, און צווישען זיי געבליבען איינזאַם, איינ־זאַמער ווי צווישען אלע איבעריגע מענשען, וואָס האָבען זיך גע־פונען אין וואַגאָן און געשטאַנען איינגעפּרעסט אין אומבאוועג־ליכקייט פון ענגשאַפט. צווישען איהר מיט זיי, מיט דעם פּאָרעל, האָט זיך פאר דער קורצער צייט פון זייער פאָהרען אויסגעאַר־בייט א געמיינזאַם און א שותפות׳דיג שטיקעל צייט, א פארביי־לויפענדע שטיקעל צייט, א קורץ שטיקעל לעבען וואָס וועט שפּע־טער, אפשר, מיט א האלבער שעה, פארגעסען ווערען אָדער ס׳וועט זיך לאָזען אויף אייביג צו געדענקען און ניט צוטיילען זיך מיט אימיצען, ווייל צו דערצעהלען וועט ניט זיין וואָס... פּונקט אזוי ווי זי האָט גאָרניט צו דערצעהלען פון דעם מענשען, וואָס זי האָט באמערקט אויפ׳ן דאך און ער איז דאָך דאָרט ווי א דריטער צווישען דעם פּאָרעל, וואָס געפינען זיך דאָ נעבען איהר...

זי איז נעבאך געזעסען ווי א שטילער עדות פון א שטילען צוזאמענבונד פון צוויי געשלעכטען און פון זייער ניט־וויסענדיג

זיך מאַכען פון זייער צוזאַמענבונד און פון דעם, אַז זיי מאַכען זיך איינגאַנצען ניט וויסענדיג, אַז זייערע פיס געפינען זיך אין האַרטער באַריהרונג איינע נעבען דער אַנדערער.

אָפּגעלאָפּען און אָפּגעשטאַנען עטליכע סטאַנציעס האָט זיך ענדליך אויף איינער אַ סטאַנציע די שכנה איהרע אויפגעהויבען, ווען דער טריין האָט נאָך געהאַלטען אין זיין פולען גאַנג, נאָר שוין געגעבען צו שפּירען, אַז ער איז ניט ווייט פון אָפּשטעלען זיך. דער יונגערמאַן האָט איהר מיט גרויס כבוד, מיט אַזאַ כבוד וואָס אַ מאַן קען נאָר באַווייזען אַ פרוי ווען זי נעמט ביי איהם שטאַרק אוים, פאַר איהר ברייט און אָפען געלאָזט פריי דעם וועג, וואָס איז געווען פאַרשטעלט פון איהם, מיט אַ צופרידענעם שמייכעל פון דעם געגנוס וואָס ער האָט געהאַט פון איהר, אָפען און באַהאַלטען איינצייטיג פאַר אַלע אויגען, און זי האָט פון דעם אַלעמען זיך ניט וויסענדיג געמאַכט און מיט אַ מינעלע גלייך זי דערזעהט איהם ערשט, אָט דעם וואָס לאָזט אַזוי ברייט פאַר איהר דעם וועג, האָט זי ביי איהם אַ פרעג געטאָן עפּעס, קענטיג אַזעלכעס, וואָס זי האָט אָהן איהם אויך געוואוסט. און יענער האָט זיך געכאַפּט און געענטפערט מיט פיל איבעריגע ווערטער, ווי מען באַדאַרף אויף אַזאַ פראַגע ענטפערען און אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:

— איך געה דאָ אויך אַראָפּ!

יענע, די ערשטע, וואָס איז פון פריהער געזעסען, איז געווען זיכער, אַז ער האָט ניט באַדאַרפט אַראָפּגעהן, אַז ער איז אָדער שוין לאַנג איבערגעפאָהרען וואוהין ער איז געפאָהרען, אָדער ער האָט נאָך ווייטער באַדאַרפט פאָהרען, און ס'האָט איהר געקרענקט... ווי צוויי געהען אַמאָל צוזאַמען אין איין וועג און איינער געפינט עפּעס אַ גוטע זאַך און ס'קרענקט דעם צווייטען פאַרוואָס ער האָט עס ניט געפונען, אָט אַזוי האָט עס איהר גע־קרענקט... מיט איהר האָט עס געקענט דאָס זעלבע פּאַסירען און ס'וואָלט אפשר פּאַסירט ווען די צווייטע קומט ניט אָן... זי איז זיכער געווען, אַז ער מיט איהר, מיט דער צווייטער, וועלען אַראָפּ־

געהן און װעלען שוין אויפ'ן װעג באַקאַנטשאַפט שליסען און דערנאָך...

דער טריין האָט זיך געשטעלט און ביידע זיינען אַראָפּ און מיט זיי נאָך מענשען, און אויף זייערע ערטער האָבען זיך אריינ־געשטויסען אַנדערע, צוזאַמענגעמישט פרויען און מענער מיט פרעמדע װי מיט אייגענע צוזאַמענגעקװעטשט און אַ טעמפּער קלונג האָט זיך ערגעץ־װאו געלאָזט הערען װי פון אַ בייזען גרויסען בין, װאָס האָט אַ דרעלעװע געטאָן טיף אין די אויערען. און דאָס מיידעל, װאָס איז אַלע טאָג צװיי מאָל אין טאָג גע־פאָהרען, האָט געקוקט אויף די פרעמדע מיט יענער גלייכגילטיג־קייט װי מען קוקט טאָג־טעגליך אויף באַקאַנטע און אויף אייגענע. און ערגעץ טיף אין מוח, אויפ'ן אָרט װי פאַרגעסען, אָבער אויף אייביג ס'זאָל פאַרבלייבען דאָרט, האָט זיך געבאָמבעלט אָט דאָס אומבאַקאַנטע פאָרעל און מיט זיי צוזאַמען אַ מענש, אַן אומ־באַקאַנטער, אויף אַ דאַך פון אַן אומבאַקאַנטער הויז...

# א מיידעלע.

אין לעבען קומט אָפט פאָר אזעלכע זאכען, און מען ווייס ניט וואָס דאָס איז אזעלכעס, דאָס וואס עס קומט פאָר, און נאָכדעם לאָזט זיך עס אויף יאָהרען לאנג צו געדענקען און מ'ווייסט ניט וואס אזעלכעס מ'געדענקט...

א מיידעלע א צוועלף יאָהריגע, א קינד! ...

דאָרטען אין הויז, וואו איך האָב געוואוינט, האָט מיך נאָך קיינער ניט געקענט. איך בין געווען א נייער שכן דאָרטען. האָב א צימער פארנומען, און אזעלכע שכנים ווערען ניט באמערקט. איך האָב מיך נאָר אָפט אין אָוועגט ארויסגעכאפט פאר'ן טויער און זיך ארומגעשפאצירט נאָך אָווענט־ברויט און פאר'ן שלאָפען. און אָט אזוי שפאצירענדיג האָב איך עס מיר מיט אָט־דער קליינער באַקענט. געהענדיג אזוי איינמאָל שפאצירענדיג הין און צוריק, האָב איך באמערקט, ווי זייטיג געהט מיר נאָך מיט מיין גאנג, שפאַנט מיר נאָך מיט מיין שפאן, און מיט מיין טריט, א קליין מיידעלע, מיט הערעלאך און לאָקעלאך, צושאָטען און צוואוואָרפען אויף האלז און נאָקען, און אויף די אקסלען. זי באמערקט, האָב איך דערקענט, אז דאָס מיידעלע האָט איינצייטיג אי יאָ געוואָלט, אי ניט געוואָלט איך זאָל זי באמערקען. זי האָט מיט היימישקייט און פרעמדקייט איינצייטיג פארווארפען דאָס קעפעל, דאָס פּנים מיט די אויגעלאך צו מיר און קענטיג געוואָלט זעהן, כאפּען דעם אויסדרוק פון מיין פּנים, צי עס געפעלט מיר דאָס, וואָס זי געהט מיר נאָך, צי ניט.. איך האָב זי א גלעט געטאָן איבער'ן קעפעל, איבער די הערעלאך און לאָקעלאך און דאָס קינד האָט

איינגעשלאָפן אין רעדן, ווען ער איז אינגאַנצען אויפגעשיינט... איהר מיילכעל און ליפּעלאַך האָבען זיך שמאָליג צוצויגען און באַוויזען האָבען זיך א שורה ווייסע יונגע ציין, אָט די יעניגע ציין, וואָס זיינען ביי איהר געזעסען אין מויל ערשט א פּאָר יאָהר, און האָבען אויסגעזעהן עלטער ווי קינדערשע... ווי אַלע מאָל, ווען די צווייטע ציין וואָס פאַרבייטען די ערשטע, ווי יונג זיי זאָלען ניט זיין, זעהען זיי אויס עלטער פון יענע ציין, וואָס האָבען געלעבט ביים קינד זיבען־אַכט יאָהר... דאָס איז געווען שוין די יעניגע ציין מיט וועלכע זי האָט באַדאַרפט זיך אריינלעבען אין די יאָהרען אריין... אָט די זעלבע, וואָס באַווייזען זיך מיט זייער רייפקייט גלייך נאָכ'ן אויסוואַקסען, און איך האָב באַקומען דעם איינדרוק, אז צו מיר שמייכעלט פון אינווייניג ארויס עפּעס, אַן אנדערע, א פיל עלטערע... מיר האָט זיך געדאַכט, אז פון דאָס קינד שמייכעלט שוין א מיידעל ארויס, ניט קיין קינד... אז עס שמייכעלט שוין מיט יוגענט־עלטער... אנטקעגען שיין פון לאָמטערן האָב איך געזעהן דעם קאָליר פון איהר הויט, וואָס איז געווען טונקעל און מאַט; גרויסע אויגען, לאַנגע וויעס און ברעמען געדיכטע, וואָס האָט ניט געפּאַסט פאַר איהרע יאָהרען, וואָס האָבען איהר צוגעגעבען זעהר פיל חן און פאַרשייטקייט.

— מיידעלע!

און זי אָפּגעגלעט האָב איך מיך ווידער געלאָזט געהן מיין שפּאַציר־גאַנג, און דאָס קינד איז געבליבען שטעהן אין אזא הילפ־לאָזער קינדערשער פאַרלעגענהייט, און ניט געוואוסט, קענטיג, וואָס ווייטער צו טאָן. און ווען איך בין געגאַנגען צוריק און זי פאַרבייגעגאַנגען, האָט זי מיך אזוי שעהן אָנגעקוקט מיט איהרע שעהנע אויגען און מיט שטיל־שווייגען זיך געבעטען ביי מיר, איך זאָל זי רופען צו געהן מיט מיר. האָב איך אזוי געטאָן, און דאָס קינד האָט געטאָן א שפּרונג־צו צו מיר און זיך באַהעפט צו מיר און צו מיין גאַנג.

האָב איך זיך ארומגעדרעהט און דאָס קינד האָט זיך מיר נאָכגעדרעהט מיט גרוים חשק, ביז ס'האָט מיר אָנגעהויבען צו

דערעסען און פריקרע ווערען... דאָ און דאָרטען זיינען געשטאַנען פאר מיר פרעמדע און אומבאַקאַנטע מענשען. צווישען די און יענע האָב איך געוואוסט געפינט זיך דאָרטען ערגעץ איהרע טאַטע־מאַמע, און איך הויב מיך אָן עפּעס צו שעמען מיט מיין צופיל און צו־לאַנג חבר'ן זיך מיט דעם קינד.

— דו ווילסט נאָך גאָרניט שלאָפען?

— ניין!

עפּעס אָט ווייל א קינד האָב איך ניט געקאָנט אָט אזוי נעמען או זי משלח זיין פון זיך. איך האָב עס געוואָלט מאַכען אויף א דיפּלאָמאַטישען אופן:

— אזא קליין מיידעלע ווי דו ביזט, דאַרף שוין אין דער צייט שלאָפען. גיב א קוק, זעהסט נאָך ערגעץ קינדערלאַך דאָ?

זי האָט געענטפערט, אז זי וויל נאָך ניט שלאָפען, און אריינגעשמייכעלט צו מיר און געזאָגט, אז זי וויל מיט מיר ארומ־געהן, אז ס'געפעלט איהר מיט מיר ארומצוגעהן, און אזוי אריינ־געשמייכעלט צו מיר מיט איהר צייטפאַרטיגע ציין, געמישט מיט קינדערשען חן און נאַאיוויטעט, האָט זי גענומען און פאַרלייגט די הענטלאַך איהרע ארונטער, דאָס הייסט, אזוי ווי איך האָב מיינע געהאַלטען, און דערמיט באַוויזען ווי ליב ס'איז איהר מיר נאָכצו־טאָן דאָס וואָס איך טו, און מיט דעם איז איינציייטיג אויך באַוויזען געוואָרען, אז דאָס נאָכגעהן נאָך מיר איז אויך א נאָכקרימעניש נאָך מיר. זי האָט זיך שוין ניט באַהאַלטען, נאַר, פאַרקערט, זי האָט מיר יעדען טראָט און יעדע באַוועגונג געוואָלט באַווייזען ווי פּינקט־ליך זי מאַכט מיר נאָך און ווי ליב עס איז איהר מיר נאָכצומאַכען. אבער איך האָב עס פאָרט ניט געקאָנט פאַרליידען, ווי יעדער איינער קאָן ניט צוזעהן נאָך זיך קיין קרימענישען. מעג זיך יענער וויסען, אז יעדער טראָט זיינער און יעדע באַוועגונג איז פול מיט גראַציע, וועט ער דאָך ניט קאָנען דולדען קיין קרימעניש נאָך זיך, מעג עס דער נאָכקרימער מיט אזוי פיל גראַציע נאָכקרימען... ס'איז א פריקרע געפיהל...

איינצייטיג האָב איך נאָך אין זינען געהאַט די מענשען וואָס

קוקען דאָס צו. איך בין זיכער געווען, אז זיי פארלירען צו מיר דאָס געפיהל פון אכטונג. איך מיין אָט דער געוועהנליכער געפיהל וואָס מענשען פיהלען צו אן אומבאַקאַנטען, פרעמדען מענשען. אָט דאָס מוז אומבאַדינגט פארלירען צו איהם אָט די געוועהנליכע אַכטונג וואס א דערוואקסענער דורכשניטליכער מענש פיהלט צו א צווייטען, ווען די באַקאַנטשאַפט זיינע אין א פרעמד אָרט הויבט זיך אָן מיט א קינד און מיט נאָכקרימעניש... איך האָב מיר בעת־מעשה גאַנץ טיף אריינגעטראכט אין דעם וועגען דער נישטיגער לאַגע וואס איך שאַף פאר זיך, א דאנק מיין ארומשלעפּען זיך היז און צוריק מיט דעם קינד. ס'איז מיר זעהר באַקאַנט געווען אָט דאָס געפיהל וואָס מענשען קאָנען אין אזא פאַל צו איינעם פיהלען... יאָ, עס פארשווינדט די פרעמדקייט. עס ווערט אבער אייגנציטיג פארשוואונדען דער אינטערעס און דער אָפּשיי, וואס פרעמדע שפּירען צו א פרעמדען, און א דאנק דעם געהט שוין פארלאָרען דער אינטערעס צו באַקענען זיך, און יעדער איינער קאָן אַלע מאָל אומבאַמערקטערהייט, אָהן צערעמאָניעס צוגעהן צו דיר און דיר א קלאַפּ געבען אין פּלייצע אריין.

איך האָב מיך כמעט ווי אומגליקליך געפיהלט, און איך האָב דערצו גאָר ניט געקאָנט טאָן, און דאָך האָב איך נאָר געזעהן, ווי די קליינע איז אזוי גליקליך, האָב איך שוין אודאי גארניט געקאָנט טאָן... איז אָבער געהן און שווייגען נאָך ערגער. האָב איך פארפיהרט מיט איהר א שמועס. איך האָב איהר געפרעגט, ווי אזוי זי הייסט, ווי אזוי עס הייסען טאַטע־מאַמע, און געפרעגט וויפיל ברידערלאך און שוועסטערלאך זי האָט, און ווי אזוי זיי הייסען, איהרע ברידערלאך און שוועסטערלאך, און זי האָט מיר אויף אַלעם געענטפערט אזוי גערן, מיט פיל צופרידענקייט און קינדעריש־מיידעלשער קאָקעטעריי. און דאָ איז מיר גאָר פּלוצלונג אריין עפּעס ווי א מין „חזיון", עפּעס א מין אומקלאָר געפיהל, אז ערגעץ ווען אמאָל האָב איך שוין געהאט אזא באגעגעניש, און אז עטוואָס ענליכעס אויף דעם האָב איך שוין געהאט אמאָל איבער־געלעבט.. שוין לאַנג, זעהר לאַנג.. און נאָך לענגער, האָט זיך מיר

געדאכט, אז איך האָב שוין פארגעסען אָן דעם... אך, ווי מאָדנע קאָמפּליצירט עס איז אונזער גייסטיגער אַפּאראט. זעהר אָפט באגרייפען מיר ניט זאכען וואס אין אונז אליין קומט פאר. עפּעס גאָר פּלוצלינג גיט זיך דיר אין דיר אָן עפּען און אַ באווייז, אַ טיפע, אַ פרעמדע וועלט פאר דיר, און מיט'ן באווייזען זיך ווערט עס פארשוואונדען. יאָ, ס'איז פאָרגעקומען אזוי מאָמענטאַל, און איך האָב מאָמענטאַל איינצייטיג מיט'ן דערמאָנען זיך פארגעסען, אבער אַ נעבעלדיג איינדרוק איז געבליבען, אז איך האָב ווען עס איז אזעלכעס דורכגעלעבט... און אפשר האָט זיך מיר ווען אזא חלום גע'חלום'ט, וואס איז שוין לאנג פארגעסען געווארען און ערגעץ טיף אין דער נשמה איז פון איהם אַ שאָטען פארבליבען, ווי אַ שאָטען פון ווירקליכקייט, ווי אַ פאָטאָגראפיע פון אַ מאָנומענט...

— בלומעלע, איאָ? ...

און געפרעגט ביי איהר צי זי האָט שוין געגעסען. איך האָב שוין ביי איהר אלץ אויסגעפרעגט און ניט געהאט ביי איהר וואָס צו פרעגען און געהן, ארומגעהן, ארומצודרעהען מיט אַ לעבעדיג מענשעלע און שווייגען, דאָס איז דאָך גאָר אומערטרעגליך.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, זי אַ גלעט געטאָן און געזאגט:

— דיר טוען נאָך ניט וועה די פיסלאך?

איינער אימיצער איז צוגעגאנגען צו מיר מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל און ניט געזאגט וואס ער וויל, נאָר אויף שטום-לשון, ווי מ'מאַכט עס אמאָל צו אַ באַקאנטען, אַ רייב געטאָן מיט'ן פינגער אין אָן ארבעל אריין, דאָס האָט געמיינט, אז ער וויל ביי מיר אַ שוועבעלע דעם פּאַפּיראָס צו פארויכערען, און איך האָב איהם אויך מיט שטום-לשון געענטפערט, אז ניין, אז איך האָב ניט, און ער איז נעבען מיר, ווי דאָס קינד איז נעבען מיר געשטאנען, אַ גלעט געטאָן דאָס קינד. און עפּעס האָב איך דערפיהלט אַ חלק אין דעם... ווי איך וואָלט פון דעם פרעמדען אַ שמיר איבער'ן פּנים באקומען...

— דאָס איז דער טאַטע דיינער? ...

איך בין שוין געשטאנען. איך בין שוין מעהר אין דעם אָווענט

ניט ארומגעגאַנגען, און דאָס מיידעלע האָט ניט געוואָלט אָפּטרע־טען פון מיר, האָב איך איהר אפּגעטראָטען, איך האָב איהר געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט" און בין נאָך פאר עלף אזייגער אריינגעגאַנגען אין שטוב אריין...

* * *

איינעם און אַ צוויטען אָווענט בין איך אין דער היים ניט געווען, און א דריטען אָווענט, ווען איך בין שפּעטליך אהיים געקומען, האָט זיך פון מיין פוס און פון א טריט געגעבען עפּעס א ציה אָפּ און אַ לויף אוועק. איך בין זיכער געווען, אז דאָס איז א מייזעל, האָב איך אָנגעצונדען פייער און געמאכט אן אונטער־זוכונג. ערשט איך האָב אונטער'ן בעט דערזעהן א באַלכען, וואס איז זיך אין קיילעכדיג אויסגעגאָסענער פארגליווערטקייט געשטאַ־נען, געזעסען און געלעגען. פארשטאַנען, אז דאָס האָט ווער פון די קינדער, וואס האָבען געשפּילט זיך אין דרויסען, אריינגע־וואָרפען צו מיר אין צימער אָט דאָס באַלכעל. האָב איך עס אַזוי געלאָזט אונטער'ן בעט און זיך געלייגט שלאָפען. ערשט אויף מאָרגען גאַנץ פריה, מ'קלאַפּט ביי מיר אין טיר.

ס'איז געווען זי, די קליינע באַקאַנטע מיינע, און אויפ'ן העכסט־קינדערשען אופן ניט געזאָגט קיין „גוט־מאָרגען", האָט זי אויף מיר אַזוי אַ קוק געטאָן און זיך צוגעאיילט צו זאָגען נאָך וואָס זי איז אריינגעקומען, און איך האָב מיך אריינגעלייגט אין בעט און מיין „דאַמע" איז ארונטערגעקראָכען אונטער'ן בעט און פון דאָרט ארויסגענומען דעם באָל איהר'ס, און אויפגעהויבען זיך האָט זי איינס און צוויי מיט ביידע הענטלאך פון ביידע זייטען אָפּגעוואָרפען די האר פון פּאָרענט און פונ'ם פּנים און געוואָרפען אַ שיינענדיגען קוק אויף מיר, און ווידער אמאָל, ווי איינס־צוויי ניט געטראַכט, האָט זי זיך פארנומען איבער מיין בעט אין באָל צום שפּילען; געוואָרפען אין דער וואַנט אריין און געכאַפּט, נעכאַפּט און געוואָרפען און געצעהלט און אויף מיר קוקט עס ניט. מיך האָט עס, דאַכט זיך, גאר ניט אין זינען. דאָס באָלכעל פליהט איבער מיר און איבער מיין בעט הין און צוריק און זי איז אזוי

פּאַרטאָן אין איהר ארבייט, אין דעם וואַרפען און אין דעם כאַפּען און אינ׳ם צעהלען, אז זי באמערקט גאר, דאַכט זיך, ניט, אַז ס׳ליגט ווער דאָ אין בעט, נעבען וועלכער זי שטעהט און איבער וועלכער זי שפּילט די שפּיל איהרע. איך קוק אויף איהר, באַטראַכט זי און טראַכט וועגען איהר... אַלעם האָט זיך אויסגעמישט צוזאמען... געקוקט, באַטראַכט און געטראַכט ווי שעהן דאָס קינד איז. ערשט ביי דער שיין פון טאָג און פון דער פריהמאָרגענדיגער זון האָב איך ערשט געזעהן דעם אמת׳ן קאָליר פון איהר הויט... דאָס איז געווען פּונקט דער קאָליר פ׳ן אן עפּעל בעפאָר די יאָדערלאַך אין איהם הויבען אָן ברוין צו ווערען... די אויגען האָבען נאָך געגלאַנצט פון שלאָף און פון יונגען, הייסען בלוט האָבען זיי אַרויסגעשיינט פול מיט חכמה, מיט חכמה פון יוגענט און פולע מאָס און גאַנצקייט פון לעבען... איך האָב געשפּירט פון איהר דעם ריח ווי פון א פאר׳חתמה׳ט פלעשעלע מיט פּאַרפיום... ס׳האָט געשמעקט פון איהר יונגען קערפּערל מיט ריחות אזעלכע אומבאַ־שטימטע, וואס מאַכט צום פּאַרטראַכטען זיך און זיך צו פאַר־בענקען... אָט דער ריח אָדער די פיל ריחות וואָס האָט זיך גע־שפּירט פון איהר האָט מיך ארויסגעפיהרט און מיך עראינערט אין א זומערדיגען באגינען ווען פון א דופטיג גראָזיגען פעלד הויבט זיך אָן ארויפצוהויבען און זיך אָפּצוטיילען א געדיכטער נעבעל און דו פיהלסט זיך צוקוקענדיג, ווי דיין געמיט איז אזוי לייכט, געמיטליך שטיל, כמעט ווי אין הייליגער צארטקייט געהילט און ס׳נעבעלט זיך אזוי ביי דער ערד און איבער דער ערד און עס טראָגט זיך א ריח פון פרישקייט און פון יונג־לעבען... מיך עראינערט אין דעם און געקוקט אויף דער קליינער, האָט זיך מיר געדאַכט, אז ס׳האָט צו מיר אַ קינד פון ליכטיגקייט און פון טאָג אין צימער אריינגעיאָגט, מיך אויפגעוועקט, דעם שלאָף צורודערט... איך האָב ניט געוואוסט צי דארף איך בייז זיין אויפ׳ן קינד, צי ניט... כ׳האָב עס ניט געוואוסט פּונקט ווי עס ווייס ניט איינער צי באַדאַרף ער זיין בייז אויף די שטראַלען פון דער זון, וואָס רייסען איהם גאַנץ פריה אויף פון שלאָף. מיר האָט זיך מאָמענטען־ווייז געדאַכט,

אַז פון ערגעץ איז צו מיר געקומען מיין לאַנג פאַרשוואונדענע יוגענט און האָט יאָהרען פאַרגאַנגענע, יאָהרען פאַרשוואונדענע אויפגערודערט און מיר אָנגעפילט מיט טיפער און וועהטאָגדיגער בענקשאַפט. יאָ, איך האָב אַלץ געפיהלט, ווי איך געפין זיך אויף אַ גרינעם פעלד, אָבער, שוין עפּעס נייעם געפיהלט... דעם נעכטען מיט'ן היינט. דער נעכטען, וואָס געהט אויף און ציהט זיך אָפּ פון דער ערד מיט'ן נעבעל... דער נעבעל וואָס ציהט זיך ווי אַ שטיק גרויע בענקשאַפט צווישען דעם נעכטען און היינט... אַנט־קעגען דער פריש־אויפגעהויבענער זון איז ווערט באַפאַרבט און באַשיינט מיט דעם ניי־געבאָרענעם היינט נעמט אויף פאַר זיך און פרעהט זיך מיט די משופע'דיגע שטראַלען פון דער זון, ווי געבונדען מיט... שיידען־זיך, מיט אַוועקגעהן און מיט קומען... דער נעכטען, וואָס האָט זיך שוין אינגאַנצען אין אַ נעבעל פאַר־וואַנדעלט און האַלט זיך נאָר אָן אָן דער ערד, ציהט זיך אַזוי פויל אָפּ און אַרויף ווי אַ שווער־גוף'יגער גייסט, שווער און לייכט, אָהן וואָג און מיט וואָג איינצייטיג.

דאָס אַלץ אַזוי דורכגעטראַכט און דורכגעלעבט, האָב איך געקוקט אויפ'ן קינד און געזעהן ווי מיניאַטוריסטיש און איידעל געשטריכעלט דאָס קינד איז מיט ווייבליכקייט. אַזוי לייכט און אַזוי צאַרט איז נאָך אַלעס אין איהר, אַז עס זעהט נאָך אַלעס ווי קינדעריש אויס און ס'לאָזט זיך אַזוי לייכט כמעט ווי אַ שפּייז פאַר'ן גייסט אין זיך איינזאַפּען אָט דאָס לייכטע, אָהן וואָגיגע ווייבליכקייט פון דעם אומשולדיג קינד.

איך האָב זי געבעטען זיך זעצען נעבען מיר, נאָר זי, אַזוי ווי איך וואָלט אַזעלכעס ניט געבעטען און ווי זי וואָלט ניט געהערט, האָט פאָרטגעזעצט די אַרבייט איהרע:

— דריי און אַכטציג, פיר און אַכטציג, פינף און אַכטציג.

זי האָט, קענטיג, געוואָלט דערציהען ביז הונדערט, נאָר דאָ איז עס איהר ניט געראָטען. אויפ'ן זעקס און אַכטציגסטען מאָל איז דאָס באַל אַראָפּגעפאַלען, זי האָט עס ניט געכאַפּט און האָט

זיך זעהר געערגערט. איך האָב זי געטרייסט און געזאגט צו איהר:

— א דאנה דיר, נו... פינף און אכטציג איז שוין אזוי גלייך ווי הונדערט...

איך האָב זי צוגעצויגען צו זיך. זי אוועקגעזעצט נעבען מיר אויפ'ן בעט, זי ארומגענומען, א גלעט געטאָן זי און געזאגט:

— ...הערסט, בלומעלע! ... דו וועסט אלע מאָל, ווען איך וועל ניט זיין אין דערהיים מיר אריינוואַרפען דאָס באָלכעל דיינס, וועל איך שוין וויסען אז איך וועל גאנץ פריה האָבען ביי זיך א געסטעלע..

זי האָט אויף מיר אַן ערשטוינטען בליק געוואָרפען און זיך א פאַרנעם געטאָן צו אנטלויפען פון מיר, אָבער איך האָב זי פעסט איינגעהאלטען:

— דו ווייסט, אז איך האָב אזא מיידעלע אזוי ווי דו?

זי האָט זיך איינגאנצען געטאָן א דרעה אוים צו מיר מיט איהר פנים און פאַרערשקייט, איינצייטיג מיר אריינגערוקט אין דער ברוסט א קניעלע פון איהר'ם א פיסעל און דאָס איז געטאָן געוואָרען אזוי האמאָטנע און האסטיג, אז איך האָב ניט געוואוסט צי זי איז איבערראשט, צי ס'האָט איהר דערפרעהט.

— אזא מיידעלע אזוי ווי איך? וואו־זשע איז זי?

און האָט מיר פאַרשעמט אריינגעקוקט אין די אויגען אריין ווי זי וואָלט געצווייפעלט אין דער ריכטיגקייט פון מיינע ווערטער.

— יאָ... אזא מיידעלע אזוי ווי דו... נאָר... זי איז געווען זעהר, זעהר א פארשייטע, אזוי פארשייט ווי דו ביזט... איז זי איינמאָל, זי מיט נאָך א שעהנינקער מיידעלע געגאנגען זיך באָדען... מיר האָבען געוואוינט אין א קליין שטעדטעל, דאָרטען איז פאראן א קליין טייכעלע, און דאָס טייכעלע האָט ערגעץ אויף אַן אָרט א טיף גריבעלע.. איז איינמאָל מיין מיידעלע מיט נאָך א מיידעלע האָבעןביידע גענומען א ליילאך און זיך אוועקגעלאָזט איבער'ן טייך מיט דעם ליילאך פישלאך כאפען. זיינען זיי געקראָכען, געקראָכען ביז זיי זיינען פארקראָכען...

— און ביידינקסע מיידעלאַך זיינען דערטרונקען געוואָרען? ...

— ניין, קעצעלע, קיין איינע ניט...

זי האָט מיך א צומישטע אָנגעקוקט.

— עס זיינען טאַקע געגאַנגען צוויי מיידעלאַך מיט א לײלאַך איבער'ן טייכעל פישלאַך כאַפּען און האָבען טאַקע אָנגעכאַפּט און געבראַכט אהיים א פולען לײלאַך מיט קלייניקע, וואַרפּענדיגע, שפּרינגענדיגע פישעלאַך.

— און דיין מיידעלע?

— איך האָב דיך אָפּגענאַרט. איך האָב ניט געהאַט קיין מיידעלע.

זי האָט זיך אויף מיר אָנגעבלאָזען און א וואָרף געטאָן פאַראויס, פאַר זיך, דאָס באָלכעל, האָט זי א לאָף געטאָן, דאָס געכאַפּט און צוזאַמען און איינצייטיג מיט'ן לויף און מיט'ן כאַפּען איז זי פאַרשוואונדען געוואָרען.

צורודערט דעם שלאָף, בין איך איינגאַנצען פון שלאָף ארויס, האָב איך ערשט נאָך דער מיידעלע'ס אוועקגעהן זיך אומגעקוקט, אז איך האָב א ליכטיגען פריהמאָרגען מיט א זון אין שטוב. איך האָב עס פריהער, ווען זי איז געווען, עס אויך געזעהן, נאָך פריהער האָט זיך מיר געדאַכט, אז דאָס האָב איך די זון מיט זיך ערגעץ דאָרט אין דער ווייטער אטמאָספּערע פון פאַרגאַנגענהייט... איך האָב געזעהן און געפיהלט די זון ווי ניט קיין ווירקליכקייט, נאָר ווי א ווייטע עראינערונג, וואָס איז מיט אלעם צוזאַמען געקומען צו מיר... אָ, אָ, ביזטו טאַקע יאָ דאָ אויף אן אמת, מיין אלטער ליכטיגער פריינד.. באַגריסט איך דיר דאָ, אין ענגשאַפט, דאָ, זון פון דאָרטען, וואו איך בין געוואוינט געווען צו זעהן דיך אויף די ברייטע פעלדער, הינטער א פרייען הימעל. זיי באַגריסט, זון פון דאָרטען, זון פון דאַנען, זון פון אומעטום.

ווען איך בין איין אבענד אין דער היים ניט געווען און אויפ'ן צווייטען זיך געוויזען, האָב איך געטראָפען די „דאַמע" מיינע א ברוגז'ע. געוואַשען דאָס אונטערשטע ליפּעל אונטער

דער אויבערשטער האָט זי איינציייטיג מיט די אַקסעלאַך און זייטעלאַך גערדרעהט.

— גוט אווענד!

און זי האָט אַזוי פיין און מיט קינדערשען חן ניט געענטפערט אויף מיין באַגריסונג (דאָס שעהנסטע און דאָס נאַטירליכסטע ביי קינדער איז ניט צו ענטפערען אויף באַגריסונגען פון גרויסע) און אַלץ פאַרטגעזעצט די אַרבייט איהרע, אָט דאָס זייטלען זיך.

— ביזטו ברוגז אויף מיר?

ס'האָט ניט געדויערט לאַנג און איך האָב זי איבערגעבעטען, אָבער איין רוגז, וואָס איך האָב ניט געקענט ביי איהר צונעמען, דאָס איז געווען וועגען דער מיידעלע, וואָס איך האָב איהר דערצעהלט. איך האָב איהר פשוט דאָס קעפעל פאַרדרעהט. זי האָט ניט געוואוסט וואָס איז אמת און וואָס איז ליגען אין דער מעשה וואָס איך האָב איהר דערצעהלט. זי איז געווען זיכער, אַז עפּעס אמת איז דאָ, אַז איך האָב יאָ געהאט אַ מיידעלע און אַז עפּעס... אָט דאָס האָט זי טאַקע געוואָלט וויסען צי ס'האָט ווירקליך מיט איהר עפּעס פּאַסירט צי ניט... האָב איך איהר געזאָגט, אַז ניט, האָט זי געמיינט פונקט קאַפּויר, האָב איך איהר געזאָגט, אַז יאָ, האָט זי ווידער אַנדערש געדענקט. אין איהר מיך ניט לאָזען רוהען וועגען דער גאַנצער געשיכטע האָב איך געזעהן, אַז דעם קינד געהט עס פון קאָפּ ניט אַרויס און ניט געוואוסט האָב איך און האָב זעהר געוואָלט וויסען צי וואָלט זי געוואָלט, אַז די מעשה זאָל זיין אַן אמת צי ס'זאָל האָבען געווען אַ ליגען, אַז זי האָט איינס פון די ביידע זאַכען באַגעהרט ס'זאָל זיין, אין דעם האָב איך ניט געצווייפעלט און דאָס איז געוואָרען די טעמע, פון דעם האָבען מיר אַלע מאָל, ווען מיר האָבען זיך געטראָפען, גערעדט.

— ס'אַליגען, דו האָסט אַ מיידעלע.

— — יאָ, יאָ, איך האָב.

— יאָ, יאָ, איך האָב.

— טאָ וואָס זשע האָסטו מיר געזאָגט, אַז זי איז דער־טרונקען געוואָרען?

— האָב איך דיר דאָך שוין געזאָגט, אַז ס׳איז אַ ליגען.

אַלע מאָל ווען איך האָב זיך מיט איהר געטראָפען איז כמעט פונקט דאָס זעלבע געשפּרעך פאָרגעקומען, די זעלבע טענות און די זעלבע פראַגעס, וואָס דאָ איז אמת און וואָס ליגען.

— ...האָב איך דיר דאָך געזאָגט, אַז ס׳איז אַ ליגען...

און זי האָט מיך אַלע מאָל נאָכדעם אָנגעקוקט שטאַרק ניט צו־פרידען מיט מיין ענטפער, זיך צוואוואָרפען און אַן אויפגערעגטע געזאָגט, אַז זי מיינט ניט דאָס, עפּעס אַנדערש מיינט זי.

— יאָ, יאָ, ס׳איז אמת... האָסט טאַקע געהאַט אַ מיידעלע און ס׳איז דערטרונקען געוואָרען.

האָב איך איינגעשטימט. זאָל זיין אַזוי, אַבי דערמיט אַן ענדע צו מאַכען. איז איהר אָבער מיין צושטימונג ניט געפעלען. און איך האָב מיר ניט געקענט קיין עצה געבען, ווי אַזוי דאָס צו מאַכען, אַז איך זאָל זי צופרידען שטעלען און אַזאַ עצה איז ניט געווען און ניט געקענט זיין, ווייל וואָס איך האָב איהר גע־זאָגט, האָט זי געמיינט אַנדערש און זיך גע׳ברוגז׳ט און זיך געוואָרפען, און געזעהן, אַז עס העלפט איהר ניט, איז זי צוגעפאַ־לען צו מיר, מיך אַרומגעכאַפּט מיטביידע הענטלאַך, און ווי איך בין געשטאַנען, האָט זי אַרומגעכאַפּט מיין הינטערשט־שטעהן און זיך צוגעדריקט, צוגעטוליעט צו מיר מיט איהר גאַנצען קינדער־שען וואוקס און גרויס.

און איך האָב דערביי אין זינען געהאַט איהרע טאַטע־מאַמע, וואָס איך האָב נאָך אַלץ ניט געקענט... עפּעס האָב איך מיך גע־שעהמט מיט דער ליבע פון זייער קינד צו מיר... איך האָב זיך אַליין געוואָלט ערקלערען וואָס אַזעלכעס האָט עס צוגעבונדען אָט־דאָס קינד צו מיר, אָבער די קליינע האָט מיך לאַנג ניט געלאָזט טראַכטען, אָנגענומען מיך ביי אַ האַנט, אַ ציה געטאָן ביי די פינ־גער, האָט מיך אַ שלעפּ געטאָן:

— קום!

און איך בין געגאַנגגען. נאָך אַ מין געהן. איך בין שוין נאָך איהר נאָכגעגאַנגען, און דאָרט וואו זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעדרעהט אויף צוריק צו געהן, דאָרט האָב איך זיך אויך אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעדרעהט און צוריק געגאַנגען, און באמערקט האָב איך, אַז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אויסגעדרעהט פּונקט אויף די זעלבע ערטער וואו איך האָב עס געטאָן, ווען איך האָב זי געפיהרט. זי האָט דאָס שטיקעל שפּאַציר־גאַנג ניט פאַרלענגערט און ניט פאַרקירצט...

איך האָב מיך געפיהלט... מאָדנע האָב איך מיך עפּעס דערפיהלט.. אינגאַנצען ביים קינד באַהערשט... געשפּירט, אַז מיין ווילען איז עפּעס ווי גאָר אינגאַנצען אויס ווילען געוואָרען. איך האָב ניט געוואוסט, צי געה איך איהר נאָך, צי זי מיר; צי מאַך איך נאָך איהר שפּאַן, צי זי מיינעם... איך האָב דערפיהלט עפּעס אַ פרעמדקייט אין זיך און צו זיך און אין נעבעל פון אייגענער פרעמדקייט זיך געדראַפּעט, געוואָלט אַרויסקריכען, מיך באַפרייען פון דער אומגעלומפּערטער לאַגע... איך האָב מיך פאַר זיך געשעמט און פאַר די זייטיגע מענשען.. אַ זייטיגער מענש גלייכט עס איינמאָל און אַ צווייטען מאָל צוצוקוקען ווי אַ דערוואַקסענער מענש פאַרברייינגט מיט אַ קינד. ער שאַפט דערמיט צו זיך גוטמוטיגקייט פון יענע, פון די, וואָס קוקען דאָס צו. אָבער ווען דאָס ווערט סיסטעמאַטיש געטאָן, דורכאויס כסדר, ווערט עס דערעסען און איבעלדיג פאַר די צוקוקער. אַזוי האָב איך געטראַכט. און אַזוי דאָס פאַרשטאַנען. חוץ דעם בין איך גאָר ווייטער אַוועק, קען עס נאָך ווערען פאַרדעכטיגט אויך... און נאָך דעם אַלעמען... איך האָב גאָר ניט געקענט טאָן, אַז קיין דיפּלאָמאַטישע ווערטער האָט דאָס קינד ניט פאַרשטאַנען און נעמען פּשוט און זי אָפּטרייבען פון זיך, דאָס האָב איך אויף קיין פאַל ניט געקענט.

איינמאָל נאָר האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און מיט הארבער ווייכקייט, מיט אַ צופוילטען ווילען און מוטלאָזיגקייט, מיט שלעכטקייט און גוטסקייט איינצייטיג, אָדער אָהן שלעכטקייט

און אָהן גוטסקייט, מיט אַ טעם אַזעלכען וואָס ס'האָט אַן אי־בערגעפרוווירענע ציבעלע וואָס פאַרלירט איהר נאַטירליכען ביטער־רען טעם, און איהר זיסקייט איז קיין זיסקייט ניט, — מיט אַזאַ געפיהל און מיט אַזאַ טאָן האָב איך אַ זאָג געטאָן און זיך אַ בעט געטאָן ביי איהר:

— נו, גענוג שוין, איאָ?

איך האָב בכלל געמיינט גענוג, זי זאָל זיך שוין אויפהערען צו חבר'ן מיט מיר, און זי, כאָטש זי האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס איך מיין, האָט זיך פונדעסטוועגען אָנגע'ברוגז'ט און ברוגז אויף מיר האָט זי עפּעס אַ גאַנצען שלום מיט מיינער אַ האַנט גע־מאַכט, געשפּילט מיט די פינגער פון מיין האַנט אויף איהר רוגז... געצויגען אַ פינגער אַהער, אַ פינגער אַהין, געבראָכען אַ פינגער ארויף, אַ פינגער אַראָפּ, און איך האָב געשוויגען, מיט דער האָפּ־נונג, אַז ס'וועט איהר דאָך אַמאָל נמאס ווערען אָט די שפּיל, אָבער איך בין שוין זעהר אומגעדולדיג געווען. און ניט געוואַרט האָב איך אַזוי גענומען שלעפּען די האַנט און אַרויסציהען די פינגער מיינע פון איהרע הענט. און אַרויסגעשלעפּט האָב איךביידע הענט און אין די הויזען־קעשענעס באַהאַלטען.

— נו, געה שוין שלאָפען. געה!

און ווי אַ שטיף־טאַטע, ווען איהם ווילט זיך אַליין מיט דער מוטער בלייבען, אַזוי האָב איך זי אַ גלעט געטאָן און זי איז אַזוי גאָר פּלוצים אַרויסגעשפּרונגען פון איהר רוגז און פאַרוואָר־פען ביידע הענטלאַך צו מיר אויף דער ברוסט און דאָס קעפּעלע, דאָס פּנים, די אויגעלאַך פאַרריסען מיט אַזוי פיל צאַרטקייט און ליבשאַפט, מיט אַן אויסדרוק פון אַ מאַרטירערין אַריינגע־פרעגט:

— זאָג מיר, האָסט אַ מיידעלע, צי דו האָסט ניט?...

---

איך האָב מיך עטליכע אָבענדען כסדר ניט געוויזען אין דרויסען. אַרומגעדרעהט זיך אין דער פינסטער און אַרויס־געקוקט דורכ'ן פענסטער אין דרויסען אַרויס... איך האָב זי גע־

זעהן דער קליינער... איך האָב זי געזעהן ארומשפּאַצירען היין און צוריק פּינקטליך דעם זעלבען שטיקעל וועג, וויפיל איך בין מיט איהר ארומגעגאַנגען... איך האָב זי אויך אליין געזעהן זיך ארומדרעהען און ווידער צוגעקוקט ווי זי בלאָנקעט זיך ארום אנט־קעגען מיין פּענסטער עפּעס ווי אַן איינזאַמער שאָטען, אָפּגעריסען פון קינדער און פון גרויסע. איך האָב זי אויך געזעהן צוויי־טענוויז שפּילען אין באָל מיט קינדער און שפּעטער אליין מיט זיך און דוקא איטליכס מאָל פונקט אנטקעגען מיין פּענסטער. נאָר דערקענט האָב איך אָן איהר, אז שטארק פּארטאָן אין דער ארבייט איז זי ניט, ווייל זי האָט זעהר אָפּט געביטען די שפּי־לען — אָנגעהויבען און אוועקגעוואָרפען איינע און זיך געכאַפּט צו א צווייטער, און איינמאָל און א צווייט מאָל האָב איך געזעהן ווי א יונגע פרוי איז צוגעגאַנגען צו איהר, זי אָנגענומען פאר א הענטעל און זי אוועקגעשלעפּט שלאָפען, און אָט נאָך און נאָך אַן אבענד און א לעצטער: איך בין געשטאַנען ווייט פון פענסטער, אנטקעגען פענסטער. און געזעהן ווי די קליינע צילעוועט זיך מיט'ן באלכען צו מיר אין פענסטער. איינמאָל און א צווייטען מאָל איז עס איהר ניט געלונגען און ענדליך האָט זי איהם דאָך אריינגעוואָרפען צו מיר.

גאַנץ פריה. א קלאַפּ אין טיר. פארשטאַנען שוין ווער דאָס איז, בין איך גלייך אראָפּ פון בעט און געעפענט. די קליינע איז גלייך אריינגעשפּרונגען און ניט אומגעקוקט זיך אויף מיר, האָט זי זיך א וואָרף געטאָן דעם באָל איהרען צו זוכען, און איך, איך בין געשטאַנען און דאָס צוגעקוקט און עפּעס איז מיר געוועזען או־מעטיג צום געמיט צו טראַכטען און זי חושד זיין אין א זאַך, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט גלויבען... אויפגעהויבען דעם באָל, האָט זי זיך האַסטיג א לאָז געטאָן צו דער טיר, ווידער אזוי ווי זי וואָלט מיך ניט באַמערקט. איך האָב זי געכאַפּט און פאַר־האַלטען און זי האָט זיך שווייגענדיג און האַרטנעקיג געריסען פון מיינע הענט און קיין איין קוק אויף מיר ניט געטאָן. איך האָב זי צוגעשלעפּט צום בעט, אליין זיך אוועקגעלייגט און זי

באַזעצט. איך האָב דאָך געוואוסט, אַז זי איז דאָס נערן, אַז זי האָט מיט אַ כיון דאָס באַלכען צו מיר אריינגעוואָרפען, כדי צו האָבען אַ געלעגענהייט צו מיר אריינצוגעהן. יאָ... אָבער נאָך וואָס האָט זי עס געטאָן. וואָס האָט איהר געטריבען און געצויגען צו מיר? פאַר מיר איז דאָס געוועזן אַזוי נייַ און אומבאַגרייפ־ליך... איך האָב געוואָלט זי זאָל זיך ביי מיר גוט פיהלען און זיך געמאַכט ניט וויסענדיג, אַז זי האָט צו מיר אומישנע אריינ־געוואָרפען דאָס באַלעבעל. איך האָב איהר געהייסען זי זאָל ביי מיר דאָ, ווי דאָס פאָריגע מאָל, נעמען שפּילען אין דעם באַלכעל. איך האָב איהר נאָך פאָרגעלייגט, אַז זי זאָל וואַרפען און איך וועל צעהלען און זי האָט מיר ניט געענטפערט, איז גע־זעסען אַן אומעטיגע, אַן אָנגעבלאָזענע, און פּלוצים האָט זי גע־געבען אַ טאַנץ־אויף אַ לעבעדיגע, אַ פרעהליכע, און מיט אַ באַ־ריהמערישען טאָן און ווי זי וואָלט זיך גערייצט מיט מיר אַ זאָג געטאָן:

— ע, ע, איך געה זיך היינט מיט מיין מאַמע באָדען.

אַ בליץ־שנעלער שאָטען איז אין מיר פאַרבייגעלאָפען און ס'איז מיר איינגעפאַלען, אַז דאָס באַריהמען זיך איהרס, און אפשר דאָס גאַנצע געהן איהר זיך באָדען און די גאַנצע גדולה מוז עפּעס האָבען אַ צוזאַמענבונד מיט דער מעשה פון מיין דער־טרונקענער מיידעלע, וואָס איך האָב איהר דערצעהלט... יאָ, זי האָט מיך ניט געלאָזט לאַנג אריינטראַכטען אין דעם און האָט מיר אין אַ ווייַלע ארום געזאָגט, אַז די מאַמע איהרע נעמט מיט אַ לייַלעך ווען זי געהט זיך באָדען, און נאָך שפּעטער האָט זי צוגעגעבען, אַז זי געהט נאָך מיט אַ מיידעלע, אַז זי וועט מיט דער מייעדעלע געהן כאַפּען פישלאַך דאָרטען מיט'ן לייַלעך.

מיך איז אַן אומעט באַפאַלען... פאַר מיר איז קלאָר מיט אומקלאָרקייט געקומען עפּעס... נו, ווי אַ נעבעל־גלאָז וואָס לאָזט אריין ליכטיגקייט, אָבער דורך איהם זעהט מען פונקט אַזוי גאָר ניט, ווי דורך אַ ברעטעל... יאָ, אָבער איך האָב ניט געהאַט קיינע אורזאַכען אָפּצוהאַלטען... אורזאַכען אויסערליכע, מאָטיוועז

איך זאָל זי קענען דערפון אָפּהאַלטען. און שרעקען זי מיט׳ן וואסער האָט נאָך אודאי ניט געטויגט. פארקעהרט, איך וואָלט נאָך ערגער געמאכט, דאָס וואָלט נאָך שטארקער און אויפרעגענ־דער געווירקט אויף איהר קינדערשער פאנטאזיע... איז וואָס האָב איך פּאָרט געקענט טאָן? גאָר ניט... ווען איך וואָלט איהר פאָטער געווען, וואָלט איך איהר ניט געלאָזט געהן זיך באָדען און געגנוג, אָהן שום טעמים, אָבער איך, אַלס פרעמדער, וואָס קען אפילו ניט איהרע טאטע־מאמע און דערצו נאָך ווען די מוטער אַליין געהט מיט איהר זיך באָדען און דערצו... נאָך דעם אַלע־מען האָב איך דאָך אין דעם אַלעמען ניט געוואָלט גלויבען, אַליין גענומען זיך אויסלאַכען פון מיין שרעקליכער פאנטאזיע, אַליין דאָס צושלאָגען און צוקלאפּט... און.. איך האָב דאָך אויסגע־מידען מיט איהר וועגען דעם צו רעדען. איך האָב זיך אין גאַנ־צען ניט וויסענדיג געמאכט, דורכגעלגאָזט דורכ׳ן אויער ווי א גאַנץ ניט וויכטיגע זאַך אָט דאָס וואָס זי געהט טאָן.

איך האָב זי הארציג און מיט א שווער דריקענדיג געמיט געגלעט, און גלעטענדיג זי ביי איהר א פרעג געטאָן, וויפיל זי איז אַלט, און זי האָט אזוי פּאָמפּיעז, מיט זעלבסטווירדע געענט־פערט:

— די מאמע זאָגט, אז מיר באדארף שוין ווערען 13 יאָהר.

איך האָב מיך אריינגעטראכט אין איהרע יאָהרען, און אין מיינע יאָהרען... איך האָב דאָך ווירקליך דעמאָלט שוין געקענט האָבען אזא קינד ווי זי... יאָ, אָבער איז וואָס?... איז אפשר ווייל אזוי.. מיט דער מעשה פון דער מיידעלע, וואָס איך האָב איהר דערצעהלט האָב איך זי נאָך מעהר צוגעצויגען צו זיך. צי האָט זי ליב געהאט דאָס מיידעלע אין מיר, אָדער מיך אין דעם מיידעלע, אָדער אונז ביידען צוזאמען אַלס איינס, אַלס גאַנצעס, און וויטער וואָס?... צי איז דאָס געווען פאָראויס דערטראכט פון איהר, דערפאר ווייל זי איז געווען אין יענער מיידעלע פאר־ליבט, און ווייל יענע איז אזוי טראגיש אומגעקומען... ניין, איך זאָג מיך אָפּ, איך נעם מיך ניט אונטער עפּעס באשטימטעס

װעגען דעם צו זאָגען. איך װייס נאָר און בין זיכער, אַז דאָס איז פאָרגעקומען צוליב מיר, אַז איך בין דער שולדיגער... און איך האָב עס געפיהלט נאָך איידער װאָס װען ס'איז פאָרגעקומען. איך האָב עס גלייך דערשפּירט, װי זי האָט מיר נאָר אַרויסגערעדט מיט אַזאַ גדולה, אַז זי געהט זיך היינט מיט דער מאַמען מיט איהרער באָדען.

דאָס קינד, האָב איך געפיהלט, געפינט זיך אין עפּעס אַ מין הייליגען רעליגיעזען עקסטאַז... זי איז געװען ניט פאַרשייט פרעהליך, ניין, ס'איז געװען עפּעס אַן אַנדער פרעהליכקייט, אַ שטילע, אַ רוהיגע, אַ טיפע... איך האָב אַרויסגעקוקט, זי זאָל כאָטש מיט איין װאָרט דערמאָנען מיין דערטרונקענער מיידעלע, און ס'איז דאָך געװען אַ געלעגענהייט צו דערמאָנען, װייל זי איז דאָך געגאַנגען טאָן דאָס, װאָס דאָס מיידעלע איז געגאַנגען טאָן און האָט מיר דאָך אפילו איין װאָרט ניט געזאָגט װעגען דעם און איך פון מיין זייט האָב מורא געהאַט איהר װעגען דעם צו דערמאָנען.

פאַר'ן אַװעקגעהן האָב איך זי אַרומגענומען, און פעסט צודריקענדיג זי צו מיין האַרצען, האָב איך זי באַדעקט מיט הייסע קושען, באַדעקט דאָס גאַנצע פּנים'ל איהרס, די ליפּעלאָך, די הייסע און צאַרטע, װאָס האָבען זיך צוּעפענט ביי יעדען קוש, װאָס איך האָב אין זיי געגעבען, און אין גאַנצען גערירט און צורודערט, האָב איך זי מיטביידע הענט אויפגעהויבען, איהר אָפּגעשטופּט פון זיך און איהר געהייסען געהן:

— געה, טאָכטעריל, אַהיים.

און זי איז אַװעק. — — — — — — — — — — — —

נאָך אַ פּאָר הייזער פריהער פאַר'ן הויז, װאו איך האָב געװאוינט, האָט מען שוין ניט געקענט דורכגעהן דעם טראָטואַר: פאַרװאָרפען מיט מענשען, מיט גערודער און אומרוהיגקייט פון עפּעס אַ פּאַסירונג... איך האָב אַ װיילע ניט געצװייפעלט, אַז דאָס שוידערליך ערװאַרטעטע איז געשעהן, און איך האָב זיך גענומען דורך דעם מענשען־װאַנט אַ װעג צו מאַכען און האָב זיך

דורכגעשלאָגען און זיך דערשלאָגען אהינצו, דאָרטען, אין דער שטוב אריין, און זיך צוגעשלאָגען, וואו עס איז געלעגען אַ לענג־ ליך בערגעלע איבערגעדעקט, און פיר אויגען, פאַרגאַסענע מיט טרערען, פּאַרוויינטע און פאַרגלאָצטע, האָבען זיך אויפגעהויבען צו מיר און געקוקט ווי אויף זייערס אַ באַקאַנטען, און דערזעהן מיך, איז די יללה נאָך גרעסער געוואָרען, און די מוטער פון קינד האָט צו מיר הילפלאָז איהרע הענט אויסגעשפּרייט און אָנגע־ וויזען אויף איהר בראָך, און איך בין געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער מיט טיפען אינערליכען שוידער פון עפּעס אומבאַוואוסטעס און איינציייטיג מיט קלאָרקייט, אַז איך בין דער שולדיגער אין דעם מיידעלע׳ס טויט. — — — — — — — — — — — — — —

# עס טרעפט.

ביי מענשען עמפפינדליכע, ווען עס שטארבט אָפּ אַ ליבער, נאָהענטער מענש, נעמען אַזעלכע און פארלאָזען די שטוב, וואו דער פארשטאָרבענער האָט געלעבט און וואו דער לעבעדיגער איז גע־שטאָרבען. אנדערע געהען נאָך ווייטער: זיי פארלאָזען אפילו די שטאָדט, דאָס לאנד, און איינער גאָר — די גאַנצע וועלט...

נאָכ'ן פארשטאָרבענעם בלייבט עפּעס אַ מין שטעמפּעל אויף אַלעס, מיט וואָס דער פארשטאָרבענער איז געקומען אין באריהרונג. עס דוכט זיך צומאָל, אַז אפילו דער לופט־רוים איז געוואָרען אַן אנדערער... עפּעס האָט געלעבט אַ מענש און מ'ט דער צייט פון זיין לעבען עפּעס אריינגעשאפּען... ערשט נאָכ'ן טויט פון דעם ליבען מענשען דערשפּירט זיך ערשט אָט די אוממערקבארע השפעה וואָס יענער האָט ארום זיך געשאפען... אָנגעזאפּט די אַטמאָספערע מיט עפּעס פון זיך, וואָס איז „נאָך זיך" געבליבען, און דאָס לאָזט אָט די איינזאַם פארבליבענע, נאָכ'ן טויט לאָזט עס אָן „איהם" ניט פארגעסען און האלט עפּעס אַ מין אומבאגרייפליכען וועהטאָג פון אַ זיין און ניט זיין, פון אַ לעבעדיגען און פון אַ פארשטאָר־בענעם נאָכ'ן לעבעדיגען... אָט דאָס געשטאָרבענע לאָזט איבער נאָך זיך עפּעס אַ מין... געשטאָרבען־לעבען... עס הויבט זיך אָן פון אַ בענקעל, וואו דער פארשטאָרבענער איז געזעסען, פון אַ בעט, וואו ער איז געלעגען, און אַזוי ווייטער צוגיסט עס זיך איבער דער גאַנצער שטוב, וואו מ'איז יאָהרען לאַנג געוואוינט געוואָרען דעם מענשען צו זעהן, און ווייטער אין גאַס איבער דער גאַנצער שטאָדט און איבער דער גאַנצער וועלט, וואָס איין זון באשיינט, און מען

איז געוואוינט איהם אונטער דער זון צו זעהן... אומעטום שלעפט „ער“ זיך נאָך דער, וואָס איז אוועק, און ס׳פאַרגעסט אמאָל דער לעבעדיגער, אז דאָס איז אלעס פון גרוים בענקשאַפט נאָכ׳ן פאַר־שטאָרבענעם. ביי איהם באקומט זיך א באגריף, אז דער טויטער בענקט, אז דער טויטער בענקט נאָכ׳ן לעבען און נאָך אלעס, וואָס דער לעבעדיגער זעהט, און דערפאַר זעהט אין אלעס דער לעבע־דיגער עפּעס א מין שפּור פון יענעם. עס דוכט זיך, אז יענער געהט איהם נאָך אויף יעדען שריט און טריט און פאַרפאָלגט איהם מיט אַן אייביג פיינליכער בענקשאַפט נאָכ׳ן לעבען... אזוי מעכטיג זיך צושפּרייט, אויף אלעס און אין אלעס איז „ער“ דאָ, און, וועה! ער איז דאָך איז ערגעץ ניטאָ!

אָט די היבשע פאַררעדע האָב איך אָנגעשריבען צוליב א פאַל פון יאָהרען לאַנג צוריק, וואָס איך האָב מיך ערשט איצט, מיט יאָהרען לאַנג שפּעטער, ערמאָנערט.

מיט יאָהרען לאַנג צוריק האָב איך פאַרנומען א צימער ביי א רייכער אינטעליגענטער פאַמיליע. פיליכט איז וועמען באַ־וואוסט, אין וואָס פאַר א פאַל אזא פאַמיליע גיט אוועק א צימער. דאָס איז נאָר אין יענעם פאַל, ווען דאָס צימער איז פאַר זיי אבסאָ־לוט איבעריג און דערצו נאָך, ווען דאָס צימער איז איזאָלירט פון זייערע צימערען, וויסענדיג, הייסט עס, אז מ׳וועט דעם שכן זעלטען ווען אָנקוקען, און דער שכן, וואָס נויטיגט זיך אין דעם צימער און וויים, אז מען נויטיגט זיך ניט אין איהם, זעהט שוין וואָס וויי־ציגער זיך צו וואַרפען אין די אויגען אריין. דאָס איינציגע, וואָס איך האָב געוואוסט פון מיינע בעלי־בתים איז געווען דאָס, וואָס איך האָב געוואוסט פון וויפיל פּערזאָנען די פאַמיליע באשטעהט און אז דאָרטען איז דאָ ניט מעהר ווי איין מיידעל, א בת־יחידה, הייסט עס, א שוואַך מיידעלע, ווי אלע בת־יחידה׳ס, וואָס זיינען געצערטעלט, טוען ניט אריין א פינגער אין קיין קאַלטען וואסער און שלאָפען ביז צוועלף אזייגער. מיר האָבען זיך, פאַרשטעהט זיך, באַגריסט, נאָר גערעדט האָט קיינער ניט פון זיי מיט מיר און איך ניט מיט זיי. איין מאָל אין חודש, ווען איך האָב באַדאַרפט געבען

דירה־געלט, בין איך ביי זיי אין שטוב געווען און איבערגעגעבען דער בעל־הבית'טע דאָס געלט, האָט זי, נאָך איידער איך האָב באַ־וויזען ארויסצוגעהן, ווי זי וואָלט מיר באַוויזען, וואָס פאַר אַ ווערט די עטליכע רובעל האָבען ביי איהר, האָט זי גלייך אַוועקגעגעבען דער בת־יחידה, און ביי דער לעצטער האָט עס שוין יאָ געהאַט אַ ווערט, און איך האָב מיך איינציייטיג אי שלעכט אי גוט געפיהלט, וואָס ביי איינער האָט עס קיין ווערט ניט און די צווייטע פרעהט זיך מיט די עטליכע רובעל און האָט מיר אמאָל אַ וואָרף געטאָן אַ דאנק:

— ספּאַסיבאָ!

זעהר אַן איידעלעס און אַ לויטערעס, ווי אויסגעגאָסען פון זיסע זאַכען און זאַפטיגע געשמאַקע מאכלים... אליין אינגאַנצען ווי אַ שטיק נאַשעריי... אויף די הענט צו האַלטען און מיטצו־נעמען מיט זיך אין בוזים קעשענע; עפּעס אַזוי איידעל און צאַרט איז דאָס געווען, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'האָט קיין וואָג ניט. עפּעס אַ מיידעלש מענשעלע מיט מיידעלשקייט און פול מיט קאָקע־טעריי צו אַלעמען, אָנהויבענדיג פון טאַטע־מאַמע און ניט פאַר־ענדיגט מיט קיינעם, איין שטיק קאָקעטעריי, קענטיג אפילו מיט זיך, אָהן קיינעם.

געוואוסט, אַז דאָס האַלט פון זיך זעהר, האָב איך קיינמאָל צו איהר קיין וואָרט ניט אויסגערעדט און אפילו דעמאָלט, ווען ס'האָט געטראָפען, ווען מיר האָבען זיך ביי דער טיר געטראָפען, זיינען מיר געשטאַנען ווי אומבאַקאַנטע.

די איינציגע ארבייט איהרע איז געווען צו שפּילען אויף דער פּיאַנאָ. אָפּגעצוימט פון איהר מיט עטליכע ווענט, האָב איך דאָך געהערט דאָס שפּילען איהרס. עפּעס אַזאַ מין טעמפּעראַמענטפול שפּילען, אַז ס'האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דאָס שוואַכע מיידעל זאָל קאָנען ארויסגעבען אַזעלכע פעסטע טענער. זעהט אויס, אַז זי האָט זעהר געגליכען דאָס שפּילען, ווייל זי האָט פיל געשפּילט און אָפט אין פאַרשיידענע צייטען פון טאָג, און אמאָל אויך אַריינ־געשפּילט שפּעט אין דער נאַכט אריין. מיר איז אַלע מאָל אַנ־

גענעם געווען, וואָס אַ פרעמד מיידעל דאָ אין שטוב שפּילט ערגעץ דאָרטען אין אַ ווייטען צימער פון מיר. דאָס האָט דאָך מיר דאָס ערשטע מאָל געטראָפען, אַז איך זאָל וואוינען אין שטוב און זיין אַזוי ווייט און פרעמד פון אַ מיידעל, וואָס געפינט זיך אין דער שטוב... איך בין זעהר צופרידען געווען פון דער רוהיגקייט, פון מיין רוהיגקייט, וואָס איך בין געווען רוהיג און הער מיר איהר שפּילען און טראַכט אבסאָלוט גאָרניט פון דער שפּילערין. אָבער ס'איז באַשערט געווען!... אַז ס'איז איינעם באַשערט, אַז וואו ער וואוינט ערגעץ אין אַ דירה, זאָלען אין דער דירה זיך געפינען מיידלאַך און דער שכן זאָל זיך ניט האַלטען ווייט פון די מיידלאַך, האָט עס שוין דאָ אויך געטראָפען אַזעלכעס. מיט אַמאָל האָט עס געטראָפען, וואָס איך האָב דאָס מיידעל אויף די הענט געכאַפּט.

ס'איז געווען אַזוי: פּלוצלינג, אין מיטען שפּילען, האָט זיך דאָס שפּילען איבערגעריסען און אין אַ ווײַלע ארום האָט זיך דער־הערט עפּעס אַ ווילדער, היסטערישער אויסגעשריי, עהנליך אויף דעם קול, וואָס אַ קאַץ לאָזט ארויס, ווען מ'גיט איהר אַ קלעם איין אַ פּיסעל אין אַ טיר. איך בין מאָמענטאַל אריינגעלאָפען און דער־זעהן דאָס מיידעל מיט אַ פאַרוואָרפען קעפּעל, מיט הענט פאַרגלי־ווערטע אויף די קלאַווישען. די מוטער האָט ארומגעטאַנצט ארום איהר און, קענטיג, פון שוידערליכען שרעק פאַר איהר איין און איינ־ציג טעכטערעל זיך מורא געהאַט צוצוריהרען צו איהר. איך האָב געכאַפּט אָט דאָס צאַרט אומבאַוועגליך נפש אויף די הענט און טראָגענדיג זי געשפּירט, ווי זי ווערט מיר אַלץ שווערער. און עד היום ווייס איך ניט, צי דעמאָלט, ווען איך האָב זי אריינגעלעגט אין בעט אריין, צי נאָך שפּעטער, אָדער זי איז שוין אינגאַנצען געווען טויט, ווען איך האָב זי אויף די הענט גענומען, אָבער וואָס איך געדענק יאָ איז דאָס, וואָס איך האָב געפיהלט טראָגענדיג זי. איך האָב געפיהלט פּונקט דאָס זעלבע, ווען מען האָט מיך דאָס ערשטע מאָל אינגעלוויז מזכה געווען שמחת־תורה מיט אַ קליין תורה'לע, וואָס מ'האָט מיר אָנגעטרויט אויף די הענט... דעמאָלט, געדענק איך, האָב איך געשפּירט עפּעס אַ מין לייכטען, זיסען, ערנ־

טישען געפיהל פון דער „היילינקייט”, וואס איך האב אויף די הענט געהאלטען צוגעדריקט צו מיין ברוסטעל. און אויב מ'קאן אין אזא פאל פיהלען עטוואס עראטישעס, באווייזט עס, אז דער גאנצער „איך” און אלע אונזערע עמפפינדונגען, אז אלעס קומט פון דעם זעלבען, פאר אונז טיף פארבארגענעם, מקור... און דא איז שוין איינס פון די ביידע, ווי וועמען ס'וועט זיך וועלען לערנען דערפון. איינער וועט אויסגעפינען, אז מיר זיינען אינגאנצען איין שטיק אומריינקייט, אפילו דעמאלט, הייסט עס, ווען אונזערע גע־פיהלען זיינען גאר אינגאנצען ווייט פון דעם קלארען סעקסועלען באגריף, אז אפילו, הייסט עס, ווען מיר האבען צו טאן מיט גאר ווייטע זאכען דערפון, מיט היילינע זאכען אפילו; אפילו דעמאלט און אין אלע צייטען אהן אונזער באוואוסטזיין פיהלען מיר עפעס א געוויסען טייל פון דעם דערמאנטען געפיהל. און אנדערע וועלען עס וועלען פונקט פארקערט באווייזען. אז אין דעם טאקע ליגט די היילינקייט. אבער צום ענין געהער עס ניט. מיין צוועק איז דא געווען איבערצוגעבען, וואס איך האב אין פארשידענע יאהרען איין געפיהל געהאט צו צוויי פארשידענע זאכען...

מעגליך, אז זי איז נאך געווען ביים פולען באוואוסטזיין, ווען איך האב זי אויף די הענט געהאלטען, און נאך מעגליך איז, אז זי האט געוואוסט, ווער עס האט זי אויף די הענט געכאפט. איך בין זיכער, אז ביז דעמאלט האט זי נאך ניט אנגעריהרט קיין מאנס־בילשע האנט. און ווייטער געדענק איך, אז ווען איך האב זי א נעם געטאן אויף די הענט, האט זי זיך א צאפעל געטאן... יא, ס'איז מעגליך, אז ס'האט זיך מיר געדאכט און ס'איז מעגליך אנדערש. זי האט זיך א צאפעל געטאן פון צוויי עלעקטרישע שטראמען, וואס האבען זיך איינצייטיג א ווארף געטאן אויף איהר: א שטראם א לעבעדיגער פון מיר און א טויטער שטראם פון מלאך־המות... צוויי, וואס האבען אריינגעדרונגען אין איהר קערפער, זיך באגע־גענט... טויט מיט לעבען האבען זיך דאס ערשטע מאל און דאס לעצטע מאל אין איהר האלב־טויטען, האלב־לעבעדיגען קערפער אנ־געקלאפט. א נעם זי טוענדיג אויף די הענט, האב איך געפיהלט

אין זיך, אז פון מיר, פון מיין לעבעדיגען, געזונטען קערפער, קור־מענדיג אין באריהרונג מיט דעם צאַרטען פרויען קערפערעל, האָט געקאָנט ארויס אזא שטראָם און עס אריבערטראָגען צו איהר, צום לעצטען מאָמענט פון איהר לעבען, ווען איהר קערפער האָט נאָך, פול מיט ניט אויסגענוצטער קראַפט און לעבעדיגע ענערגיע, גע־קאָנט אויפכאַפּען אין זיך אָט דעם עלעקטרישען שטראָם פון מיר.

דער דאָקטאָר איז געקומען, האָט גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן ביי איהר. ער האָט נאָר קאָנסטאַנטירט, אז זי איז טויט, וואָס מ'האָט שוין געוואוסט אָהן איהם, נאָר וואָס די אומגליקליכע האָבען זיך געוואָלט מאַכען, אז זיי ווייסען ניט... זי איז געלעגען ווי א לעבעדיגע, וואָס האָט זיך אַוועקגעלעגט און ריהרט זיך ניט... דאָס געזיכט גאָרניט פאַרענדערט, ווי דאָס טרעפט זיך ביי דאָס רוב מענשען, וואָס רייסען זיך האַמעטנע אָפּ פון לעבען... ווי א בוימעל אָן אויסגעריסענעם פונ'ם וואָרצעל, וואָס בליהט טויטערהייט אויף דער ערד מיט די צווייגען צושפּרייט. נאָר די נעגעל, די געפּוצטע, גלאַנציגע נעגעלאַך, האָב איך באַמערקט, זיינען געלבליך געוואָרען.

פונ'ם פּלוצלינדיגען בראָך ביז'ן „באַהאַלטען" האָט עס גע־דויערט צוויי מעת־לעת. ערשט אויפ'ן דריטען טאָג האָט מען זי צו קבורה געבראַכט. איך בין די צוויי טעג און די צוויי נעכט כמעט ווי ניט אוועק פון איהר און טיף אין מיר האָט געוואַרט עפּעס אויף א נס... עפּעס האָט זיך מיר ניט געוואָלט גלויבען, אז אזוי פּלוצלינג קאָן עס נעמען א מענש און אָפּשטאַרבען... עפּעס גאָר ווי א קאַפּריז פון א בת־יחיד'קע, וואָס האָט זיך פאַרגלוסט איבער־צושרעקען טאַטע־מאַמע... איך בין געוואָרען אן אריינגעהער צו איהר, און פון גרויס מיטלייד צו דעם יונגען בוימעלע, וואָס איז אזוי אומגעריכט אָפּגעשניטען געוואָרען פון דער וועלט, האָב איך עפּעס אזא מאָדנע צוהאַרצטע און וועהטאָגדיגע ליבע געשפּירט. איך האָב מיך אזוי געדרעהט צווישען נאָך פיל פרעמדע מענשען, וואָס האָבען דאָרטען געטאָגט און גענעכטיגט. איך האָב ניט גע־וואוסט, ווער זיי זיינען. איך האָב נאָר געוואוסט, צוליב וואָס זיי זיינען געקומען. זיי, יענע מענשען, האָבען זיך, פאַרשטעהט זיך,

מעהר געדרעהט ארום די לעבעדיגע, ווי ארום דער טויטער. צו „איהר" איז מען אריין און ארויס מיט לעבעדיגער שטילקייט, וואס די לעבעדיגע האבען געמוזט מיינען, אז אזא שטילקייט מוז עס די טויטע האבען. איך אבער בין מיט די לעבעדיגע נאך פאר־פרעמדטער געווארען, ווי ס'איז אלע מאל אין אזא פאל, ווען א פרעמדער הערט אויף באמערקט צו ווערען. אבער „זי" האט מיך עפעס ווי צונעשמידט. איך האב געמיינט, אז נעבען איהר וועט מיר עפעס קלאר ווערען פארוואס עס האט אזוי געטראפען...

נאך פאר דער לויה האט מיר איינער א פרעמדער, אן איי־גענער זייערער, געזאגט, אז אלע געהען אוועק פון שטוב, אז זיי וועלען זיך אזוי גיך ניט אומקערען, און דער פרעמדער, זייער איי־גענער, האט מיך געבעטען, איך זאל אכטונג געבען אויף דער שטוב.

איך בין אליין געבליבען אהן דעם ארון און אהן „איהר", וואס איך האב ניט געזעהן דארטען ליגען, נאר געוואוסט, אז זי ליגט. זי מיט'ן ארון זיינען פאר די צוויי מעת־לעת פאר מיר געווארען עפעס ווי איינס... „זי" איז דער ארון און דער ארון איז „זי".ביידע איינס און דאס זעלבע. אז מ'האט ארויסגעטראגען דעם ארון, האט מען זי ארויסגעטראגען, און אז מ'האט „זי" ארויסגע־טראגען, האט מען דעם ארון ארויסגעטראגען. ס'איז מיר געווארען זעהר אומהיימליך, בלייבענדיג אליין, אהן דער טויטער און אהן די לעבעדיגע... אליין אין א שטוב, ווען דער טויטער און נאך איהם די לעבעדיגע פארלאזען די שטוב און געוואלדיגער אומארדנונג, וואו אלעס, וואס ס'איז ערשט ניט לאנג געווען אזוי אפגעהיט און נוציג, וואלגערט זיך ארום, ווי די גאנצע שטוב וואלט אויסגע־שטארבען און ווי מ'וואלט שוין דאס אלעס ניט געדארפט.

געלאזט מיך ווי א פרעמדען און געבליבען אין שטוב ווי א פרעמד־איינענער, פרעמד צום אומגליק און אן אייגענער אויף אזוי פיל, אז מ'קאן איהם דאך די שטוב געטרויען. גלייך ווי דער גאנצער לעבעדיגער און טויטער גערודער האט די שטוב פארלאזט, האב איך אנגעהויבען צו פארמאכען די צופראלטע טירען, וואו עס האבען אדורכגעשטראמט פון איין טיר אין דער אנדערער מענשען מיט

אַן אָרון... צוגעמאַכט די טירען, אַלע שופלאָדען און קאַמאָדען, וואָס זיינען געבליבען אין כאַאָטישער אומאָרדנונג צועפענט און ארויסגערוקט, מיט זאַכען פון זיי ארויסגעוואָרפענע, וואָס איך האָב אינוועניג אריינגעוואָרפען. און נאָכדעם האָב איך דאָס ערשטע מאָל מיט אַ גנב׳יש אָרענטליך געפיהל פון אַ מענשען, וואָס ווי אָרענטליך ער איז, טוט ער עס עפּעס פּאָרט ווי אַ גנב, ארומגעגאַנ־גען אַלע צימערען, וואָס איך וואָלט קיינמאָל ניט געקאָנט אין אַן אנדער פאַל, ווען איך וואָלט ניט געווען זיכער, אַז די מענשען וועלען ניט קומען. באַטראַכט אַלע צימערען און מעבעל, מיט אַלע אנדערע וויכטיגע און ניט וויכטיגע זאַכען און געקוקט אויף די שפּיגלען, פאַרהאַנגען מיט שוואַרצע קרעפּע... און אַלעס באַ־טראַכט, און צופרידען, וואָס קיינער וועט ניט וויסען, אַז איך באַ־טראַכט עס, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און זיך פאַרטראַכט, וואָס איך זאָל טאָן מיט די פענסטער: צי זאָל איך זיי פאַרמאַכען, צי זאָל איך זיי לאָזען אָפען. און אַזוי שטעהענדיג און טראַכטענדיג, האָב איך באַמערקט אויף דער פאָדלאָגע, ווי עס רוקט זיך אַזוי לייכט, אָהן וואָגונג און מיט אָהנוואָגיגער שטילקייט אַ פלאָנטערל האָר. ס׳רוקט זיך, כאָטש איך שפּיר קיין לופטעל ניט פון די אָפענע פענסטער... און אַזוי ווי ס׳וואָלט עפּעס געהאַט אַ לעבען אין זיך, מיט אַ פאַרשטאַנד, מיט אַ ווילען... מיט אַ ווילען פון באַוועגען זיך,, באַוועגט עס זיך און וויל עס, בלייבט עס ליגען, אָט דאָס זשמוטיקעל האָר, אין אומעט־האָריגער שטילקייט און אומעט־עקעל־דיגער שוידער פון פאַר זיך אַ ביסעל האָר. און אָפּגערוהט זיך אַ שטיקעל צייט, האָט עס זיך ווייטער אָנגעהויבען צו רוקען... איך האָב צוגעמאַכט איין פענסטער און אַ צווייטען און דאַן האָב איך זיך אומגעקוקט, דערזעהן די אָפענע פּיאַנאָ... איך האָב געקוקט אויף די ווייסע קלאַווישען, וואָס זיינען ווי פאַרגליווערט געבליבען אין אַ לאַנגען, ווייסען, טויטען שמייכעל... איך האָב געוואָלט אראָפּלאָזען דאָס דעקעל און ניט געקאָנט... און אַזוי געדיכט האָט זיך מיר אוועקגעשטעלט אין רעיון, ווי זי זיצט דאָ אויף דעם קיילאַכדיגען בענקעלע, וואָס דרעהט זיך אויף אַ שרויף... זי זיצט

מיט אַ פאַרוואָרפען קעפּעל און די הענטלאַך פאַלגריוועדט אויף די...

אָך האָב אַלעס צוגעמאַכט, נאָר די פּיאַנאָ האָב איך געלאָזט אָפען...

איך האָב זיך געלעגט שלאָפען מיט רוהיגקייט פון אַ באַוואוסטזיניגען מענשען, אָבער דאָך מיט עפּעס אין זיך, עפּעס נייעס פון דער נייער אַטמאָספערע... לעגענדיג זיך און ליגענדיג מיט אַ גאַנץ לייכטען דינעם געוועב פון אומרוהיגקייט, בין איך אַלץ ווייטער און ווייטער עמפּפינדליכער געוואָרען און אַנדערש ווי אַלע מאָל געהערט דאָס גערויש פון יעדעס איבערגעמישט בלעטעל פון בוך, וואָס איך האָב געלייענט. אין אַלע צייטען הערט מען דאָך און מ'הערט ניט, אַז מ'מישט איבער אַ בלעטעל, אָבער דאָס מאָל האָט עפּעס דאָס איבערמישען אַ בלעטעל אַ באַדייטונג באַקומען, וואָס האָט מיך געצוואונגען אַנדערש דאָס צו הערען... איך האָב געלייענט אַ הומאָריסטישע ערצעהלונג... שוין גאָר פון אָנהויב, נאָך איידער איך בין אין בעט געגאַנגען, האָב איך שוין אומוויסענד געשפּירט, אַז איך באַדאַרף גראַד אויף היינטיגס מאָל זיך אָפּזוכען אַ פרעהליכע זאַך צו לייענען. און לייענענדיג איז מיר פּלוצלינג איינגעפאַלען אַ פראַגע, צי איז דאָ מייז אין שטוב, צי ניט. און כאָטש איך האָב עס נאָך דאָ קיינמאָל ניט באַמערקט, האָב איך אַליין פון זיך באַשלאָסען, אַז מסתמא איז דאָ יאָ דאָ מייז און... ס'איז מיר נאָך דעם באַשלוס לייכטער געוואָרען ווי פריהער, פאַר'ן דענקען דערפון, איידער איך האָב באַשלאָסען, צי די ברואים, וואָס ערוועקען אין מיר אַלע מאָל אַ שוידער, צי זיי זיינען יאָ דאָ אָדער ניט. און אַזוי גלייך, אין מינוטען אַרום, האָב איך שוין איין שאָרך און אַ צווייטען פון די (צוגעטראַכטע) מייז דערהערט, און געלעגען און געלייענט און אָנגעוואָרפען, צוגעוואָרפען מיין אייגענעם הומאָר צו די הומאָריסטישע העלדען און גאָר פּלוצלינג זיך דערמאָנט אָן איינעם אַ ישיבה־בחור, מיט וועמען איך האָב צוזאַמען אין איין ישיבה געלערנט, און ער פלעגט כאַפּען מייז און לעבעדיגערהייט מיט אַ נאָדעל אויסשטעכען ביי זיי די אויגלאַך, און די אויגלאַך האָט ער פאַרקויפט פאַר צוואַנציג קאָפּיקעס אַ פּאָר, און די קוי־

פערינס, מאַמעס פון ציטערדיגע קינדער, האָבען עס אָנגעהאַנגען, אָט די אויגלאָך, די קינדער אויף די העלזלאַך, אַז ס'זאָל צו זיי קיין עין־הרע ניט צושטעהן.

פאַרשטעלענדיג זיך אָט דעם בחור'ס מלאכה, האָט מיך אַ שוידער דורכגענומען און איבער עפּעס צופרידען געווען מיט דעם שוידער... ווייל... איינצייטיג אונטער דער עראינערונג האָב איך געזעהן, ווי עס רוקט זיך ערגעץ אַ פּלאָנטערל האָר... דאָרטען ערגעץ ווייט פון מיר אויפ'ן זעלבען אָרט, וואו איך האָב עס בייטנג געזעהן...

אַ קוק געטאָן און דערזעהן מיינע פיס מיט די פינגער ארויס־שטעהן פון צודעק, איז מיר עפּעס אַ שווערער אומעט פון מיינע פיס מיט פינגער אָנגעפאלען, האָב זיך איינגעדעקט און ווייטער זיך אַריינגעלייענט אין דער הומאָריסטישער ערצעהלונג.

פלוצלינג... נו, וואָסי ?... פאַרוואָס ניט ?... פאַרוואָס זאָל איך ניט טראַכטען וועגען „איהר” ? ס'איז גאַנץ נאַטירליך, ס'קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין... פאַרקערט, אַ וואונדער גאָר, וואָס איך האָב עס געקאָנט פאַרגעסען... ס'איז דאָך אויסערגעוויינליך... אַזוי, גאָר פלוצלינג נעמט עס און בלייבט ניט אַזאַ יונגס און בליהענ־דיגעס... און פאַרוואָס עפּעס דריי ?... פאַרוואָס ניט קיין פיר מעת־לעת ? ווער איז עס דערגאַנגען, אַז ביז דריי מעת־לעת קאָן זיך נאָך אַמאָל מאַכען, אַז אַ טויטער זאָל זיך אויפכאַפּען ?... אויב דריי, פאַרוואָס טאַקע ניט גאַנצע פיר... פינף... זעקס... און נאָך מעהרער... די דריי, דאָס איז דאָך אָנגעפּאַסט אָן די לעבע־דיגע... די צאָהל דריי... אָבער וואָס האָט עס צו מיט אַ טויטען צו טאָן... ס'הייסט, מיט אַזאַ טויטען, וואָס ערגעץ טיף פאַרבאַ־האַלטען פאַר'ן דאָקטאָר'ס אויך ליגט ערגעץ לעבען באַהאַלטען... איז פון וואַנען ווייסט אָט דער דאָקטאָר, אַז דאָס באַהאַלטענע שטיקעל לעבען מוז זיך דוקא אַרויסווייזען אויפ'ן דריטען מעת־לעת ? אפשר קאָן עס זיך ביז דעמאָלט ניט באַווייזען ?... וואָס האָט דאָס באַהאַלטענע שטיקעל לעבען מיט אַ צאָהל פון „דריי” צו טאָן ?...

איך האָב מיך דערמאָנט אָן פיל זאַכען, וואָס איז דערצעהלט געוואָרען וועגען אַזעלכע צופאַלען. ביי אונז אין שטעדטעל האָט מען דערצעהלט פון אַזאַ פאַל, וואָס אַ מת איז געקומען איין מאָל און אַ צווייטען מאָל צו חלום און געקלאָגט און געוויינט, אַז מ'האָט איהם באַגראָבען לעבעדיגערהייט און געפאָדערט מ'זאָל איהם אויפ־גראָבען, ווען מען זעהן... איז מען נעגאַנגען און מ'האָט אויפגע־גראָבען, האָט מען געזעהן, ווי ער ליגט איבערגעדרעהט מיט'ן פנים אַראָפּ... איז אפשר האָט עס מיט דער אויך געטראָפען?... מיר ווייסען דאָך ניט, וואָס לעבען איז... מיר זיינען צוגעוואוינט צו זעהן לעבען און באַוועגליכקייט... קאָן דאָך טרעפען, אַז דאָס לעבען זאָל זיך ערגעץ מיט אַ געוויסער אורזאַך פאַרשווינדען און זיך באַ־האַלטען ערגעץ טיף אין אַ פאַרבאָרגען ווינקעלע און ס'זאָל זיך דאָרטען האַלטען אַ צייט ניט אָפּגעטאַקסירטע דריי מעת־לעת, נאָר אפשר טאַקע גאַנצע דריי וואָכען? באַזונדערס ווען אַזאַ צופאַל טרעפט מיט אַ יונגען קערפּער, וואָס האָט אין זיך די גאַנצע ענערגיע פון לעבענסקראַפט, זיך מאַכען אַ קאַפּריז און זיך אַ שפּיל טאָן אין באַהעלטעניש... אומבאַוואוסטזיניג, פאַרשטעהט זיך, ווי אומבאַ־וואוסטזיניג איז פאַר אונז דאָס גאַנצע לעבען, וואָס לעבט אין אונז, אָדער פאַרקערט, פון דעם לעבען, וואָס מיר לעבען אין דעם... זיכער, פאַראַן אַ לעבען אויסער אונז... מיר, מענשען, מיט אַלע באַשעפענישען און אַלע געוויקסען, זיינען אַ מאַטעריאַל פאַר'ן לע־בען, דער שטאָף, אין וואָס דאָס לעבען האַלט זיך. פּונקט ווי עס קאָן ניט זיין קיין פייער אָהן די שטאָפען, וואָס דער פייער באַדאַרף צו האָבען צו אונטערהאַלטען זיך, דאָס פייער, אַזוי דאַרף דאָס לעבען אונז האָבען, אונז מיט אַלעם געגומען, צו דערהאַלטען זיך... מיר, הייסט עס, באַוועגליכע באַשעפענישען, מיט אַלע געוויקסען, זיינען נאָר די אויסערליכע קערפּערליכע פאָרמען פון לעבען. פאַראַן, הייסט עס, אַ באַהאַלטען לעבען אויסער אונז און וואָס קאָן דאָך איינציייטיג אָהן אונז קיין לעבען ניט זיין, פּונקט אַזוי ווי פייער קאָן קיין פייער ניט זיין אָהן די שטאָפען, וואָס דאָס פייער דאַרף האָבען, מיר זאָלען עס קאָנען זעהן.

און וואָס זשע איז דאָס פּאָרט אַזעלכעס לעבען?... ס'איז ניט מיר און ס'איז יאָ מיר... ס'איז איין זאַך און צוויי זאַכען... נשמה און גוף... איין נשמה פאַר אַלעמען און איין גוף פאַר דער נשמה...

אָבער צו וואָס די גאַנצע פילאָזאָפיע? דאָס מיידעל איז געשטאָרבען, צי ניט? וואָס פאַר אַ פּועל־יוצא פון דעם גאַנצען געדרעה, איך וויל דאָך איין זאַך דערגעהן, צי איז מעגליך, אַז דאָס מיידעל (און אַלע אַנדערע צו איהר) זאָל האָבען מיטגענומען מיט זיך אַ שטיקעל לעבען אין קבר אריין, און דאָס שטיקעל לעבען זאָל זיך אין אַ געוויסער צייט אַרום אויפכאַפּען און מיט דער זעלבער ענערגיע זיך צוגיסען איבער'ן גאַנצען קערפּער און ערשט דאָרטען אויף אַן אמת שטאַרבען מיט אַזאַ ביטערען און פינסטערען טויט... וואָס ווייס איך?... אפשר ליגט זי שוין איצט אין קבר און דראַפּעט מיט די איידעלע, שוואַכע פינגערלאַך דאָס דעקעל פון קאַסטען... אפשר פונקט איצט, אין דעם מאָמענט, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און שטיקט זיך דאָרטען אין קבר און ווערט מיט היים בלוט פאַרגאָסען פון שטיקעניש?

און ס'האָט מיך שוין אין צווייען געשווידערט, פאַר איהר טויט דאָ און פאַר איהר לעבען דאָרטען, און פאַר אַ צווייטען מאָל שטאַרבען דאָרטען. און איך האָב זיך אַריינגעטראַכט, אַז ס'איז אַלעס נארישקייטען, און וואָס איך האָב מיך אַריינגעטראַכט, האָב איך זיך דאָך פון די געדאַנקען ניט געקאָנט באַפרייען... פעסט איז איין זאַך, אַז זי וועט פון דאָרטען שוין ניט אַרויסקריכען... און האָב מיך אַזוי פריש דערמאָנט און דערפיהלט אָט דעם צאַפּעל, וואָס זי האָט געטאָן, ווען איך האָב זי אַ נעם געטאָן אויף די הענט און עס האָט מיר אַזוי פיינליך וועה געטאָן פאַר דעם יונגען צאַפּעל, וואָס זי האָט זיך מיט איהר וואָרף ווי אַריבערגעוואָרפען לעבען צום טויט... ווי לעבעדיגערהייט געשטאָרבען נאָך מיט געפיהל פון לעבען און זיך פאַר דעם טויט, וואָס איז שוין געווען אין איהר, דערשראָקען...

איך האָב געפיהלט אַרום זיך די דאָפּעלטע שטילקייט פון נאָך לעבעדיגע און פון נאָך אַ טויטען, וואָס האָבען איינצייטיג די שטוב

פארלאָזט. אין רעיון זיינען געשטאַנען אַלע צימערען מיט ווענט און מיט מעבעל און אין יעדען צימער אדורכגעפיהלט א באַזונדערען שוידערליכען אומעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צי איז דאָס געווען טיף אין שלאָף, צי טיף אין זיך?... איך האָב א קלונג דערהערט און זיך אויפגעכאַפּט פון דעם קלונג, מאָמענטאַל פארגעסען פון וואָס איך האָב מיך אויפגעכאַפּט און זיך גלייך אָנגעשלאָגען אָן א שורשעריי פון מיינע, פאראויס אומבאַוואוסט, צוגעטראַכטע מייז און אין רעיון געזעהן דאָס פלאַנטערל האָר, וואָס איז זיך ערגעץ געלעגען, און זיך ארומגעקוקט פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין אַנשלאָפען געוואָרען מיט א קעלט אין די פיס... די פיס האָבען זיך אין שלאָף עפּעס ווי אָפּגעטיילט פון מיר און אימיצער איז צו מיר מיט מיינע קאַלטע פיס געקומען און זיך געקלאָגט אויף קעלט אין די פיס... „זי", דאָס איז איהר קאַלט אין די פיס... זי ליגט אין קבר און קלאָגט זיך, וואָס מ'האָט זי געלעגט אין קבר... זי לעבט און וויל ארויס פון דאָרט... זי איז ניט געשטאָרבען, נאָר מ'האָט זי לעבעדיגערהייט באַגראָבען... זי שטיקט זיך דאָרטען...

און האָט מיר באַוויזען אין די איידעלע, צאַרטע פינגערלאך א בינטעל האָר, וואָס זי האָט זיך אויסגעריסען פון קאָפּ... געערדט און געקלאָגט זיך ווי א לעבעדיגע און דאָס בינטעל האָר ווי א לעבעדיגע געוויזען, אָבער אין איין אויגענבליק האָט זיך עפּעס געביטען און איך האָב דערזעהן א טויטע, און זי האָט שוין עפּעס אויף א טויט לשון גערעדט. איך האָב ניט געוואוסט וואָס, נאָר פארשטאַנען, אַז זי קלאָגט זיך נאָך אַלץ אויף דאָס זעלבע — אַז איהר איז קאַלט אין די פיס... אַז... זי איז ניט געשטאָרבען... אַז... מ'האָט זי לעבעדיג באַגראָבען...

אויב ס'איז מעגליך זיך נעמען אין שלאָף און זיך אַליין פון שלאָף געבען א וועק־אויף, האָב איך אַזעלכעס געטאָן... אָבער געבליבען בין איך אונטער'ן איינדרוק פון דעם וויסטיגען חלום...

מיר איז גאָרניט גרינגער געוואָרען, וואָס איך האָב געוואוסט, אז ס'איז א חלום... איינגעגעסען אין מיר דאָ איבערגעלעבטע, האָב איך עס אויף דער וואך אזוי דורכגעלעבט, ווי אין חלום. א דרעה געטאָן דאָס לאָפּאַטקעלע פון עלעקטרישען לעמפּעל, האָב איך גע־נומען דאָס בוך אין די הענט און א מיש געטאָן, איז פון דאָרטען ארויסגעפאַלען א קליין דינינקע האָר־שפּילקעלע. ס'איז געפאַלען גלייך אויף מיין ברוסט ,און איך האָב אזוי א כאַפּ געטאָן און דאָס לאַנג באַטראַכט, און נאָכדעם האָב איך איבערגעלייענט די ביידע זייטלאך, צווישען וועלכע דאָס שפּילקעלע איז געלעגען און דערביי געשפּירט די קרומע שמייכעלאך מיינע פון זיך אליין, נאָך וואָס איך טו דאָס. איך האָב געשמייכעלט, און מיר האָט זיך שוין גאָר־ניט געגלוסט צו שמייכלען.

און באַרוהיגט מיט קלאָרער און ניכטערער באַוואוסטזיניג־קייט, בין איך אנשלאָפען געוואָרען און מיט מיר צוזאַמען איז אנ־שלאָפען געוואָרען דער שכל, און ווידער איז געקומען דאָס, וואָס ליגט ערגעץ טיפער פונ'ם שכל, דאָס אזעלכעס, וואָס טוט זיך זיין ארבייט אין מענשען, זיין באַזונדערע ארבייט... געקומען, און מיט זיין גאַנצער אינערליכער פאַרבאַהאַלטענער מעכטיגער קראַפט אין מיר אריין א גאַס געטאָן א גאַנצע כוואַליע מיט טענער... ערגעץ האָט נאָך דוקא געוואַכט און עפּעס אזוי ווי מיך געהיט א שטיקעל שכל, אז... איך קאָן אזעלכעס ניט הערען, ווייל קיינער שפּילט ניט... ווייל ס'איז קיינער ניטאָ ווער ס'זאָל שפּילען... אָבער... איך הער דאָך פּאָרט... אויסערגעוויינליכע טענער, וואָס נאָר אַן אינווענינגסטער, א באַהאַלטענער אינ'ם מענשען אָהן דעם וויסען פון דעם מענשען, קאָן אזעלכע טענער ארויסברענגען — אזעלכע, וואָס מען קאָן אין דער ווירקליכקייט ניט הערען... ווייט... אין א ווינקעל איז „זי" געשטאַנען ווי אַן אריינגעשפּאַרטע אין דעם ווינקעל אריין, א ניט עהנליך גאָר אויף „איהר" און דאָך טיף אין זיך, פון דער אייגענער טיפקייט, ווי איך האָב די טענער געהערט, געוועזן זיכער, אז דאָס איז „זי", און ווייטער אין זיך געוואוסט, אז פון איהר אָהן איהר דירעקטען אנטייל, געהען עס די טענער ארויס...

שפעטער האָט אין דער לופט איין מאָל און אַ צווייטען מאָל עפּעס אַזוי ווי אַדורכגעשוועבט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז געווען לייכטער פון דער לופט און האָט זיך אויסגעטיילט מיט אַ מאָדנעם קאָליר, מיט אַ ראָז־בלויען אָפּשיין... איהר נשמה... וואָס שטעהט אַריינגעפּרעסט אין אַ ווינקעל צווישען לעבען און טויט, ווי מיטביידע אין זיך אָדער אָהן ביידע. מיט אַ לעבען פון נאָך אַ לעבען... מיט אַ טויט פון אַ ניט געשטאָרבענער... די „נשמה" האָט זיך אַזוי געדרעהט אין אַן אומבאַשטימטער הויכקייט, זיך געוויגט פון די אַקאָרדען, געשטויסען געוואָרען אַלץ העכער פון דעם פאַרקרימטען קערפּער, וואָס איז אָהן לעבען און אָהן טויט אין אַ ווינקעל געשטאַנען... זי האָט געשפּילט און אַליין מיט איהר שפּילען אַרויסגעבאַגלייט פון זיך די נשמה איהרע.

---

איך בין מיט העלדישקייט אַריין צו „איהר" אין צימער און דאָרטען דאָס העלדישקייט פאַרלאָרען... זי איז געזעסען!... אַזוי מאָדנע געזעסען, ווי עס קאָנען נאָר זיצען יענע, וואָס קומען פון יענעם עולם צוריק אויף זייערע ליידיגע ערטער... זי איז געזעסען אויף איהר אָרט לעבען דער פּיאַנאָ ווי אַ טויט דערשראָקענע פון איהר אייגענעם טויט... זי איז געזעסען ווי אַ לעבעדיגע און זיך ניט באַוועגט ווי אַ טויטע... ווי עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז ניט זי, נאָר „אַ נאָך איהר", אויפ'ן פּלאַץ וואו זי איז לעבעדיגערהייט געזעסען, אין פאַרגליווערטער בענקשאַפט נאָך זיך...

# אין פרומע הענט.

דאָס אַריסטאָקראַטישע פּאָר פאָלק וואָס באַלאַנגען צום הויכען אַריסטאָקראַטיש־אַסימילאַטאָרישען יחוס, ווייסען נאָך ביז היינ־טיגען טאָג ניט אויף וועלכען אופן זייער צוויי־חדשים׳דיג קינד איז אומגעקומען... זיי ווייסען, אַז דאָס קינד איז דערוואָרגען געוואָרען. דאָס האָבען זיי גלייך דערקענט, אַזוי ווי זיי זיינען פון טעאַטער געקומען און דערזעהן, ווי אַרום קינד איז געווען נאַס און אָנגע־מילכיגט, אַז דאָס קינד איז געשטאָרבען מיט אַ מילכיגען טויט.

דער דאָקטאָר, וואָס מ׳האָט אַרויסגערופען, האָט קאָנסטאַ־טירט דעם טויט פון קינד. ס׳הייסט, האָט געזאָגט דאָס, וואָס מ׳האָט געוואוסט פריהער פאַר איהם. און באַטראַכטענדיג ביי דער אַם איהר גרויסען „בוזעם“, האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין השערה, אַז דאָס קינד האָט געמוזט דערוואָרגען ווערען פון אַ גרוֹיסען איבערפלוס פון מילך. אַזוי ווי די אַם איז געשלאָפען, און אַזוי ווי דאָס קינד האָט געהאַלטען אין זויגען, דעמאָלט ווען די אַם איז געשלאָפען, איז מעגליך אַז די אַם האָט געמאַכט אַ דרוק אויף דער ברוסט און דאָס קינד איז פאַרכלינעט געוואָרען פון אַ מילכיגען פאָנטאַן, אָבער ניט אויף אַזאַ אופן, ווי דער דאָקטאָר האָט עס פאַרגעשטעלט. ס׳איז פאָרגעקומען אַ ביסעל אַנדערש. און כדי צו דערצעהלען ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, מוזען מיר פריהער זיך באַקענען מיט די טאַטע־מאַמע פונ׳ם קינד און מיט דער אַם, וואָס האָט דאָס קינד געזויגען, און נאָכדעם וועט קלאָר ווערען פאַרוואָס אַזאַ זאַך האָט געקאָנט געשעהן און ס׳וועט אויך קלאָר ווערען, אַז די עלטערען אַליין האָבען דאָ געשפּילט אַן אומדירעקטע ראָלע אין דעם קינד׳ס פּלוצלינגדיגען און אויסער־געוועהנליכען טויט.

ביז דריי און צוואַנציג יאָהר האָט פאַנא מאַריא ארויסגעקוקט און געוואַרט, אַז ס'זאָל פון ערגעץ קומען אַ קריסטליכער יונגערמאַן, ער זאָל זיך פאַרליבען אין איהר און זי אין איהם און זי זאָל זיך שמד'ען און חתונה האָבען... די גאַנצע שטרעבונג איהרע, אַז אין איהר זאָל זיך דוקא פאַרליבען אַ קריסט (און זי אין איהם) און דוקא חתונה האָבען פאַר אַ קריסט און ניט פאַר אַ אידען, איז דאָס געווען צוליב'ן שמד'ן זיך... אַזוי לאַנג ווי זי איז צו איהר מיידעלשען שכל געקומען האָט זי ארויסגעקוקט אויף עפּעס אַן אורזאַך אין וואָס זי זאָל קאָנען אָנקניפּען די שמד איהרע. ס'הייסט, אַזוי וואָלט עס איהר אויך קיינער ניט געשטערט, נאָר ס'איז דאָך גלאַט אַליין און פאַר זיך געווען אַן אומזין נעמען פלוצלינג און זיך געהן אָפּ'שמד'ען אין דער צייט, ווען זי האָט נאָך געהאַט אַ „חופּה" פאַר זיך, דאָס מיינט, אַז דאָס איז געווען די גרענעץ, די שוועל, פון אריבערגעהן פון איין גלויבען, אין וועלכען זי האָט ניט געגלויבט, אין אַ צווייטען, וואָס זי האָט באַדאַרפט אָנהויבען צו גלויבען, אַזוי גלייך ווי זי וואָלט אָנגענומען אָט דאָס נייע גלויבען... איז דער־פאַר גאַנץ פאַרשטענדליך, וואָס זי האָט ארויסגעקוקט אויף אַ קריסטליכען חתן, ווייל מיט אַ אידישען דאַרף זי זיך דאָך ניט שמד'ען, און אויב ניט שמד'ען זיך צו דער חופּה, טאָ ווען דען? און נעמען אַ אידישען חתן און געהן מיט איהם און שטעלען אַ חופּה אין קאַסטיאָל, האָט דאָך אויך קיין זינען ניט. און ס'איז אויס־געקומען אַזוי: אַז זי קאָן ניט חתונה האָבען אָהן שמד'ען זיך און קאָן זיך ניט שמד'ען אָהן חתונה האָבען.ביידע זאַכען האָבען זיך אַזוי צונויפגעפלאָכטען צוזאַמען, אַז איינס אָהן דאָס אַנדערע איז געווען אַן אוממעגליכע זאַך... אָט אַ שטייגער, ווען זי וואָלט חתונה געהאַט אָהן שמד'ען זיך, מיט אַ אידען הייסט עס, וואָלט עס גע־הייסען פאַרבלייבען אויף ווייטער (און מסתם אויפ'ן גאַנצען לעבען) אין אָט דעם צווישען־רוים פון ניט־איד און ניט־קריסט, און דאָס גאַנצע לעבען פאַררעכענט זיין ביי קריסטען פאַר אַ אידין דער־פאַר וואָס זי איז קיין קריסטין ניט, אָדער דערפאַר, וואָס זי האָט געהאַט דאָס אומגליק געבוירען צו ווערען ביי אידישע עלטערען

און וואָס די עלטערען איהרע זיינען אויך געווען אידען אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיי זיינען פון אידישע עלטערען געבוירען. זיי רופען זיך פּאָליאַקען פון משה רבינו׳ס גלויבען, אָבער זי ווייסט, אַז דאָס איז אַן אָפיציעלע מאַרקע. זי ווייסט, אַז אַלע אָט די אַזעלכע אידען, וואָס זיינען קיין אידען און קיין קריסטען ניט, אָט די אַלע אַזעלכע, וואָס צו די ערשטע ווילען זיי ניט באַלאַנגען און צו די צווייטע קאָנען זיי איבער געוויסע אורזאַכען ניט צושטעהן, איז דערפאַר ווערט מען פּאָליאַקען (אין פוילען) פון משה רבינו׳ס גלויבען...

אָט די פּאַננאַ מאַריאַ האָט עס זעהר גוט באַנומען און פון איהר שטאַנדפּונקט איז זי אפשר גאָר גערעכט געווען, וואָס זי האָט ניט געוואָלט בלייבען דאָס, וואָס זי איז געווען. טאַקע, פּאַרוואָס אַלע יאָהרען ליידען פון אידישקייט, פון אַזאַ זאַך, הייסט עס, וואָס זי איז ניט... זי האָט זיך ניט געוואָלט פיהלען באַדענקלאַז, און בפרט נאָך ווען מ׳געהט חתונה האָבען און נאָך דער חתונה קינדער האָבען. דאָס האָט געמיינט ביי איהר פּונקט דאָס זעלבע, ווי איי־נער וואָלט זיך אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ אויף אַ פרעמדען פּלאַץ, אויף פרעמדע ערד. דאָס מיינט האָבען אַ פּאַלאַץ אָהן אַ באָדען...

אַזוי האָט פּאַננאַ מאַריאַ אַריינגעצויגען איהר מיידעלשקייט אין דריי און צוואַנציגסטען יאָהר און קיין קריסט האָט זיך אין איהר ניט פאַרליבט און ניט זי אין קיין קריסט. פון וואַנען האָט ער זיך געזאָלט נעמען אָט דער קריסט, אַז אין די אַסימילאַטאָרישע קרייזען איז אַזעלכער אויף קיין רפואה ניט געווען, אַז צוזאַמענגעטראָפען האָט מען זיך נאָר מיט אידען, ס׳הייסט, ניט מיט קיין אידען פון די נאַלעווקעס (אַזאַ גאַס אין וואַרשאַ, וואָס איז דורכאויס באַזעצט פון אידען און וואו דער גאַנצער האַנדעל ליגט אין אידישע הענט), נאָר מיט אַסימילאַטאָרען, אָבער אַלץ ניט קיין קריסטען. און אַז ס׳איז שוין צו רייד געקומען וועגען דעם, ווילט זיך דעם אויטאָר זאָגען אָט וואָס: אַז ס׳איז אַ גרויס רחמנות אויף די אַסימילאַ־טאָרען. אייב אידען, געוויינליכע אידען, אידען פון אַ גאַנץ יאָהר, האָבען זיך זייער געטאָ, דאָס מיינט די געטאָ, וואָס אידען אַליין

שאַפען פאַר זיך מיט זייער אָפּגעזונדערטקייט, מיט דעם, וואָס איין אידען ציהט צום צווייטען צו באַזעצען זיך, איז האָבען די אַסימי־לאַטאָרען נעבאך צוויי געטאָס, איינע צווישען זיך און צווישען די אייגענע ברידער, און די צווייטע פון די קריסטען; מ'האָט זיי דאָ ניט ליב און אינ'ם צווייטען לאַגער האָט מען זיי ניט ליב, און ביידע לאַגערען האַלטען זיי פאַר פרעמדע און זיי לעבען נעבאך ווי אַ באַזונדער פעלקעלע, אַ פעלקעלע, וואָס איז אי אידען, אי פּאָליאַקען (אין פּוילען) און וואָס איז ניט דאָס און ניט יענעס, אָט טאַקע דערפאַר, וואָס ס'וויל זיין ביידע זאַכען... ניט קוקענדיג אויף זייער גאַנצער ניט־אידישקייט, האָט דאָך זעלטען ווער פון זיי אַריינגעטריט צו אַ קריסט, און פונקט אַזוי זעלטען קומט צו ווע־מען פון זיי אַ קריסט אַריין, און דערפאַר איז שוין גאָר קיין וואונ־דער ניט, וואָס פאַננאַ מאַריאַ איז געזעסען, ביז דריי און צוואַנציג יאָהר און געוואַרט אויף אַ קריסטליכען חתן און זיך ניט דערוואַרט. זי האָט זיך אָבער באַצייטענס געכאַפּט. שמד'ען זיך קאָן מען דאָך נאָך אַלעמען ניט פאַרשפּעטיגען, דאָס קאָן מען דאָך אפילו פאַר'ן שטאַרבען אויך, און חתונה האָבען פאַר'ן שטאַרבען קאָן מען ניט. און זי האָט געמוזט חתונה האָבען פאַר אַ אידען, ס'הייסט פאַר אַזאַ אידען ווי זי איז געווען אַ אידין, און וויל זי און דער חתן, וויל ביידע זיינען געבוירען געוואָרען ביי עלטערען, וואָס האָבען באַ־לאַנגט צו משה רבינו'ס גלויבען, איז דערפאַר האָבען זיי געמוזט חתונה האָבען כדת משה וישראל, און טאַקע אין סינאַגאָגע, און געמוזט נעבאך אויסהערען אַ דרשה (אמת, אין פּוילישען) פון עכט אידישען גייסט, און דער חתן און אַלע איבעריגע מענער, באַקאַנטע, פריינד און אייגענע, האָבען געמוזט שטעהן אין די היטלען...

---

דריי יאָהר נאָך דער חתונה האָט זיך געמאַכט דאָס, וואָס עס האָט זיך געקאָנט מאַכען אַ יאָהר נאָך דער חתונה, נאָר זי האָט ניט געוואָלט דאָס זאָל זיך מאַכען... נאָך מיט אַ וואָך פריהער איידער זי איז געלעגען געוואָרען, איז שוין אין שטוב געווען אַן אַם צוגע־גרייט און זי האָט געהאַט אַן אַרבייט אָט די אַם עטליכע מאָל אין

מעת־לעת אָפּצוצאַפּען פון זיך די מילך מיט „מאַמקעס”. דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַן ערלית׳טע. ס׳איז גענוג געווען נאָר איין מאָל פון אויבען־אויף אַ קוק צו טאָן אויף איהר און מ׳זאָל גלייך דערזעהן, אַז דאָס איז אַ זויג־מאַשין פון דער נאַטור גע־בוירען. אומגעהויער גרויס איז געווען איהר „פון פאָרענט” און נאָך גרעסער דער „פון הינטען”. און הענט און פיס — אַלץ אויף דער העכסטער שטופע פון פליישיגער אַנטוויקלונג... אַט די פאַר־שווינקע האָט ניט נאָר איין קינד געקאָנט זויגען, נאָר אַ גוץ קינ־דער... מ׳האָט געקאָנט פון איהר אָהן אויפהער צאַפּען, זויגען און צאַפּען און זי וואָלט זיך קיינמאָל ניט אויסגעזויגען און ניט אויס־געצאַפּט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז פון ששת ימי בראשית באַשאַפען געוואָרען אַן אַם צו זיין...

וואָס געהער ווייטער, אַ חוץ הייסט עס פלייש און מילך, פון וואָס דער מענש איז באַשטאַנען, האָט זי געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אמת׳ער גוי׳ע, ס׳הייסט פון אַזאַ גוי׳ע, וואָס איהרע אור־אור־עלטערען זיינען געווען גוים, און נאָך וויכטיגער — גוים־פּאָליאַקען. די גרויע אויגעלאך און די בלאָנדע האָר און די עטוואָס פאַרריסענע נאָז מיט די קיילאַכיגע חזיר׳סקע נאָזלעכער, האָבען פאַר זיך עדות געזאָגט, אַז אַ חוץ איהר מילכיגע פּראָפעסיע, איז זי נאָך דערצו אַ פּאָלקע און אַן אַנטיסעמיטקע פון ערשטען סאָרט און אַלעס צו־זאַמען האָט פון זיך און פאַר זיך געזאָגט, אַז וואָס פאַר אַ קינד ס׳וועט זויגען פון אַט דער גוי׳ע, מעג עס זיין אפילו אַ אידיש קינד, וועט שוין קיין אידען־פריינד ניט אויפוואַקסען...

אַזוי גלייך ווי די מוטער האָט איהר מענשען־קינד אויף דער ליכטיגער וועלט ארויסגעשיקט, אַזוי גלייך איז דאָס אריבער אין רשות פון אַט דער דיקער, פליישיגער, מילכיגער גוי׳ע און די מוטער אַליין איז געבליבען ליגען מיט נאַכוועהען, אָבער אַליין, אָהן אַ קינד, ווי איינע, וואָס ליגט זיך גלאַט אַזוי קראַנק אויף אַ קרענק, וואָס האָט מיט דער מוטערשאַפט גאָרניט צו טאָן, און דער־צו האָט זי באַזונדערס געליטען פון אַן איבעריגען וועהטאָג, דאָס הייסט פון אַזאַ וועהטאָג, וואָס ווען זי וואָלט געוואָלט, וואָלט זי

איהם געקאָנט ניט האָבען, ס'האָט איהר געשפּאַרט די מילך אין די יונג־מוטערליכע ברוסטען...

אין עטליכע טעג אַרום, ווען די נאָכוועהען זיינען פאַראיבער און די מילך אין די ברוסטען האָט איבערגעברענט און אויפגעהערט צו שפּאַרען און איהר שמערצען פאַרשאַפען, האָבען טאַטע־מאַמע פון קינד פאַרפיהרט אַ שמועס וועגען קינד זייערס. ס'איז געווען אַ אינגעל, און אַזוי ווי ביי אַ אינגעל, וואָס ווערט געבוירען ביי עלטערען, וואָס באַלאַנגען צו פאַליאַקען פון משה רבינו'ס גלויבען דאַרף מען מאַכען אַ ברית, איז דערפאַר אַליין, ווייל מ'דאַרף מאַכען אַט די אָפּעראַציע און זיי האָבען אַט די אָפּעראַציע ניט געוואָלט מאַכען, איז זיי אַ דאַנק דעם איינגעפאַלען אויפ'ן אָרט פון ברית־מילה אָפּצו'שמד'ען דאָס קינד. לאָגיש זיינען טאַטע־מאַמע געווען גערעכט. מה־דאָך ער, דער פאָטער פון קינד, וואָס איז נאָך אַליין גע'מל'ט, ווייסט גאָרניט פון אידישקייט, וועט דאָך דאָס קינד זייערס, וואָס וועט שוין ניט זיין געאידישט, אודאי און אודאי פאַר קיין איד ניט פאַררעכענט זיין (דאָס וואָס זיי ווילען), אויב אַזוי, פאַרוואָס טאַקע ניט אָפּ'שמד'ען און דאָס קינד זייערס זאָל טאַקע אָפיציעל קאָנען פאַררעכענט ווערען פאַר אַ קריסט... אויב זיי ליידען דערפון, וואָס זיי זיינען צוליב אַ קאַפּריז פון די עלטערען געבליבען פאַררעכענט פאַר אידען, טאָ פאַרוואָס זאָלען זיי ניט זיין פראַקטישער און מאַכען אַזוי, אַז דאָס קינד זייערס זאָל דערפון ניט ליידען? צוליב וואָס און צוליב וועלכען זאָל דאָס קינד זייערס פריהער און שפּעטער און אַלע זיינע יאָהרען ליידען פון אַ אידיש־קייט, וואָס ער וועט עס באמת ניט זיין? איז דאָך דאָס גלייכסטע צו רופען אַ קסיאָנדז און „איהם" אָפּטויפען צו די אַכט טעג... דער עיקר'שט איז זי אויף דעם געשטאַנען פעסט, זי האָט גערעדט מיט היץ און מיט גייציגקייט ווי אַן אמת'ע, ווי אַ געבוירענע פּאָלקע:

— יאַקעזש מי זידזשי? אָ, יעזוס קאָכאַני!

אַז ס'האָט איהר אפילו פאַרדראָסען, וואָס מ'באַדאַרף גאָר רעדען וועגען דעם. ס'האָט איהר פאַרדראָסען, וואָס זי איז נאָך אַלץ אָט ווי זי איז ניט. איז זי נאָך אַלץ אויף אַזוי פיל אידישקע,

אז ס'רעדט זיך גאָר עפּעס וועגען זשידאָווסקער צערעמאָניע פון שניידען... ס'וואָלט גאָר אינגאַנצען ניט באַדאַרפט אַזעלכעס דער־מאָנט ווערען. נאָך איהר נאָך איז אויסגעקומען, אַז מ'האָט גאָר קיינע רעדעס וועגען דעם ניט געדאַרפט געווען מאַכען, נאָר ווי אמת'ע, ווי געבוירענע קריסטען באַדאַרפט געווען צו וויסען געבען דעם קסיאָנדז, ער זאָל צו די אַכט טעג קומען און מאַכען איבער'ן אַכט־טעגיגען קינד די געהעריגע שמד־צערעמאָניע; דעם מאַן איה־רען אָבער האָט עס אַביסעלע געקאָרטעט, ס'האָט ניט געאַרט דאָס ניט מל'ן, נאָר דאָס אָפּטויפען דאָס קינד איז איהם עפּעס פּריקרע געווען. דאָס ווייבעל, די קימפּעטאָרין, האָט עס דערקענט אין זיין שווייגען און האָט איהם אויפגעוואָרפען, אַז אין די סטודענטישע יאָהרען, ווען ער איז אַ סטודענט געווען, האָט ער זיך עפּעס געהאַט אינטערעסירט מיט'ן ציוניזם.

און אויף איהר פּנים האָט זיך געוויזען אַזוי פיל רשעות, דער אמת'ער פּוילישער רשעות, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ פּוילישער אַריסטאָקראַטקע ווען זי רעדט וועגען אידען. ס'איז ניט בלויז קיין שלעכטסקייט, נאָר עפּעס אַ מין צומיש נאָך פון סאַרקאַזם, און ס'איז אָפּט שווער זיך צו אָריענטירען, וואו ס'הויבט זיך אָן דאָס ערשטע און וואו ס'ענדיגט זיך דאָס לעצטע, און אַמאָל מאַכט עס אַן איינדרוק, אַז ס'איז מעהר סאַרקאַזם ווי רשעות, ס'הייסט מעהר פאַראַכטונג צום אידען ווי שלעכטסקייט.

די מרשעת האָט מיט'ן אָפּ'שמד'ען דאָס קינד ניט נאָר דעם קינד'ס טובה געמיינט, נאָר אויך איהר אייגענע טובה... האָבענדיג אַן אייגענעם שייגעצעל אין שטוב, אַן אייגען קריסטעל, וועט זי אַליין שטעהן מיט אַ פוס אויפ'ן שוועל פון קריסטענטום... זי האָט געמיינט מיט'ן קינד'ס קריסטליכקייט זיך אַריינקויפען אין דער קריסטליכער וועלט און אַזוי אַרום, ווען דאָס קינד איהרס וועט אויסוואַקסען, וועט שוין זיין פילע געלעגענהייטען פאַר טאַטע־מאַמע אַנצונעמען דאָס קאַטוילישע גלויבען...

---

די שמד־צערעמאָניע איז צוגעגאַנגען מיט'ן גאַנצען קנאַק מצד

די יעניגע, וואָס זיינען גערופען געוואָרען דאָס צו טאָן. די הויפּט מחותנת׳טע איז געווען די אַם. נאָך איהר גאַנצער אויפפיהרונג און האַלטען זיך איז געווען צו זעהן, אַז זי האַלט זיך פאַר דער אמת׳ער מוטער פון קינד, אַז זי, ווייל זי איז אַ קאַטאָליקין, איז זי צום קינד נעהענטער ווי די אמת׳ע מאמע... זי האָט זי פּשוט איגנאָרירט, די קאַטוילישע מאמע דער אידישער מוטער. ס׳איז געווען דורכאויס איהר שמחה און איהר יום־טוב, וואָס אַ אידישע זינדיגע נשמה געהט אריבער צו זייער, צו דער קאַטוילישער אמונה.

ווילענדיג, ניט ווילדענדיג האָבען זיך טאַטע־מאַמע מאָדנע געפיהלט, ווי אומגעבעטענע געסט אויף אַ פרעמדער שמחה. יאָ, ס׳איז טאַקע דורך זייער גוטען ווילען געטאָן געוואָרען, אָבער פונ־דעסטוועגען, אַליין ניט באַלאַנגענדיג צו דער רעליגיע, צו וועלכער זיי האָבען פריייוויליג איבערגעגעבען די פרוכט פון זייערע געדערים, האָבען זיי זיך פרעמד געפיהלט. און וויפיל זיי האָבען זיך אָנגע־שטרענגט אנדערש צו פיהלען, האָט עס קיין פּעולה ניט געהאַט און זיי האָבען זיך אַלץ געפיהלט, ווי ס׳פיהלט זיך היימיש ביי אַ היימישען קריסט אַ איד, ווען ביים קריסט קומט עפּעס פאַר אַ קריסטליכע צערעמאָניע. זיי האָבען דאָ ערשט ביידע דערפיהלט, ווי ווייט ביידע זיינען פון קריסטענטום, כאָטש זיי זיינען קיינמאָל קיין אידען ניט געווען... דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז געווען דאָס, וואָס פאַר דער צייט, ווען די צערעמאָניע איז פאָרגעקומען, האָט זיך ביים טאַטען פון קינד, ביים „בעל־ברית״, אַוועקגעשטעלט אין זיין אינערליכען זעהונגס נערוו אַ פּאָר אידישע אותיות, וואָס אַמאָל־אַמאָל האָט איהם אין זיינע פריהסטע קינדערשע יאָהרען עפּעס אימיצער פון דער משפחה געוויזען... די בוכשטאַבען זיינען שוין לאַנג־לאַנג פאַרשוואונדען און איצט זיינען זיי גאָר פּלוצלינג ארויסגעשוואומען אין זיין זכרון... יאָ, ער האָט איצט אויך ניט געוואוסט, צו וואָס פאַר אַ קלאַנגען די בוכשטאַבען באַלאַנגען, אָבער געוואוסט האָט ער, אַז זיי באַלאַנגען צו דער העברעאישער שריפט... זיי האָבען אַלע מאָל אויפגעבליצט און זיך אויסגעלאָ־שען, ווי דאָרטען ערגעץ טיף אין איהם באַהאַלטען וואָלט ווער

געוואָלט פאַר איהם אנאָנסירען, אַז ערגעץ אין איהם ליגט אַ שטיקעל אידישקייט באַהאַלטען, וואָס ער אַליין ווייסט נ‏יט, אַז אַזעלכעס איז ביי איהם דאָ...

ביי דער סעודה, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרען נאָך דער שמד־צערעמאָניע לכבוד דעם שמד און לכבוד דעם הייליגען פּאַטער, וואָס האָט דאָס קינד געטויפט, האָט דער גייסטליכער, כטוב לבו ביין, זיך צורעדט מיט'ן „בעל־ברית" וועגען אידישע רעליגיעזע ענינים, געפרעגט ביי איהם, צי איז ער באַקאַנט מיט דער ביבעל און צי קען ער העברעאיש, און דאָ גלייך האָט זיך דער הייליגער פּאַטער באַוויזען מיט זיינע גרויסע אידישען קענטנישען, האָט אָנגעהויבען צו שיטען מיט גאַנצע פּסוקים פון העברעאישען טעקסט און יעדער וואָרט אַרויסגערעדט מיט אַן עכט ספרד'ישען אַקצענט: בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ.

אָפּגעזאָגט דעם פּסוק, האָט ער גלייך אָנגעכאַפּט אַ צווייטען פּסוק פון אַן אַנדער סדרה און פון אַן אַנדער חומש: ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם.

בקיצור, ס'איז געווען אַ טיש מיט תורה. ביי אַ אידען, וואָס האָט נאָר־וואָס געלאָזט אָפּ'שמד'ען דאָס קינד זיינס, און די אידישע טאַטע־מאַמע האָבען ניט געוואוסט, ווי צו רעאַגירען אויף דעם, צי באַדאַרפען זיי זיך פיהלען באַליידיגט אויף דעם הייליגען, צי... איין זאַך איז פאַר זיי קלאָר געווען, אַז דער קסיאַנדז האָלט זיי פאַר אידען, ניט קוקענדיג אפילו אויף דעם, וואָס זיי האָבען מיט זייער גוטען ווילען געלאָזט אָפּ'שמד'ען דאָס קינד זייערס... זיכער, אַנדערש וואָלט ער מיט זיי וועגען דער ביבעל ניט גערעדט און וואָלט זיך ניט ערלויבט צו ברענגען פון דאָרטען אומפאַר־שטענדליכע ווערטער...

פאַר דער גוי'אישער אַם און פאַר איהר גוי'אישען שכל איז די גאַנצע מעשה געווען אומפאַרשטענדליך: זי האָט ניט פאַר־שטאַנען פאַרוואָס האָבען די אידישע טאַטע־מאַמע אָפּגעטויפט דאָס קינד און אַליין געבליבען אידען? אויב איהר פּאַני און איהר פּאַן אַנערקענען (מיט דעם וואָס זיי האָבען געלאָזט טויפען דאָס

קינד), אַז די קאַטוילישע אמונה איז גוט — טאָ פאַרוואָס טויפען זיי זיך אַליין אויך ניט אָפּ? אַז זיי טוען דאָס ניט, באַווייזט עס, אַז זיי האַלטען ניט פון דעם קאַטוילישען גלויבען, און אַז זיי האַלטען ניט, טאָ צוליב וועלכען צוועק האָבען זיי גענומען דאָס קינד זייערס פאַר אַ קאַטאָליק?... האָבען זיי דערביי זיכער עפּעס אַ נאָהאַלטענע כונה... ווינציג האָט זי זיך אָנגעהערט צווישען איהריגע וועגען די זשידעס?... זיי זיינען אויף אַלץ פעהיג, זיי שטעלען זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך. אַלע טריפה זאַכען וואָס ביי זיי, די זשידעס, איז טריפה, ווערט כשר ווען זיי דאַרפען דערגרייכען אַ געוויסע זאַך... זי האָט שוין אין די הויכע פּוילישע הייזער, וואו זי איז געווען, געהערט, אַז ס'זיינען פאַראַן זשידעס וואָס שטעלען זיך אַפילו ניט אָפּ פאַר שמד, ווערען קאַטאָליקען, רייסען זיך אריין אין זייער גלויבען, אין זייער פאָלק, כדי שאַדען צו ברענגען זייער גלויבען און זייער, דאָס פּוילישע, פאָלק... דאָ האָט עס אויך געמוזט געטאָן ווערען מיט עפּעס אַזאַ ציל... ווי דען אַנדערש, צוליב וואָס נעמען דאָס פּלוצים טאַטע־מאַמע און פרעמדען אָפּ פון זיך זייער אייגען בלוט און פלייש, איבערגעבענדיג פרייוויליג: דאָס קינד זייערס אין די הענד פון אַ פרעמדער אמונה... זי איז זיכער געווען, אַז די מוטער קען ניט ליב האָבען דאָס קינד איהרס. ווייל נאָך איהר, נאָך דער אָמ'ס פאַרשטאַנד נאָך, דאַרף איהר, דער מוטער, פרעמד זיין דאָס קינד, אָט פונקט אַ שטייגער ווי איהר איז פרעמד אַ זשידאָווסקע קינד... ס'איז אַ זיכערע זאַך געווען ביי איהר, אַז די מוטער האָט מקריב געווען איהר קינד צוליב עפּעס אַ וויכטיגער אידישער זאַך... און ווען די מוטער איז צוגעגאַנגען צום קינד, האָט זיך אין דער אָם אָנגעצונדען דאָס טריפה'נע בלוט וואָס פליסט אין איהר פון דור דורות, זי האָט ניט געקענט ליידען; ווען די מוטער פין קינד האָט אָנגעריהרט דאָס קינד און דאָס געצערטעלט. זי איז זיכער געווען, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי אַן אָנשטעל, אַז דאָס טוט זי נאָר צוליב דעם, כדי די אָם זאָל מיינען, אַז די מאַמע האָט ליב דאָס קינד, און איינמאָל האָט זי ניט אויסגעהאַלטען און איהר געזאָגט:

— פאַני ניע קאַכא סוואַיע דיעטסקאַ!...

און ווען די מוטער פון קינד האָט אַ פאַרוואונדערטע געפרעגט פאַרוואָס זי מיינט עס אַזוי, האָט יענע רציחה'דיג געשוויגען.

מיט וואָס פאַר אַ ציל דאָס זאָל ניט האָבען געטאָן געווען, ס'הייסט אָט דאָס אָפּטויפען דאָס קינד, האָט זיך אַלענפאַלס די אָם געפיהלט איבער'ן קינד פאַר מעהר מאַמע ווי די אמת'ע מאַמע. ווייל דאָס קינד באַלאַנגט צו איהר אמונה און ווייל זי האָט זיך גערעכענט פאַר דער טויף־מוטער, איז דערפאַר האָט זי ווי ווייט מעגליך איגנאָרירט די אמת'ע מוטער פון קינד, און אויף וויפיל ס'איז מעגליך געווען צו האַלטען דאָס קינד ווייט פון דער מאַמע, האָט זי דאָס געטאָן, און דערצו נאָך אַזוי ווי ביי איהר אַליין האָט זיך קיין קינדער ניט געהאַלטען, אַזוי ווי זי האָט גרינג געהאט אַ קינד, אַזוי גרינג איז דאָס פון איהר אַוועק, אמאָל די ערשטע וואָך, לענגער — אין אַ חודש ארום, און דאָס לענגסטע — דריי מאָנאַטען, עפּעס אַזוי ווי די נאַטור וואָלט עס בכיון געטאָן, אַז ווייל אַן אָם ניט האָבענדיג קיין קינדער, קען דאָך קיין אָם ניט זיין, און ווידער ווייל אַן אָם קען דאָך ביי יענעם קיין אָם ניט זיין, ווען זי האָט איהר אייגען קינד צו זויגען, אַז דערפאַר האָבען איהר גאָט און גאָט'ס זוהן און גאָט'ס מאַמע, — זיי אַלע דריי געמאַכט אַזוי, אַז אי זי זאָל האָבען קינדער, אי זי זאָל די קינדער פאַרלירען, כדי זי זאָל קאָנען זיין דאָס, וואָס איהר איז באַשטימט געווען פון דער נאַטור צו זיין; איז דערפאַר האָט זי אין איהרע מוטערליכע שטיל־קייטען דאָס געמיינט צו פאַררעכענען פאַר איהר קינד און דאָס רעכט דאָס פאַר איהר'ס צו פאַררעכענען האָט איהר געגעבען נאָך דעם, וואָס דאָס קינד איז אַ אידיש. און דאָס קינד איז געטויפט. דאָס האָט געמיינט אַזוי: אַזוי ווי די אמת'ע מוטער פונ'ם קינד האָט מיט איהר אייגענעם ווילען איהר קינד אָפּגעפרעמדט פון זיך, איבערגעבענדיג דאָס אונטער'ן שוץ פון אַ פרעמדער אמונה, איז דאָס במילא איהר'ס און דערפאַר, ווייל זי האָט עס געהאט פאַר־רעכענט פאַר איהר'ס, איז זי דערפאַר געווען אייפערזיכטיג אויף דער אמת'ער מוטער פון קינד.

ס׳איז אַוועק איין חודש און אַ צווייטער און די אַם האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר איינגעלעבט מיט׳ן קינד, אַז דאָס קינד איז איהר׳ס, אָבער ווען ס׳איז צוגעקומען צו דעם, ווען זי האָט געוואָלט רעאַליזירען דעם געדאַנק, ווען זי האָט זיך געוואָלט קלאָר מאַכען ווי אַזוי אַזעלכעס קען פאַרווירקליכט ווערען, איז איהר מוח פאַר־האַקט געוואָרען: טאַקע ווי אַזוי?... גוט, זי וועט עס קענען פאַר־רעכענען פאַר איהר קינד אַזוי לאַנג ווי זי וועט דאָ זיין אין דער שטוב, אַזוי לאַנג הייסט עס, ביז דאָס קינד וועט זיך נויטיגען אין אַן אַם, און וואָס וועט זיין נאָכדעם, ווען מ׳וועט איהר הייסען געהן?

איז דאָס, וואָס זי האָט ביז אָהער שוין פיל מאָל מוחל געווען אַזוי פיל מאָל וויפיל קינדער זי האָט שוין אויסגעזויגען, האָט זי דאָ ניט געקענט מוחל זיין... ס׳איז אַלע מאָל עפּעס פאַרדריסיג און וועהטאָגדיג, וואָס אויסהאָדעווענדיג מיט איהר ברוסט אַ גע־זונטען כלאָפּאַק, מוז זי דערנאָך אָט־דעם פון איהר אויסגעהאָדע־וועטען כלאָפּאַק אַוועקוואַרפען און געהן זיך זוכען אַ ניי אָרט און אַן אַנדער קינד צו האָדעווען, פּונקט ווי אין יעדער מוטער ליגט אַ שטיק אַם, אַזוי ליגט אין יעדער אַם אַ שטיק מוטער, און ס׳טוט איטליכעס מאָל באַנג ביי יעדעס מאָל, וואָס מ׳באַדאַרף פאַרלאָזען אַ קינד, וואָס איז פון איהר ברוסט אויסגעהאָדעוועט געוואָרען. אָבער דאָס איז איינע פון יענע אינטימע געפיהלען, וואָס מוזען אין זיך פאַרשטיקט ווערען, ווייל ס׳איז אַזוי און ס׳קען דאָך אַנדערש ניט זיין. ס׳איז איינע פון יענע אינטימע געפיהלען, וואָס לאָזען זיך אַפילו ניט באַטראַכטען און אַנאַליזירען. דאָ אָבער האָט עס אויסגעזעהן גאַנץ אַנדערש. דאָ, האָט זי געמיינט, האָט זי טאַקע די אמת׳ע רעכטען אויפ׳ן קינד און נאָך אַלעמען, נאָך אַלע רעכטען וואָס זי האָט אויף דעם, וועט זי דאָך מוזען, ווען די צייט וועט קומען, דאָס קינד פאַרלאָזען און... דער עיקר דאָס, וואָס זי וועט לאָזען „דעם קאַטאָליק” אין דער אידישער הויז ביי אידישע על־טערען... וואָס פאַר אַ קאַטאָליק קען דאָס אויסוואַקסען אין אַ אידישער שטוב, אַ?... דערפאַר אַליין טאָר זי דאָס קינד ניט

לאָזען דאָ... איז וואָס קען זי טאָן? אנטלויפען מיט'ן קינד? זי וואָלט עס זיכער געטאָן, איז וואו וועט זי זיך עס אויסבאהאַלטען מיטן' קינד, מ'וועט זי דאָך זיכער געפינען... טויג עס דאָך ניט. און אָפּזיין די צייט דאָ און לאָזען דאָס קינד וואָס באַלאַנגט צו דער קאַטוילישער אמונה אין אידישע הענט, טויג דאָך אויך ניט, און באַזונדערס טויג עס ניט דערפאַר, ווייל די אידען וועלען אָט־דעם קאַטאָליק (נאָר אָפּיציעל, וואָס וועט זיכער אויפגעצויגען ווערען אַלס געטרייער זשיד) אויסנוצען פאַר זייערע צילען... ווער ווייסט וואָס די זשידעס האָבען דאָ פאַרטראַכט? ווער ווייסט, וואָס אַזאַ קאַטאָליק (וואָס וועט אין אמת'ן זיין אַ זשיד) וואָס פאַר אומגליקען ער קען ברענגען איהר פאָלק און דעם פאָלק'ס אמונה... אויב אַזוי איז דאָך גלייכער... און נעמען דאָס קינד און אַנטלויפען מיט דעם, קען זי ניט און לאָזען דאָס דאָ (ווען די צייט וועט קומען) קען זי ווידער ניט... איז דאָך גלייכער...

אַ סך באַדאַרף אַזאַ קינד. מיט אַ ליאַדע קלייניגקייט קען מען עס פאַרטיג מאַכען. עס איז אָפּילו ניט נויטיג צו באַנוצען מערדערישע מיטלען אַזאַ עופה'לע אומצוברייננגען... מיט אַ שפּאַס, מיט אַ קלענסטער קלייניגקייט, קען מען מאַכען, אַז אָט־דאָס ברעקעל נפש'ל זאָל אויפהערען צו אָטעמען און ס'זאָל גאָר קיינעם ניט איינפאַלען, אַז דאָ איז אַ מאָרד באַגאַנגען געוואָרען.

דאָס ערשטע מאָל ווען איהר איז אַזאַ געדאַנק איינגעפאַלען, איז זי געפאַלען אויף די קני און זיך לאַנג גע'צלמ'ט מיט אַ שטום געבעט און מיט אויגען פאַררייסענע צו דער הייליגער מוטער און צום הייליגען קינד, וואָס די הייליגע מוטער האָט אויף איהרע צאַרטע לויטערע הענט געהאַלטען און די הייליגקייט פון מוטער און קינד איז געווען באַלויכטען מיט אַ רויטער שיין פון רויטען „נר תמיד", וואַקלענדיג און הויבענדיג פאַר זיך די צוויי הייליגע פּנים'ער. די אַם האָט לאַנג שטיל מתפלל געווען אויף שטום־לשון מיט זיכערקייט, אַז די הייליגע מוטער ווייסט איהר האַרץ און ווייסט, אַז זי איז ניט קיין מערדערין און אַז אויב זי וועט עס

יאָ זיין איז ווייסט די היילינע מוטער און דער היילינער זוהן איה־רער, צוליב וואָס זי וועט עס טאָן.

* * *

דאָס קינד איז געשלאָפען. די גוי'ע האָט ניט מיט דער גע־וואוינהייט, ווי זי איז געוואוינט ארויסצוואוארפען א ברוסט פאר א קינד, נאָר עפּעס מיט א נייע געפיהל, מיט א געפיהל פון ליידענ־שאַפט, ווי זי וואָלט זיך געקליבען די ברוסט א געליבטען צו באַ־ווייזען, מיט אַזאַ געפיהל האָט זי די ברוסט פון איהר בוזים ארויס־געוואָרפען און זי ארומגענומען מיטביידע הענט, האָט זי ווידער דערפיהלט עפּעס עהנליכעס אויף דעם, ווי פרעמדע הענט וואָלטען איהר ברוסט ארומגענומען... זי האָט ארומנעמענדיג מיט איהרע אייגענע הענט איהר אייגענע ברוסט עפּעס א מין ליידענשאַפט דער־שפּירט א דאנק דעם, וואָס זי האָט זיך דאָ געקליבען צו טאָן א נייע זאַך מיט אָט דער ברוסט, און אָט די ליידענשאַפט איז געווען דורכגעוועבט מיט א מיסטעריעז־רעליגיעזען עקסטאַז... זי האָט מיט'ן ראָזעווען שפּיצעל אַנגעריהרט דעם קינד'ס ליפּעלאַך און דאָס קינד האָט דאָס מיילכעל געעפענט און אריינגענומען אין מיילכעל דאָס ראָזעווע שפּיצעל און דורכ'ן שלאָף זיך פארנומען צו סמאָקען. די אַם האָט דריי מאָל איבערגע'צלמ'ט דאָס קינד איבער'ן שטע־רענדעל און האָט ביידע הענט א דריק געטאָן די ברוסט און דאָס פּיצעל קינד האָט זיך גלייך פארכלינעט און דאָס מיילכעל צו־עפּענט. די אַם האָט דאָ גלייך א צווייטען דריק געטאָן די ברוסט און דאָס קינד האָט אָנגעהויבען צו הוסטען און זיך ווארגען מיט דעם שטאַרקען שטראָם מילך, וואָס ס'האָט געשפּריצט גלייך אין העלזעל אריין. דאָס גאַנצע פּנימ'ל איז רויט געוואָרען און די אויגעלאַך האָבען זיך אויסגעקייקעלט גרויס, נאַס און גלאַנציג, און איינצייטיג ווי אָט דער גאָטס־פאָרכטיגער אויסוואורף האָט דעם קינד אין העלזעל אריינגעשפּריצט דעם פאָנטאַן מילך, האָט פון קינד'ס מיילכעל און פון נעזעל געשפּריצט און געפּאַרשקעט מיט ווארגעניש און הוסטעניש אויף צוריק און אינסטינקטיוו האָט זיך

גערדרעהט דאָס קעפּעל אַהער, דאָס קעפּעל אַהין, וועלענדיג אויס־מיידען דעם וואַרעמען שטראָם מילך, וואָס האָט דעם קינד גע־שפּריצט גלייך אין העלזעל אַריין און אָפּטער און אָפּטער דעם אָטעם פאַרלאָרען...

אויף אַזאַ אופן, מיט אַזאַ אָריגינעלען טויט, איז אומגעקומען דאָס געטויפטע קינד, וואָס די עלטערען האָבען געוואָלט באַוואָרע־נען, אַז ס'זאָל פון זיין אידישקייט ניט ליידען און אַליין געהאָפּט מיט דער צייט, ווען דאָס קינד זייער וועט אויסוואַקסען, זיך פאַר־בינדען מיט דער קריסטליכער וועלט... יאָ, זיי האָבען זיך טאַקע פאַרבונדען מיט דער קריסטליכער וועלט, אָבער נאָר מיט דער טויטער קריסטליכער וועלט, מיט'ן קאַטוילישען בית־עולם, וואו דאָס קינד זייערס איז באַגראָבען געוואָרען, האָבען זיי זיך אויף אייביג פאַרבונדען... דעם איינציגען „נחת", וואָס די אידישע מאַמע האָט געהאַט פון איהר קריסטליך קינד איז געווען, ווען זי און דער מאַן זיינען נאָכגעגאַנגען נאָכ'ן קאַטאַפאַלק מיט'ן צלם פון אויבען און וואָס פאַראויס איז געגאַנגען אַ קסיאָנדז אין אַ ווייסען קיטעל און געטראָגען אין האַנט פאַראויס פאַר דער ברוסט אַ גאָלדענעם שאַרף־קאַנטיגען צלם... זי האָט טיף אין זיך איינגעקוואָלען פון דעם, וואָס קיין מוטער־מענש וועט ניט איינפאַלען, אַז זי מיט'ן מאַן באַלאַנגען צום אידישען פאָלק (אָדער צו אידען־פאָליאַקען פון משה רבינו'ס גלויבען) און אין דעם האָט זי אַ שטיקעל טרייסט געפונען, אין דעם אומגעריכטען טויט פון איהר פיצעל קינד...

# דער טויט פון אן אַסימילאַטאָר.

איבער דער גאַנצער גרויס פון שטוב, איבער אַלע רייך־מעבלירטע צימערען האָבען זיך ארומגעדרעהט אייגענע און פרעמדע מענשען און מיט אומגעדולד געוואַרט אויפ׳ן מאָמענט פון שאַרפער איבערלעבונג, פון זעהר אַ וויכטיגען מאָמענט וואָס איינער אַ מענש וואָס הייסט בערנאַרד קאַמשינסקי דאַרף זיך אריבערטראָגען פון איין וועלט אין דער צווייטער. פון די מענשען, וואָס האָבען זיך צונויפגעקליבען צו בערנאַרד קאַמשינסקי זיינען דער גרעסטער טייל געווען רייכע מענשען, צווישען זיי אפילו אַ פּאָר מאַגנאַטען, וואָס לעבען אַזאַ ברייט־בכבוד׳יג לעבען ווי דער וואָס קלייבט זיך איצט אַוועקצושטאַרבען.

ס׳איז געווען פיל מענשען און אָנגעפּוישט איז די שטוב געווען מיט שטילקייט, מיט יענער אויסערגעוועהנליכער שטילקייט, וואָס פיל מענשען באַווייזען צו שאַפען ארום זיך אין אַזאַ וויכטיגען מאָמענט. מ׳האָט שטיל גערעדט, שטיל געהוסט און שטיל אַ נאָז געשנייצט. יעדער איינער מיט אָנגעוואָרפענער אויף זיך באַשיידענקייט און טיפען ערנסט גלייך ווי דאָס שטאַרבען פון בערנאַרד קאַמשינסקי וואָלט אויך געווען אַזוי אויסער־געוועהנליך ווי דאָס לעבען זיינס, גלייך ווי נאָר ער וואָלט אַזעל־כעס געקענט באַווייזען ווי נעמען און געהן שטאַרבען, ווי דער מלאך־המות וואָס שוועבט דאָ ערגעץ ארום אין שטוב וואָלט גע־ווען אַן אַנדערער, ניט דערזעלבער וואָס נעמט ביי אַלע מענשען צו די נשמות, און גלייך ווי דאָ וואָלט ער זיך געהאַלטען פיל אנשטענדיגער און ניט געשראָקען אַזוי דעם עולם ווי ער גלייכט עס צו טאָן אין אַנדערע הייזער, ביי פּראָסטע מענשען. דער

דרך־ארץ צו דער שטוב און צום בעל־הבית פון שטוב איז פאַר־טיפט געוואָרען און נאָך מעהר אין זיך אריין, פאַרטיפט דעם אייגענעם האָנאָר. קיינער איז ביי זיך ניט געפאַלען, כאָטש מ'האָט געזעהן פאַר זיך דעם סוף פון דעם מענשען. ניט פאַר־לוירען די אכטונג צו זיך און ניט איינער צום צווייטען ווי אַלע מאָל און ווי אין אַנדערע צייטען, וואו און ווען מ'זעהט זיך און מ'טרעפט זיך. עפּעס אפילו, דאכט זיך, נאָך שטאָלצער געוואָרען ביי זיך. ווי יעדער איינער וואָלט געוואָלט באַווייזען, אַז נאָר ער איז ראוי צו זיין דערביי ווי בערנאַרד קאַמשינסקי שטאַרבט אוועק און יעדער איינער פון זיי, איינער מעהר, איינער וויי־ציגער, האָט שוין ארויסגעקוקט אויף דעם מאָמענט, ארויסגעקוקט אויף עפּעס איינעם אַ מענשען, וואָס קיינער קען ניט און דער מענש וועט ארויסגעהן „פון דאָרטען", אריינגעהן צו זיי און מיט־טיילען:

— שוין !...

ווייל יעדער איינער האָט זיך שוין געהאַט עטליכע ווערטער צוגעגרייט וואָס צו זאָגען דער פאַמיליע פונ'ם פאַרשטאָרבענעם, האָט מען קיין געדולד ניט געהאַט מיט די ווערטער...

פריי, אָהן דער אויפזיכט פון די שטוב־מענשען, האָט זיך יעדער געהאַלטען. ווער ס'האָט געוואָלט, איז געזעסען, ווער ס'איז געשטאַנען און ועמען ס'האָט זיך געגלוסט ארומצושפּאַ־צירן מיט שפּאַציר־טריט אויף די פּלושענע טעפּיכער, וואָס האָבען איינגעשלונגען אין זייער ווייכקייט האַרטע, שווערע טריט פון מענשען אויסגעגעסענע און אָנגעפילטע... אַלע, סיי די מענער, סיי די דאַמען, זיינען געווען יום־טוב'דיג אויסגעפּוצט, די מענער גלאַט געראַזירט מיט ריינע באַקען, קענטיג נאָר־וואָס פון פּאַריק־מאַכער. ס'האָט פון יעדענם האַלז אראָפּגעשעמערירט דער ווייַ־סער קאָלנער און פון די הענט אראָפּ ווייסע ביינעריג־שטייפע מאַנקעטען, אומות־עולמ'דיג... און אָהן היטלען. ס'האָבען זיך געוואָרפען אין די אויגען אריין זקנים מיט הוילע גלאַנציגע שאַר־בענס, וואָס האָבען אָפּגעשפּיגעלט אין זיך די פענסטער. אַ פּאָר

אלטע לייט האבען געטראגען בערד אלא פראנץ־יאזעף, אויסגע־ראזירט אין דער מיטען און דאס מיטעלדיג שטיקעל גאמבע גלאט, פריש, נאר־וואס אויסגעגאלט, האט דערמאנט אן א גענזען אפגע־פליקט אחור'ל...

אידען, נאר ס'איז שוין שווער געווען צו דערקענען, אז דאס זיינען אידען; צעהנדליגער יאהרען אסימילירטע, ווייט פון אידען און אידישקייט, וואס האבען איינגאנצען איבערגענומען די אומות־עולם'דיגע מנהגים; וואו ביי וועמען ס'האט זיך נאך דורכגע־זוארפען א פאר אידישע אויגען, וואס האבען ארויסגעקוקט מיט זייער אידישען אויסבליק און גלאנץ פון א פארקריסטליכט פנים ארויס... ס'האבען זיך דורכגעווארפען אפילו אזעלכע אידישע אויגען, וואס האבען כמעט ווי אידיש גערעדט.

צווישען די געסט, געבעטענע און אומגעבעטענע, אזעלכע, הייסט עס, וועמען ס'איז קנאפ אנגעגאנגען דער קאמשינקי, וואס געפינט זיך ערגעץ דארט צווישען לעבען און טויט, אזעלכע, הייסט עס, וואס האבען געוואלט אויסנוצען דעם מאמענט און ווערען א מקורב ביי איהם אין שטוב. צו די און יענע אין איינעם און א צווייטער צימער האט זיך פון צייט צו צייט ארייגעוויזען די פאני קאמשינסקא, א הויכע, שטאלצע, זעכציג יעהריגע פרוי, מיט א ווייסען קאפ האר אנגעשטעקט און ארומגעשטעקט מיט קאמען און קעמלאך, דאס געזיכט ראז און לויטער מיט טרוקענע אויגען און אין גאנצען שטרענג אריסטאקראטיש מיט איהרע מאניערען און אין אנטאן. דער אויבערשטער העלפט קערפער אויסגעקארסעוועט און מיט א שווערליכען הארטען טריט, מיט יענעם טריט, וואס פרויען באקומען אויף דער עלטער, עהנליך אויף א מאנסבילשען, איז זי צוגעגאנגען צו איינעם און א צווייטען, צו יענע, וואס זיינען איהר אנטקעגען געקומען ווען זי איז אריינגעגאנגען און מיט מע־כאנישער געוואוינהייט אויסגעשטרעקט די האנט, וואס דער איינער און א צווייטער האט זי געכאפט מיט ביידע הענט, זיך צוגעבויגען, אויסגעבויגען האלב־רונד און געקושט אין דער האנט אריין און אויסגעגלייכט זיך, פארקוקט איהר אין די אויגען, געוואלט עפעס

זאָגען, אָבער דערקענט, אַז דאָס וואָס ער האָט צוגעגרייט צו זאָגען, איז נאָך צו פריה צו זאָגען, האָט דער פריינד און דער באַגריסער אַ צווייטען מאָל אַ דריק געטאָן די האַנט, ווי ער וואָלט איהר דער־מיט געוואָלט געבען צו פאַרשטעהן, פאַרוואָס ער שווייגט, און צו־פרידען געווען, וואָס ער ווערט אין אַזאַ מאָמענט באַוויליגט מיט איהר אויפמערקזאַמקייט און שוין געקוקט אויף איהר ווי אויף אַן אַלמנה, אָבער נאָך פונדעסטוועגען עפּעס נאָך מיט אַ שטיקעל אָטעם פון אַ מאַן, וואָס ליגט ערגעץ דאָרטען אין זיין שלאָף־צימער און צעהלט די לעצטע מינוטען זיינע.

אין גרויסען ביבליאָטעק־צימער, צווישען שאַפעס ברייטע ווי די ווענט, געגלאָזטע מיט'ן טייערען דיקען געשליפענעם שפּיגעל־גלאָז, פון וואַנען עס האָבען אַרויסגעקוקט לעדערנע רוקענס פון ביכער מיט גאָלדענע בוכשטאַבען, דאָרטען אין יענעם צימער, אויף פאַרשיידענע פעל פון פאַרשיידענע חיות, זיינען געשטאַנען אַלע צוזאַמען דאָס גע'שמד'טע געזינד זיינס, דעם אַסימיליאַטאָר'ס אַ זוהן מיט אַ טאָכטער, געוועזענע אידען, און אַן אײדעם מיט אַ שנור, געבוירענע קאַטאָליקען, און נאָך אַ טעכטערעל נאָך ניט קיין גע'שמד'טס, נאָר וואָס האָט שוין אַ חתן אַ קאַטאָליק, נאָך ניט אָפיציעל, אָבער וואָס אַלע ווייסען שוין, אַז ס'איז אַ חתן און וואָס ווארט שוין, זי, די כלה, מיט'ן שמד, ביז דער חתונה. דער זוהן, דאָס עלטסטע קינד, איז שוין אַזוי לאַנג גע'שמד'ט, אַז ער האָט שוין גאָר פאַרגעסען, אַז ער איז אַ גע'שמד'טער, נאָר וואָס האָט זיך נאָר איצט דערמאָנט,, אַ דאַנק דעם, וואָס ער מיט דער שוועסטער, מיט דער ווייב און מיט'ן אײדעם זיינען זיך איצט צונויפגעקומען איבער צוויי זעהר וויכטיגע מאָמענטען. איין מאָל צוליב דעם טויט פון זייער פאָטער און צוליב דעם, וואָס מען האָט איהם גע־וואָלט אָפּ'שמד'ען פאַר'ן טויט. די טאָכטער, אַ גרויסע מרשעת, מעהר פּאָליאַטשקע און אַ גרעסערע אַנטיסעמיטקע ווי די שוועגע־רין, די געבוירענע קאַטאָליקין, האָט באַוויזען, אַליין ניט פּיהלענדיג, אידישע אומגעדולד צו דעם, צוליב וואָס זי איז אַהער געקומען. דער מאַן איהרער, אַ הויכער פּאָליאַק, מיט גלאַטע פלאַקסענע האָר

פּאַרקעמט און גלאַט און גלאַנציג צוטיילט מיט אַ שרינט, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגען פון שטערען ביז דער פּאַטילניצע, איז מיט אַלע זיינע מאַניערען ווי אויסען געווען צו באַווייזען, אַז ער איז אײדעל, אַז ער איז אַ געבוירענער קאַטאָליק און געבוירענער פּריץ. אין זיינע גרויע אויגען און זיינע געשלאָסענע דינע ליפּען און אין דער גאַנצער מאַגערער בלאַסקייט פון זיין געזיכט איז געווען צו זעהן, אַז ער איז אַ קלוגער באַוואוסטזיניגער אַנטיסעמיט, און דאָך פּאַרט אַלס גוי מיט אַ גוי'אישען קאָפּ געמיינט, אַז מען באַדאַרף עס ניט און אַז ס'איז ניט טאַקטיש דאָס אַרויסצואווייזען דאָ... און נאָך איינער אַ מענש איז געווען אַ פּרעמדער, די וויכטיגסטע פּער־זאָן צווישען זיי, וואָס די אייגענע האָבען זי, די פּערזאָן, מיט זיך געבראַכט. אַ מענש אַ ריז, מיט אַ קליין קעפּעל און גרויסע פּיס. פון די אַקסעל ביז די פּיאַטעס איז דער מענשען־ריז געווען גע־הילט אין אַ שוואַרצען ברייטען פּריסטערישען מאַנטעל, גלאַט גע־ראַזירט, קאָפּ און פּנים אָרום און אָרום גלאַט ווי אַ „טאַיקאַטש", מיט שפּיציגע, שאַרפע, גרויע אויגעלאַך, אַ רוימישע נאָז און האָט אָרום און אָרום, איינגאַנצען פון זיך געגעבען אַן אויסזעהן ווי אַ פּאַרצייטיגער אינקוויזיטאָר פון יענע, וואָס האָבען געוואָרפען אי־דען אויף די ברענענדע שייטערהויפענס, געהאַלטען זיך מעהר באַ־זונדער ווי צוזאַמען פון די, וואָס האָבען איהם אהערצו געבראַכט מיט גרויסקייט און ברייטקייט פון זיין אַמט פון דער גרויסער און הייליגער מיסיע, וואָס ער איז געקומען אהער אויסצופיהרען, צו מתקן זיין פאַר'ן יציאת נשמה די עלענדע נשמה פון אַ אידען און זי אַריינברענגען אין די הייליגע היכלים פון קאַטוילישען גלויבען.

די אייגענע, דעם אַסימיליאַטר'ס קינדער, האָבען געוואָלט אָפּ־שמד'ען דעם טאַטען ניט אַזוי צוליב פרומקייט ,ווי צוליב באַקוועמ־ליכקייט... געוואוסט אויף פריהער, אַז זיי קאָן דאָ אויסקומען זיך צוזאַמענשטויסען מיט אידען, מיט אידישע צערעמאָניעס און דער־נאָך דאָס נאָכגעהן נאָך אַ אידישען קאַטאַפאַלק און באַגלייטען איהם צום אידישען „צמענטאַזש", דערצו (פּאַרט קינדער) ניט געוואָלט דער פאָטער זאָל נאָכ'ן טויט איינגאַנצען פון זיי אָפּגעריסען ווערען,

מיט דעם וואָס ער וועט ליגען אויף אַ אידישען בית־עולם, און זיי וועלען איבער אומבאַקוועמליכקייט ניט האָבען די מעגליכקייט צו באַזוכען דעם קבר זיינעם.

צו דער אַרבייט האָט מען זיך שוין געגרייט אַזוי לאַנג ווי דער שטאַרבענדער איז קראַנק געוואָרען. אַזוי לאַנג הייסט עס, ווי עס איז געוואָרען פעסט באַשטימט, אַז ער וועט שוין פון דער קרענק ניט אויפשטעהן. מען האָט נעבען איהם אַוועקגעזעצט צוויי בתולות, הייליגע באַרעמהערציגע שוועסטער, וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרען פון „האָספּיטאַל שוויענטעגאָ דוכאַ". זיינען זיי געזעסען נעבען איהם, די הייליגע בתולות, איינע אַ 50 יעהריגע, ביינאַכט, און אַ צווייטע, אַ העלפט יאָהרען פון דער ערשטער, מיט אַ פרישטשע־וואַטען פנים, איז געזעסען נעבען חולה בייטאָג, און ביידע, די ביי־טאָג און די ביינאַכט, האָבען מעהר אין זינען געהאַט די נשמה זיינע ווי דעם קערפּער, האָבען געהאַלטען אין איין אַריינזאָגען און אַריינזינגען אין איהם הייליגע תפילות מיט'ן קול און מיט'ן נוסח, וואָס האָט דערמאָנט אין מיטעל־אַלטער, מיט אַזעלכע דינינקע, צאַר־טינקע קול'כעלאַך, עפּעס האַלב זינגענדיג, האַלב וויינענדיג, מיט פרומע מאַרטירישע פּנים'ער און מיט אויגען פאַרגלאָצטע. און תפילה האָבען ביידע געטאָן, איינע בייטאָג און איינע ביינאַכט, ניט פאַר זיין געזונט, נאָר פאַר זיין נשמה, פאַר זיין זינדיגער אידישער נשמה, וואָס טראָגט אויף זיך זייט הונדערטער יאָהרען לאַנג דעם שוואַרצען זינדיגען שטעמפּעל פון קרייציגונג און וואָס אַזאַ נשמה קאָן קיינמאָל ניט געלייטערט ווערען, סיידען נאָר דעמאָלט, ווען זי קערט זיך צוריק אום צום געקרייצטען, צום הייליגען יעזוס קריסטוס.

אַזוי אַריינגעזונגען טאָג און נאַכט אָט די אויסגע'חזר'טע תפילות מיט קול'כעלאַך דינינקע, צאַרטינקע, האַלב־וויינענדיגע, האַלב־זינגענדיגע און אין זיך — מיט הערצער האַרטע און טריפה'נע וואָס האָבען געהאַסט אָט דעם אידען, סיי דעם קערפּער זיינעם, סיי די נשמה זיינע.

זיינען זיי איצט אין צווייען געזעסען, ביידע הייליגע בתולות,

פאַר יציאת נשמה האָבעןביידע געוואָלט זיצען. ביידע האָבען געוואָלט זיין ביים גרויסען ערהאבענעם מאָמענט, און אויף זיי האָט מען עס דאָרטען אין יענעם צימער געוואָרט, און זיי דאָ זיינען שוין געוואָרען אומגעדולדיג.. ער פגר'ט שוין באַלד אוועק און זיי האָבען נאָך אַלץ ניט געוואוסט, ווי זיי האַלטען מיט איהם.

---

ס'איז אריינגעקומען אויף אַ קוק צו געבען אויף איהם און אויף ארויסצוגעהן די פאַני קאַמשינסקא. ביידע הייליגע בתולות האָבען זיך אויפגעשטעלט און געלאָזט פאַר איהר פריי דאָס בעט און צוטריט צום גוסס. דערפיהלט אַ פרישען מענשען נעבען זיך, איבער זיך, האָבען ביים אַלטען אַ ציטער געטאָן די געדיכטע ווייסע ברעמען און פאַמעלאַך זיי אויפגעהויבען, האָבען זיך פון הינטער זיי אַרויסגעוויזען די אַלטע, נאָך גאָר איגנאַנצען לעבעדיגע אויגען, און באַטראַכט דעם מענשען וואָס איז נעבען איהם און איבער איהם געשטאַנען. ער האָט געוואוסט אַז דאָס איז זיין ווייב און ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איז זי דאָ ניט מיט איהם. פאַר וואָס איז זי ערגעץ אַנדערש און האָט דאָרטען ערגעץ אַנדערש, און ניט נעבען איהם, צו טאָן וועגען איהם. ער האָט געוואוסט, אַז ער האַלט ביים שטאַרבען, און געוואוסט, אַז זי ווייסט עס אויך, און פונדעסטוועגען האָט זי זיך געהאַלטען אַזוי ווי זי וואָלט פון דעם ניט געוואוסט... באַמערקט, אַז זי איז אויסגעפוצט, האָט ער גאָר אינגאַנצען פאַרגעסען, אַז אַזוי באַדאַרף עס זיין, אַז ער וואָלט אויך געוועןן אויסגעפוצט, ווען עס וואָלט געוועןן פאַרקערט, ווען ניט ער, נאָר די ווייב וואָלט געהאַלטען ביים שטאַרבען... זי האָט איהם נעגלעט, און ער האָט אין גלעטען געשפירט, אַז אַזוי באַדאַרף טהאָן אַ ווייב צו אַ מאַן, ווען דער לעצטער האַלט ביים אַוועקגעהן פון איהר אויף אייביג, איבערלאָזענדיג פאַר איהר אַ גרויסען מאַיאָנטעק... די גאַנצע דריי וואָכען זינט ער האָט זיך אריינגעלייגט אין בעט אריין, האָט זי איהם אַזוי אָנגעהויבען צו גלעטען, און ניט אויפגעהערט די גאַנצע דריי

וואָכען ביז איצט... צי אַרט עס איהר, צי ניט, דאָס וואָס ער געהט אוועקשטאַרבען, דאָס האָט ער ניט געוואוסט, און זעהר שטאַרק עס געוואָלט וויסען. ער האָט געקוקט מיט פאַרגאַנגענע עריגערונגען, גוט געדיינקט, אַז יאָהרען לאַנג איז דער מענש, אָט די פרוי וואָס שטעהט נעבען איהם ווי אַ פריינד און ווי אַ פרעמדער פריינד, געוועזען זיין מענש, זיין ווייב, און אַז מיט דעם מענשען־ווייב האָט ער עפּעס אָפּגעפיהרט אַ לאַנג, איינצייטיג אַ גאַנץ קורץ לעבען... געהאַט מיט איהר קינדער, אויפגעצויגען זיי, די קינדער, און זיי חתונה געמאַכט, און אַז אַלץ וואָס זיי האָבען בשותפות געטאָן איז אַלעמאָל אַזוי וויכטיג געוועזען, ווייל ס'איז איהרע און זיינע קינדער. און אָט האָט ער זיך אוועקגעלייגט צוריק מיט דריי וואָכען אין בעט. שוין דריי וואָכען, אַז ער ליגט, און עס וויסען די קינדער, אַז ער וועט שוין ניט אויפשטעהן, און ער האָט זיי דאָ ביי זיך אינגאַנצען אַ פּאָר געצעהלטע מאָל געזעהן... געזעהן, און עפּעס אַלס אַזוי ווי גאָרניט דיזעלבע... זיך צוריקגעהאַלטען מיט איינענער פרעמדקייט און זיך געהאַלטען אַזוי צערעמאָניעדיג, ווי תמיד. דאָס אינגסטע קינד, דאָס מיידעל, האָט איהם אַלעמאָל אָנגעקלאַפּט אין טיר איידער זי איז אריין און געפרעגט וואָס ער מאַכט, אָפּגעפרעגט, שוין ניט געהאַט וואָס צו טאָן, ווייל דאָס וואָס ביי איהם און פאַר איהם איז געוועזען וואָס צו טאָן, האָבען געטאָן אַנדערע, צוויי פרעמדע טעכטער... פרעמדע און פון פרעמדר גלויבען, וואָס איז איהם אַ גאַנץ לעבען זיינס ניט פרעמד געוועזען... אַזוי לאַנג, הייסט עס, ווי עס האָט זיך געהאַנדעלט אַרום לעבען... צוויי קינדער, ביידען געפיהרט צום שמד... אַלס מיט דער, וואָס שטעהט נעבען איהם און גלעט איהם דעם שטערען זיינעם... דעמאָלט איז עס ביי איהם געוועזען אַזאַ נאַטירליכע און גינציגע זאַך. אָבער איצט פאַר־שטעהט ער ניט, נאָך וואָס ער האָט עס אַזוי נויטיג באַדאַרפט... ער מיינט עס איצט, אַז אַ דאַנק דעם, האַלטען זיך איצט די קינדער פרעמד פון איהם, ווייל זיי זיינען פון אַ פרעמד גלויבען.

— סטאַרא !...

זי האָט זיך אָנגעבויגען צו איהם, געמיינט ער וועט איהר נאָך עפּעס זאָגען, אָבער ער האָט שוין געשוויגען, ווייל ער האָט זיך געטראַכט, אַז וואָס ער וועט איצט זאָגען, וועט דאָך שוין איצט ניט זיין וויכטיג... ווייל קיין זאַך קאָן זיך שוין איצט ענדערען, און אפילו ווען עפּעס וואָלט זיך יע געקאָנט ענדערען, איז עס שוין אויך ניט וויכטיג, ווייל ער שטאַרבט דאָך שוין במילא... אָבער פאַרט פונדעסטוועגען... ווי אַזוי וועט עס זיין ?... די קינדער זיינע וועלען דאָך קיינמאָל זיין קבר ניט באַזוכען... די ווייב וועט, פאַרשטעהט זיך, נאָך זיין טויט אריבערגעהן צו די קינדער און וועט זיך מסתמא אויך אָפּשמד'ען. פון דער איינגסטער טאָכטער איז דאָך אָפּגערעדט... הייסט עס, אַז זיי אַלע, די לעבעדיגע, וועלען נאָך זיין טויט ווערען איין שטיק משפּחה, ווערען דאָס וואָס עס באַדאַרף נאַטירליך ווערען, אַנטקעגען וואָס ער האָט ביי זיין גאַנץ לעבען גאַרניט געהאַט און קאָן איצט אויך ניט האָבען, אָבער... ער וועט דאָך ליגען איינזאַם אויפ'ן אידישען בית עולם, איינער אַליין, פאַרלאָזט, ווי ער וואָלט אַלע יאָהרען געלעבט אַן איינזאַם לעבען, ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט חתונה געהאַט און קיינמאָל קיין קינדער ניט געהאַט.

די צוויי הייליגע בתולות האָבען זיך אָפּגערוקט פון בעט, ווייט אַוועק פון קראַנקען, טיף אין צימער, און זעהר ניט באַקוועם זיך געפיהלט אַן דער צוגעבונדענקייט פון קראַנקען, און צו דעם נאָך זיך פרעמד געפיהלט, ווייל אין ערגעץ איז אויף די ווענט ניט געווען צו זעהן דאָס בילד פון דער הייליגער מוטער. געשפּירט זיך ווייט פון חולה, פרעמדער ווי נעבען איהם, האָבעןביידע ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, צי זאָלען זיי פאַרבלייבען דאָ, צי פאַרלאָזען דעם צימער אויף אַזוי לאַנג, הייסט עס, ווי פּאַני קאַמשינסקאַ געפינט זיך דאָ נעבען איהם. געהערט פון איהם דאָס וואָרט „סטאַרא“, זיינען זיי זיכער געווען, אַז דער קראַנקער האָט עפּעס וואָס צו זאָגען

דער אַלטער, און זיכער געווען, אַז דאָס האָט זיכער צו טאָן מיט דעם, וואָס זיי האָבען איִן איהם אריינגעאַרבייט די גאַנצע דריי וואָכען. אומגעקוקט זיך איינע און אַ צווייטע צום פּאָר פאָלק, האָט זיך איינע און אַ צווייטע, מיט זייער גאַנצער שוואַרצקייט און אויסגעאַרבייטער געוואוינהייט פון יאָהרען לאַנג צו שטעלען אַ שטילען ווייכען טריט, האָבען זיי איינע נאָך די אַנדרע, איינע הינטער דער אַנדערער זיך אָנגעהויבען ארויסצושאַרען, און דערביי האָבען זיך וויים און שטיל באַוועגט די הארט געפּרעסטע גרויסע, ווייסע קאַפּערס זייערע, וואָס זיי האָבען אויף די קעפּ געטראָגען. דער חולה האָט זיי נאָכגע־שפּירט, געוואוסט, אַז ער באַדאַרף גאָר ניט, אַז אַלעס איז שוין צווישען איהם מיט דער ווייב אָפּגערעדט, אַז מעהר האָט ער מיט איהר גאָרניט וואָס צו ריידען, האָט ער צו זיי אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט, אַז זיי קאָנען בלייבען. די אַלטע איז פון דעם צופרידען געווען, ווייל זי האָט ווירקלאָך געבען מאַן ניט געהאַט וואָס צו טאָן. ס'איז שוין אַ זיכערע, פעסטגע־שטעלטע זאַך, אַז ער וועט שטאַרבען, האָט זי זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק און איז צוליב דעם פון צייט צו צייט אריינגעקומען צו איהם געוואָר ווערען צי האַלט ער שוין דערביי... ניט געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין, אָבער געוואוסט, אַז דאָס וועט מוזען זיין, האָט זי שוין ארויסגעקוקט, אַז דאָס זאָל זיין, אום די לאַנגע זאָל זיך ענדערען, און צוליב דעם זאָל זי שוין קאָנען איבערגעבען פריינד און הויך־ווירדיגע באַקאַנטע, אַז דאָס איז געשעהן, דאָס הייסט, דאָס צוליב וואָס יענע אַלע זיינען זיך צונויפגעקומען און דאָס וואָס אַלע ער־וואַרטען, און געבען די מעגליכקייט יעדען פון זיי אויסדריקען איהר די מיטליידס־געפיהלען, ס'הייסט אויך ווידער דאָס, צוליב וואָס בקאַנטע און פריינד זיינען זיך אהערצו צונויפגעקומען. זי איז אריינגעקומען צו איהם דאָס מאָל מיט עפּעס נייעס פאַר איהם. האָט איהם געוואָלט מיטטיילען, אַז צו איהם וויל עפּעס אַ וויכטיגע פּערזאָן אריינגעהן. אָבער... אליין נאָך אַ

אידין, האָט זי דאָס איהם ניט געקענט זאָגען, און ווידער דערפאַר, ווייל זי האָט ניט געוואוסט, ווי דאָס וועט אויף איהםווירקען און צי איז ער גאָר בכלל גרייט דעם שריט צו מאַכען איצט ביים אונטערגאנג פון זיין לעבען.

אָפּגעהאַלטען דאָס פּאָרעל, די צוויי הייליגע בתולות, האָט ער שפּעטער אַ ווײַלע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו דער ווייב און צו איהר שטיל געזאָגט, אַז זי איז פריי, זי קאָן געהן. איז זי געשטאַנען נאָכדעם עטלאכע מינוט, צו באַווייזען איהם, אַז זי וויל דאָ זעהר גערן נעבען איהם שטעהן, און איידער זי האָט איהם פאַרלאָזט, האָט זי געקוקט אויף איהם צו באַווייזען איהם, אַז זי מוז פון איהם אַוועקגעהן, ווייל ער האָט איהר באַפוילען אַוועקצוגעהן.

זי איז אַרויס, מיט אַ וואונק מיטגערופען איינע פון די „שוועסטער" מיט זיך, און די צווייטע איז געבליבען מיט'ן קראַנקען. און דער קראַנקער האָט זיך ערינערט אין גאַנצען לעבען, אָנהויבענדיג פון די קינדער־יאָהרען ביז איצט. ער האָט זיך צווישען פיל וויכטיגע און ניט וויכטיגע זאַכען דערמאָנט אָן דעם ווי אַ גאַנצע רייע מיט יאָהרען האָט ער אַלע פאר פסח, פאַר'ן אידישען פסח, באַקומען אַ בריוועל פון זיינעם אַן אייגענעם, פון אַ קרוב, אַ אידען, אַ פרומען אידען, וואָס האָט אויף אַלע פאר פסח געבעטען ער זאָל איהם צושיקען געלט אויף פסח. און ער האָט געשיקט, כאָטש איהם האָט פאַרדראָסען וואָס יענער בעט עס ביי איהם אַלעמאָל פאַר יום־טום, פאַר'ן אידישען יום־טוב, פאַרוואָס ער בעט עס ביי איהם ניט אַזוי אין מיטען יאָהר, גלאַט אַזוי אָהן יום־טוב. ביי איהם (ער האָט זיך אַלץ דערמאָנט) איז אויסגעקומען, אַז עפּעס האַלט ער דערמיט פון אידישקייט, כאָטש ער איז גאָרניט שולדיג געווען, יענער האָט איהם געבעטען אויף פּסח, האָט ער ניט געקענט נעמען און איהם שיקען דאָס געלט נאָך פסח... מערקווירדיג!... ניט ווילענדיג, דאָך עפּעס געווען פאַרבונדען מיט אַ אידען און מיט אידישקייט. ער האָט איהם, דעם קרוב,

כמעט ווי ניט געקענט, און פון יאָהר צו יאָהר פארגעסען אָן איהם, נאָר אַלע יאָהר האָט עס איהם יענער דערמאָנט, און איינציייטיג דערמאָנט אינ'ם אידישען פסח.

און איצט וואָס? יענער וועט ניט וויסען, אז ער איז געשטאָרבען, און פאר פסח וועט ווידער אָנקומען... און אפשר וועט ער זיך עס גלייך דערוויסען... אויב ער לייענט פוילישע צייטונגען... איז וואָס, וועט ער קומען צו זיין לויה?... וועט מסתמא וועלען קומען און מורא האָבען צו קומען...

איהם האָט אָנגעכאַפּט א פאַרלאַנג צו זעהן אָט דעם קרוב, אָט דעם אידען. ער האָט איצט חושק באַקומען צו קענען איהם, אָט דעם אָ וועמען ער האָט אַזויפיל יאָהרען, יאָהר ביי יאָהר, אונטערגעהאַלטען מיט געלט אויף פסח. ער וואָלט עס אפשר געוועזן געטאָן, ער וואָלט געשיקט נאָך איהם, האָט ער אָבער ניט געדענקט דעם אדרעס זיינעם...

„איצעק מאָשקאָוו קאַמענער?“...

מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר...

---

ס'איז אריינגעקומען צום ערשטען די הייליגע בתולה, נאָך איהר גלייך האָט זיך באַוויזען די טאָכטער, נאָך דער טאָכטער דער קסיאָנדז, נאָכ'ן קסיאָנדז פּאַני קאַמשינסקאַ, און נאָך איהר דער איידעם, און נאָכ'ן איידעם דער עלטסטער זוהן מיט דער קלענסטער טאָכטער. דער קסיאָנדז מיט'ן איידעם האָבען זיך זייטיג אָפּגעדרעהט ביידע, איינער מיט'ן צווייטען באַזונדער זיך אָפּגעדרעהט און איינער נעבען אַנדערן זיך אַוועקגעשטעלט, ווי געוואָלט באַווייזען זייער טאָלעראַנץ, אַז זיי, און דער עיקר דער קסיאָנדז, אַז ער איז דאָ יע דאָ און אַז ער איז ניטאָ, אַז ער איז דאָ ביידע זאַכען איינצייטיג, און אַז ער האַלט זיך אין דעם גאַנצען ענין פּאַסיוו, אַז ס'ווענדט זיך אין גאַנצען אינ'ם פּאַן קאַמשינסקי, אויב יענעמ'ס ווילען וועט זיין, ווערט ער דאָ א היימישער מענש, און אויב ניט — א זייטיגער. די „שוועסטער“, וואָס איז געזעסען נעבען קראַנקען,

איז אָפּגעגאַנגען פון איהם און האָט זיך באַהעפט מיט דער „שוועסטער", וואָס איז אריינגעקומען. די עלטערע טאָכטער מיט דער ווייב האָבען זיך באַזעצט נעבען פאָטער און מאַן, און די טאָכטער האָט געזאָגט, אז מ'וויל איהם פאַרשטעלען זייערען א פריינד, א הויך געשטעלטען פּערזאָן, וואָס איז דער אויפזעהער פון האָספּיטאל „היילינגען דוך" און פון נאָך ערטער אַזעלכע היילינגע, וואו דער היילינגער פאַרנעמט גרויסע ערטער, און דערביי אָנגערופען זיינע טיטולען. דער פּריסטער איז געשטאַנען און זיך איינגעהערט ווי מ'שטעלט איהם דאָרטען פאָר און זיך קענטיג פאַרגעברייט צו דער „עבודה", אָבער איז זיך נאָך אַלץ געשטאַנען זייטיג, ווייל מ'האָט נאָך דעם אמת'ען טיטול ניט אָנגערופען און אַלץ אַזוי געשטאַנען דער קראַנקער זאָל איהם ניט זעהן. ענדליך האָט זיך די טאָכטער אויפגעהויבען און צוגעגאַנגען מיט א ברייטען גאַסטפריינדליכען שמייכעל צום קסיאָנדז, האָט זיך פאַרנייגט פאר איהם, און מיט דעם איז געזאָגט געוואָרען, אז זי בעט זיין גרויסען כבוד צוגעהן צום קראַנקען. דער ריעז האָט זיך פון אָרט געריהרט, און בעפאָר ער איז אהין צוגעקומען, האָט זיך די ווייב פון דאָרטען אָפּגערוקט און זיך באַהעפט מיט'ן איידעם, מיט'ן זוהן און מיט דער אינגערער טאָכטער. די עלטסטע איז זייטיג נאָכגעגאַנגען דעם קסיאָנדז און נאָכגעהענדיג איהם צוגעפיהרט צום בעט פון חולה. דער גייסטליכער האָט אַרויפגעלייגט די ברייטע לאַפּע אויף דער ברייטער ברוסט און זיך פאַרנייגט פאַר דער טיפער עלטער פון דעם קראַנקען און פאַר דער ערנסטער קריינק פון דעם אַלטען און פאר דעם וואָס דער אַלטער און קראַנקער האַלט ביים שטאַרבען. ערשט איצט האָט דער אַלטער אסימילאַטאָר, דערזעהענדיג איהם, זיך דערוואוסט וועמען מ'שטעלט איהם דאָ פאָר, און גלייך פאַרשטאַנען דעם צוועק דערפון, האָט זיך עפּעס געוויזען א פאַרענדערטער בליק און א קרום שמייכעלע האָט אַביסעל פאַרדרייט א וואָנסע אָן א זייט. איינמאָל און א צווייטען מאָל א קוק געטאָן מיט פרעמדקייט

צו דעם פאַרשווין, וואָס האָט זיך אַ גאַנצע רייהע יאָהרען געדרעהט אויף זיין, דעם אַסימילאַטאָר'ס, האַריזאָנט... אָדער ניין... ניט זיין האָריזאָנט... אַ פרעמדער, נאָר וואָס האָט אַלע יאָהרען איהם געוואָלט מאַכען פאַר אַן אייגענעם, צוציהען צו זיך, און דערנעהנט האָט ער זיך צו איהם מיט די קינדער, און אַליין... פאַר איהם אַליין איז ער אַלץ ניט קיין אייגענער האָריזאָנט געוואָרען. איבער אַ גאָרניט'דיגען עפּעס און איבער אַן עפּעס'דיגען גאָרניט איז ער פאַרבליבען אַ איד, מיט דעם נאָר, וואָס ער איז קיין קריסט ניט געוואָרען. און איצט, אויפ'ן אונטערגאַנג פון זיין לעבען, האָט מען איהם געבראַכט צום בעט אָט דעם אָ... און ס'האָט זיך איהם געדאַכט, דעם גוטה למות, אַז האָריזאָנטען זיינען זיך צונויפגעקומען. און ווייל איינער, דער האָריזאָנט פון לעבען, איז ניט געווען שרעקלאַך, האָט שוין דערפאַר דער צווייטער געשראָקען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז עמיצער האָט דאָ פאַרטראַכט אַ פרעמדען טויט איהם אָנ־צוּוואַרפען... איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע וואָס געפינען זיך נעבען איהם און אַרום איהם, זיינען פרעמדע, און אַז זיי ווילען אַלע אויף איהם, אויף דעם ערב־שטאַרבענדען, עפּעס זייערס אַ פרעמדע זאַך אָנוואַרפען...

ער האָט באַטראַכט די מענשען און אַרומגעגאַנגען מיט די אויגען. טיף אין צימער אַריין געבלאַנדזשעט מיט זיי, זיך אומגעקוקט און געוואָלט זעהן יענע, וואָס זיינען ווייט פון איהם געשטאַנען, און געוואָלט וויסען ווער זיי זיינען. ער האָט געקוקט אויף דער ווייב, זי ניט געזעהן, נאָר געוואוסט, אַז דאָס באַדאַרף זי צו זיין. ער האָט זי איינמאָל און אַ צווייטען מאָל אָפּגעגליטשעט מיט זיין בליק און אונטערגעשמייכעלט אונטער זיינע פּוילישע וואָנצעס.

עס זיינען אַלע געשטאַנען אין אומגעדולדיגער ערוואַרטונג און אָנגעשטרענגטער, איינגעהאַלטענער שטילקייט. זיך אוועק־געשטעלט און געשטאַנען יעדער אויף זיין אָרט, וואו ער האָט זיך אוועקגעשטעלט מיט אָנגעשטרענגטע אויגען, און האָט זיך

געשאַפען אַ שטימונג... אַ שטימונג פון אַ שטילען פאַרהאַרטע־וועטען קאַמף, וואָס קומט פאָר צווישען דער נשמה פון אַ גוסס מיט אַ צווייטען גייסט, און ביים פּריסטער, ביי דעם וואָס איז געקומען מתקן זיין אַ אידישע נשמה, ביי איהם האָט שוין דער האַלז און נאַקען געגליהט און פונדעסטוועגען איז ער נאָך אַלץ הכנעה'דיג געשטאַנען און געהאַלטען די האַנט אויף דער ברוסט.

דער פּאַן בערנאַרד קאַמשינסקי האָט ענדליך דאָס מויל געעפענט, און איינס נאָך דאָס אַנדערע האָבען זיך אַלע צוגערוקט און איהם אַרומגערינגעלט. ס'האָבען אַלע געוואָלט הערען וואָס ער רעדט. ער האָט גערעדט זעהר שטיל, קוים וואָס מ'האָט געהערט, דערביי מיט אַ האַנט און מיט די פינגער פון דער האַנט געאַרבייט, און פון די רייד איז געווען קענטיג, אַז ער איז נאָך גאָר ביי זיין פולען פאַרשטאַנד. ער האָט געזאָגט, אַז אויב ער האָט ניט געהייסען ברענגען קיין רב פאַר'ן טויט, איז עס נאָך קיין באַווייז ניט, אַז ער באַדאַרף אַ קסיאַנדז, און אויב ער גלויבט ניט אין'ם רב, איז עס נאָך קיין באַווייז ניט, אַז ער גלויבט און וויל אָננעמען די ודוי פון אַ קאַטוילישען גייסטליכען... און אויב ער גלויבט ניט, ניט אין יענעם און ניט אין דעם, איז נאָך וואָס־זשע איז די בייט... איז דאָך גלייכער צו שטאַרבען ניט קיין גלויביגער איד, אין דעם גלויבען אין וועלכען עס איז ניט שולדיג, אין דעם וואָס ער איז געבוירען געוואָרען, אָבער געהן ניט גלויבענדיג אין אַ רעליגיע, געהן און פאַר'ן טויט אָננעמען אַזאַ גלויבען, וואָלט דאָך עס באַוויזען, אַז בערנאַרד קאַמשינסקי איז געווען אַ פאַנאַטיקער!

— דליאַ טשעגאָ, סטאַרא?

— פאַר די קינדער! — האָט די אַלטע געענטפערט מיט אַ ציטעריג קול.

פאַרמאַטערט פון זיין נאַר־וואָס'דיגער רעדע, האָט ער איהר גלייך אויף איהרע ווערטער ניט געקענט ענטפערען. דערצו איז ער געווען זעהר אויפגערעגט, זעהענדיג און פיהלענדיג אַרום זיך די אייגענע אַלס פרעמדע, וואָס האָבען פאַר זיין טויט עפּעס

געוואָלט ארויספרעסען פון איהם פאר זיך. ער האָט צוגעמאכט די אויגען, און דאָ נאָך שטארקער דערפיהלט זיין איינזאמקייט, און זיך געטראכט, אז ער אליין איז שולדיג אין זיין איינזאמקייט, אז ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבען עפּעס גלייך ווי אָנגעשטרענגט צו דעם ער זאָל בלייבען איינזאם... כאָטש אַלע יאָהרען האָט ער עס ניט געפיהלט... איהם האָט זיך געדאכט פארקערט, אז מיט ערציהען די קינדער און שפּעטער מיט׳ן אָפּ׳שמד׳ען זיי, אז ער דערנענטערט זיך צו זיינער, עפּעס א נאָהענטער און אייגענער זאַך... און אז דעמאָלט, די גאַנצע צייט וואָלט ער גאָרניט געהאַט דאגעגען ווען מ׳טרעט צו צו איהם ער זאָל זיך שמד׳ען, וואָלט ער עס גלייך געווען געטאָן אזוי לייכט, ווי ער האָט געפיהרט די קינדער צום שמד און וואָס זיינען איהם נאָכ׳ן שמד אויך א האָר ניט פרעמדער געוואָרען. און איצט?... וואָס איז דאָס עפּעס אַנדערש געוואָרען?... פארוואָס קאָן ער עס איצט ניט טאָן? פארוואָס?... פאר די קינדער... ווען ער גלויבט זאָ ווי זאָ ניט... פארוואָס איז איהם די סביבה פון די אייגענע פלוצים אזוי פרעמד געוואָרען, ווייל צווישען זיי האָט זיך דער קאַטוילישער גייסטליכער אריינגערוקט... הייסט עס, אז ביי איהם איז דאָרט ערגעץ פארבליבען...

— בערנארד!

געעפענט די אויגען, האָט די ווייב פאר איהם אוועקגעלייגט א גאַנצע „מאָווע" (דרשה) וועגען דעם טאקע, וועגען זיינע פריהערדיגע רייד, אז גלויבען גלויבט ער דאָך במילא ניט, טאָ פארוואָס זשע זאָל ער עס טאקע ניט טאָן פאר די קינדער?

— א טי, סטארא?...

געמיינט צו פרעגען וואָס מיט איהר וועט זיין ווען ער וועט עס ניט טאָן, און זי האָט שוין מיט א וויינענדיג קול אין איהם איינגערעדט, אז ער דאַרף עס יע טאָן, ווייל אַנדערש וועט זי דאָך בלייבען אָפּגעריסען פון איהר ליבען בערנארד׳ען...

עך וועט ליגען אויפ'ן אידישען בית־עולם און זי וועט אפילו ניט קאָנען געהן ליגען בלומען אויף זיין קבר.

— נו, איז ניט!...

— נו, ווי אזוי זשע, בערנארד?... וועט זי דאָך בלייבען איינזאם... אָהן אַ מאַן און אָהן קינדער... נאָכ'ן טויט וועט זי דאָך ניט וועלען בלייבען אליין... זי וועט דאָך וועלען זיין מיט די קינדער...

די אַטמאָספערע איז פון מינוט צו מינוט אַלץ ענגער און אָנגעשטרענגטער געוואָרען... געפיהלט האָט זיך, אז עס האָבען זיך צוזאמענגעשטויסען צוויי כוחות, אינטערעס פון לעבען, אינטערעס פון טויט, וואָס איינער דעם אנדערען האָט ניט געוואָלט און ניט געקענט באַגרייפען... די אינטערעסען פון שטאַרבענדען מיט די אינטערעסען פון די לעבעדיגע האָבען זיך צוואָרפען אויף פארשיידענע גאנץ ווייטע איינס פון דאָס צווייטע שטרעקען און האָבען זיך אויפגעהערט צו פארשטעהן.

אין איהם האָט, נאָך דער ווייב, זעהר פיל אריינגערעדט די טאָכטער און די אינגסטע טאָכטער, די נאָך ניט גע'שמד'טע. זי איז געשטאַנען לעבען בעט אויף די קני און געבעטען און געוויינט איבער איהם, ער זאָל עס טאָן.

דער פאָטער האָט ענדליך אוועקגעלייגט זייןביינערדיגע אַלטע, כמעט געשטאָרבענע האנט אויף איהר קאָפּ און א שאָקעל געטאָן מיט זיין קאָפּ, אין וואָס אַלע האָבען פארשטאַנען, אז ער האָט נאָכגעגעבען, און דאָס נאָך ניט גע'שמד'טע טעכטערל האָט געגעבען אַ שפרונג אויף פון גרויס גדולה, און דער ריעז אין שווארצען האָט זיך פון אָרט גערירט און זיך גענומען מאכען זיינע הייליגע הכנות צו דער הייליגער עבודה. ארויפגעוואָרפען אויף זיך דעם ווייסען קיטעל, און פאר דער צייט האָבען די הייליגע בתולות אָנגעצונדען ליכט און אַלעמען אין האנט אריינגעשטעקט, האָבען זיי זיך, אָט דיזעלביגע הייליגע בתולות, נאָך איידער דער פריסטער זייערער איז פארטיג געוואָרען, האָבען זיי שוין אויפגעהויבען זייערע זינגענדיגע און וויינענדיגע

קולות, און גלייך ווי דער פּריסטער איז מיט זיין ווייסען פּאַרנעם, מיט׳ן צלם און מיט׳ן הייליגען בוך אין האַנט, געלאָזט זיך געהן צום שטאַרבענדען, האָבען זיך אַלע אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און די נאָך ניט גע׳שמד׳טע פּאַני קאַשינסקאַ, מיט דער נאָך ניט גע׳שמד׳טער טאָכטער, האָבען צוגלייך מיט די איבעריגע איינמאָל און אַ צווייטען מאָל איבערגעלייגט איבער די ברוסטען אַ צלם.

ווען דער ווייסער איז אין זיין הייליגער ווייסקייט צוגעקומען צום חולה, האָט דער לעצטער אָנגעוויזען, אַז ער זאָל פריהער אָפּ׳שמד׳ען די ווייב זיינע, און דאָס האָט עפּעס אויף אַ ווײלע איבערגעריסען די געשפּאַנטע, הייליגע שטימונג. אָבער דער ווילען פון אַ שטאַרבענדען איז שטאַרקער פון אַלעם.

די צערעמאָניע האָט זעהר לאַנג געדויערט און אַלע, די געבאָרענע קאַטאָליקען און די ניט געבאָרענע, האָבען געזונגען הייליגע תפילות, געזונגען מיט וויינענדיגע קולות, אַלע אויף די קני, מיט צונויפגעלייגטע הענט, און צווישען זיי דער ריז, דער הייליגער פּריסטער, וואָס האָט מיט גרויס יראת־הכבוד געטאָן די הייליגע עבודה. און אָפּגעטאָן זי, מציל געווען איין אידישע נשמה, האָט ער זיך געקירעוועט מיט זיין גרויסער גרויסקייט און מיט זיין ברייטען ווייס־הייליגען פּאַרנעם, האָט ער זיך געלאָזט צוגעהן מיט׳ן צלם, פון וועלכען ס׳האָט זיך רעליעף אויסגעטיילט דער געקרייצטער יעזוס מיט צוואָרפענע הענט און צונויפגענומענע פיס, מיט אַן אויסדרוק פון יסורים און ליידען אויפ׳ן בלאַסען געזיכט, איז ער, דער לעבעדיגער און געזונטער קסיאָנדז מיט׳ן רויטען קאַרק, צוגעגאַנגען ווידער צום בעט און צום שטאַרבענדען און האָט זיך שוין געהאַט ווידער גענומען צו דער אַרבייט, אָבער דאָ, גאָר פּלוצים, האָט דער אַלטער און נוטה למות אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט, און אַלע זיינען אַנשווייגען געוואָרען און פאַרגליווערט געבליבען... געשטאַנען אין אומגעדולד, אין פיינליכער ערוואַרטונג און אין הייליגער רציחה פון פאַנאַטיקער, וואָס זיינען גרייט געווען

צורייסען אָט דעם אַלטען פגר און איבערגעבען די נשמה זיינע צו די מלאכי חבלה אין די הענט אריין. דער אַלטער האָט אויף אַלעמען געקוקט, ברייט און מיושב'דיג אַלעמען באטראַכט און אויף לעצט האָט ער זיך געבעטען צוטראָגען טינט און פען. און גענומען די פען אין דער האַנט אריין, האָט ער מיט דער האַנט און מיט דער פען איינמאָל אַ מאַך געטאָן, מ'זאָל אַרויס. איז אַרויס איינער און צוויי. נאָכדעם האָט ער אַ צווייטען מאָל דאָס געטאָן, איז נאָך ווער אַרויס, און נאָך אַ דריטען מאָל אַ מאַך געטאָן, אַלע זאָלען אַרויס.

אַרויסגעשלעפט די צוואה פון אונטער'ן קישען, האָט ער דאָרטען מיט אַ ציטערדיגע האַנט צוגעשריבען: „אַלע פאַר־פסח, פאַר'ן אידישען פסח, זאָל מען צושיקען דעם אידען, חיים מאַשקאָוו קאַמענער, 50 רובל אויף פסח".

---

אין זיין אייגענער שטוב, צווישען ווייב און קינדער, איז בערנאַרד קאַמשינסקי אין איינזאַמקייט געשטאָרבען. אין אַ פאָר שעה נאָך זיין טויט איז צום הויז צו זיינעם צוגעפאָהרען אַ אידישער קאַטאַפאַלק, וואו עס איז פון צוויי פון זיינע זייטען געווען אָנגעשריבען: „צדק לפניו יהלך". פון'ם קאַטאַפאַלק זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פיער אידען, און אַלע פיער האָבען אַראָפּגעשלעפּט פון דאָרטען אַ שווערען, מאַסיווען קאַסטען, זעקס גרויסע, געטאָקטע, שוואַרץ־געפּאָלירטע הילצערנע לייכטער. אַרויפגעטראָגען אָט דעם שווערען, שוואַרצען קאַסטען אויף די ווייסע מאַרמאָרנע טרעפּ, האָבען די פיער אידען ווי צו זיך אין שטוב אריין, צעפּראַלט איין טיר אין שטוב און אַ פּאָר טירען פון איין צימער אין אַנדערען. אידען מיט בערד און מיט די היטלען אויף די קעפּ. און ביי קיינעם זיך ניט אָנגעפרעגט וואָס צו טאָן, האָבען זיי געטאָן דאָס און אַלעס אין שטוב און מיט'ן בעל־הבית פון שטוב, וואָס זיי האָבען נאָכ'ן אידישען דין באַדאַרפט טאָן, זיך געפּאָרעט מיט איהם ווי מיט זייערען אַן אייגענעם מענשען, איהם אַריינגעלייגט אין קאַסטען און פעסט

אָנגעדעקט דאָס דעקעל און אָוועקגעשטעלט צו דריי פון די גרויסע לייכטער ביי ביידע זייטען און אָנגעצונדען גרויסע, ווייסע סטערינאָוונע ליכט און געבראכט צוקייקלען פון גאסט־צימער זעקס גרויסע ראשקעס מיט גיליאנדרעס וואזאָנעס, גרויסע ווי בוימער, און אויך דאָס אויסגעשטעלט ביי די זייטען פין ארון. און אַפגעטאָן דערווייל אָט־די ארבייט, זיינען די אידען אוועק און איינעם געלאָזט לעבען זייער מת. דער איד, וואָס איז געבליבען, איז געשטאנען אויף דער שוועל און איינצייטיג וואָס ער האָט געהיט דעם בר מנן, האָט ער אויך געקוקט אין צווייטען צימער אויף די לעבעדיגע מענשען. דער איד איז זיך געשטאַנען אינ'ם היטעל און זיך גאנץ גוט געפיהלט, מעהר היימיש, פאר־שטעהט זיך, מיט'ן מת, ווי מיט די לעבעדיגע. און יענע, די לעבעדיגע, די היימישע און גוטע באקאנטע האָבען זיך ניט היימ־ליך דערשפירט, זיך געהאלטען ווייט און אָפגעזונדערט פון דעם, צו וועמען זיי זיינען געקומען. איינער און אַ צווייטער האָט זיך פארבייגעדרעהט ביי דער טיר פון צימער, וואו דער בר־מנן איז געלעגען, אריינגעקוקט אינוועניג און אריינגעהן ניט געקענט, קיין דרייסט ניט געהאַט, ווייל דער איינער און דער צווייטער האָבען זיך ארומגעדרעהט אָהן די היטלען. דאָס האָט מען גע־מוזט אָהן די היטלען געהן אומבאדינגט פאַר די לעבעדיגע. איין לעבעדיגער פאר'ן צווייטען האָט געמוזט געהן אָהנ'ם היטעל, און צו בערנארד קאמשינסקי, האָט מען געזעהן, דארף מען גאָר פונקט פארקעהרט אָנטאָן דאָס היטעל. אפילו דער, וואָס האָט ניט געוואוסט, אז מען דארף אזוי טאָן, האָט עס זעזעהן, אז מ'דארף אזוי טאָן, ווייל דער איד איז אינ'ם היטעל געשטאַנען אויף דער טיר, ווי אויף דער וואך, ווי ער, דער גרויסער און וויכ־טיגער מאַן, בערנארד קאמשינסקי, וואָלט אין גאנצען זיינער, דעם אידענ'ס געוואָרען, און ס'האָט זיך באקומען אַן איינדרוק, אז דער גרויסער בר־מנן איז אויך אַזעלכער געוואָרען... אַ איד... צו וועמען מ'טאָר אָהן אַ היטעל ניט אריינגעהן... עפעס האָט זיך אין גאנצען איבערגעדרעהט... צו בערנארד קאמשינסקי אריינ־

צוגעהן זאָל מען דארפען אָנטאָן דאָס היטעל. אונזין!... און פונדעסטוועגען האָט קיינער ניט געוואגט צו איהם אריינצוגעהן. און דערפאַר איז טאַקע בערנארד קאַמשינסקי איינזאַם, איינער אַליין אין צימער געלעגען, איינזאַם, ווי ער וואָלט ערגעץ אין דער פרעמד, אין אַ פרעמדער שטוב געשטאָרבען... נאָר אַ דאַמע האָט זיך פון צייט צו צייט אריינגעכאַפּט און ניט געוואוסט ווי זיך צו האַלטען, ווייל... ווייל אַ דאַמע... און געפיהלט זיך ניט היימליך אונטער דער אויפזיכט פונ׳ם אידען מיט דער באָרד, פונ׳ם אידען אין היטעל. און ס׳איז ביי אַלעמען אויסגעקומען אזוי פּריקרע, וואָס זייער בערנארד קאַמשינסקי איז נאָכ׳ן טויט דערוווייטערט און אָפּגעפרעמדט געוואָרען פון זיי, וואָס איהם האָט מאָנאָפּאָליזירט עפּעס גאָר אַ פרעמדער, אַזעלכער, וואָס האָט קיינמאָל די שוועל פון דער שטוב ניט אריבערגעטראָטען.

די ווייב, וואָס איז שוין קיין ווייב ניט געוועזן, יענע, וואָס האָט אַ גאַנצע וועלט דורכגעמאַכט מיט דעם פאַרשטאָרבענעם, ערשט זי האָט קיין דרייסט ניט געהאַט צו געהן צו איהר מאַן, וואָס איז שוין איהר מאַן ניט געוועזן... זי ערשט האָט פאַר דעם אידען מיט דער באָרד און אינ׳ם היטעל פּשוט מורא געהאַט די שוועל אריבערצושפּאַנען. זי איז זיכער געוועזן, אַז ער וועט זי ניט לאָזען אריינגעהן, און אַז עפּעס האָט ער אַזאַ רעכט דאָס צו טאָן, זי, דער ווייב, ניט צולאָזען צום מאַן, ווייל זי איז פון אַן אַנדער גלויבען, און אַז בערנארד, איהר בערנארד, איז שוין ניט איהרער, נאָר ער איז זיינער, אין גאַנצען זיינער, אָט דעם אי־דענ׳ס...

איינזאַם, עפּעס אזוי ווי צוויי מאָל געשטאָרבען, צוויי מאָל אָפּגעריסען פון לעבען און פון לעבעדיגע, איז דער קאַסטען גע־שטאַנען מיט איינעם אַ מענשען, וואָס איז אין איהם געלעגען, מיט זעקס לייכטער, זעקס ליכט, זעקס גיליאַנדרעס. אין איינענעם טרויער, וואָס האָט פון זיך, ארום זיך צוגאָסען אָט דער שוואַר־צער קאַסטען מיט׳ן מת אינעווייניג, וועמען קיינער האָט ניט גע־זעהן... אין אייגענעם טרויער פון זיין שטאַרבען, און מיט זיין

אידישער איינזאַמקייט נאָכ'ן שטאַרבען... מיט זיין טויט זיך אָפּגערוקט איינמאָל פון לעבען און דאָס צווייטע מאָל פון זיין סביבה... מיט עפּעס אַזעלכעס אוועק פונ'ם לעבען, וואָס איז פאַר איהר און פאַר די מענשען פון זיין סביבה אין גאַנצען, דאָס גאַנצע לעבען פאַר איהם און פאַר זיי אַלעמען פרעמד געווען... זעקס גיליאַנדרעס, זעקס לייכטער, זעקס ליכט, זעקס פּלעמעלאַך, וואָס האָבען געוואַכט אַרום דעם אָרון מיט זייער שטילקייט, פון קיינמאָל ניט געלעבט און קיינמאָל ניט געשטאָרבען אַרום עפּעס אַ זאַך, וואָס איז אומבאַוועגליך, וואָס איז טויט און דאָך אַנדערש פון זייער טויטקייט... און שטיל, אין שטילקייט פון וועגט און זאַכען, וואָס האָבען קיינמאָל ניט געלעבט, האָבען זעקס פלאַמע־לאַך אין גרויסער ליכטיגקייט פון טאָג געברענט און ניט גע־לויכטען, נאָר פאַמעליך זיך באַוועגט, שפּיצעל אהער, שפּיצעל אהין, ווי באַדויערט: בערנאַרד קאַמשינסקי!...

# א קורצער ראָמאַן.

מאיר האָט אין מיטען טאָג אוועקגעלעגט די ארבייט, גע־זאָגט, אז ער פיהלט זיך עפּעס ניט גוט און האָט זיך אָנגעטאָן און איז אוועק.

ער האָט זיך אוועקגעלאָזט אויפ'ן וואָקזאַל. ער האָט טאַקע צוליב דעם די ארבייט אוועקגעלעגט, כדי אויפ'ן וואָקזאַל זיך אוועקצולאָזען. ער האָט געוואָלט צוקוקען, ווי עס וועלען זיך האַלטען פאר'ן צושיידען זך פייגעל הערמאַן מיט'ן קאָזין מיט איהרען, וואָס איז געקומען צוגאַסט אויף א פּאָר טעג און איז דאָרטען ביי זיי אָפּגעוועזען א פּאָר וואָכען... איהם, מאיר'ן, איז גלייך ווי יענער איז געקומען איינגעפאַלען, אז ער איז ניט גע־קומען בלויז צוגאַסט... אויפ'ן שכל הישר האָט זיך עס געלעגט, אז א בחור, וואָס פאר א בחור דאָס זאָל ניט זיין, וועט ניט נעמען ספּעציעל פאָהרען אזא ווייטע שטרעקע נאָר בלויז צוליב זעהן דעם פעטער און די מומע, דעם קאָזין און די קאָזינעס... ווען זי, פייגעל הערמאַן, האָט איהם דערצעהלט, אז איהר קאָזין קומט צופאָהרען, אָט דער זעלבער, וועמעס בילד ער זעהט אויפ'ן קאָמאָד שטעהן געדעמעלט און געגלאָזט, איז איהם באלד איינ־געפאַלען, אז דאָס קומט ער צוליב איהר. איהם האָט עס ניט געאַרט, מאיר'ן... ער קוקט שוין לאַנג ארוים, זי זאָל א כלה ווערען, וואָלט ער געוואוסט, אז אוים, פּטור... כאָטש איידער ער האָט געוואוסט, אז ס'איז אוים, פּטור, האָט ער אויך געוואוסט, אז ס'וועט גאָרניט זיין, ווייל ווען ער וואָלט עס ניט געוואוסט און וואָלט געמיינט, אז ס'קען יאָ עפּעס זיין, וואָלט ער דאָך ניט ארויסגעקוקט זי זאָל א כלה ווערען. איז אָבער צוריק דיזעלבע

מעשה: וואָס געהט איהם אָן פייגעל הערמאַן, צי זי איז אַ כלה צי ניט? וואָס אַרט עס איהם, אַז זי איז ניט קיין כלה?... וואָס פאַר אַ שמעלקע איז ער מיט איהר, אַז ער זאָל עפּעס ארויסקוקען אַז... זי זאָל אַ כלה ווערען?... ער וואָלט טאַקע ניט ארויסגעקוקט, ווען ניט זי, ווען ניט די צוגעלאָזטקייט איהרע... ביי איהם איז נאָך פריש געבליבען אין זכרון איהר ערשט מאָל אריינקומען. דאָס איז געווען דעם ערשטען טאָג וואָס זיי האָבען זיך אריבערגעצויגען אין דער נייער דירה צו זיי אין הויז. זי איז אריינגעקומען עפּעס אַזוי פראָסט און איינפאַך ווי אַ באַקאַנטע און אַ היימישע, מיט אַזוי פיל שמייכעל און גוטמוטיגקייט, און האָט זיך גלייך, אָהן צערעמאָניעס, צורעדט מיט'ן ברודער און מיט דער שוועגערין און אויף קינדער אויסגעפרעגט, ווי אַזוי יעדער הייסט, און יעדען קינד אַ גלעט געגעבען איבער'ן קעפּעל, און דאָס קלענסטע האָט זי פון דער מוטער'ס הענט ארויסגעצויגען און צו זיך אויף די הענט גענומען, און די באַקאַנטשאַפט, די היימישקייט איז אַזוי גלייך אויפ'ן אָרט פון דער ערשטער באַגעגעניש געשלאָסען געוואָרען.

ער האָט נאָך דאַמאָלסט אפילו ניט געוואוסט ווער זי איז, אָט די פרעמדע, וואָס האָט ביים ערשטען מאָל אריינקומען געלאָזט פיהלען, אַז זי איז אַ היימישע, און ס'האָט איהם געוואונדערט, מאיר'ן, וואָס ער קען זי ניט און זעהט זי ערשט דאָס ערשטע מאָל. אַזאַ מענשען האָט ער שוין, דאַכט זיך, לאַנג באַדאַרפט געווען קענען... דערנאָך האָט זי זיך אָוועקגעשטעלט איהם קוקען אין די הענט אריין, ווי ער אַרבייט, ווי ער דרעהט דעם וואַרשטאַט, און ווי אין וואַרשטאַט דרעהט זיך אַ שטיקעל האָלץ, און צוגעקוקט מיט נייגעריגקייט ווי פונ'ם שטיקעל האָלץ ווערט עפּעס אַ זאַך... מאיר'ן איז געווען היימליך און וואַרים פון דעם קוקען און פון דער נאָהענטקייט פון איהר שטעהן. באַמערקט ווי זי קוועלט אַזוי קינדעריש אריין פון די הילצערנע לאָקשען וואָס ער לאָזט ארויס פון הינטער'ן שטיקעל געצייג, האָט ער זיך געפלייסט וואָס לענגער אַזעלכע לאָקשען צו ציהען,

און זי האָט זיי געכאַפּט פון אונטער די הענט, זיך געצאַצקעט מיט זיי און שטאַרק הנאה געהאַט פון זייער לענג.

און דאָ האָט עפּעס געטראָפן... אַ קלייניגקייט, וואָס טרעפט ניט זעלטען. דאָס שטיקעל געצייג איז ביי איהם ארויס־געפאַלען פון די הענט און געפאַלען איהם אין פוס אריין, דורכ־געהאַקט דעם שוך און עטוואָס אָנגעריהרט דעם פוס... די מיידעל האָט זיך פּשוט ס'לעבען גענומען. זי האָט געמיינט, אַז זי איז שולדיג אין דעם, ווייל זי האָט איהם געקוקט אין די הענט אריין, און זי האָט גאָרניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך און מיט איהם, און האָט זיך אַזוי געערגערט, און מאָרגע, וואָס איהם האָט גאָר הנאה געטאָן די גאַנצע מעשה. ס'האָט איהם הנאה געטאָן, וואָס זי פיהלט זיך עפּעס שולדיג אין דעם און וואָס זי ערגערט זיך אַזוי פאַר איהם, און האָט זיך מיט זיין פוס געפּאַרעט, זי ארומגעוואַשען מיט קאַלטע וואַסער און פאַרבונדען אַזוי שעהן און איידעל, ווי מען וואָלט עס איהם, אָט די איבערבינדאַכץ, אין אַ שפּיטאָל געמאַכט.

אין צייט פון עטליכע טעג איז ער שוין געווען באַקאַנט מיט דער גאַנצער פאַמיליע, מיט טאַטע־מאַמע, מיט אַן עלטערער שוועסטער מיט איהרער אַן אויסגעגעבענער, וואָס האָט געוואוינט אויף דער שעהנסטער גאַס אין שטאָדט, דאָרטען וואו עס וואוינען אַלע רייכע מענשען, שעהנע בעלי בתים, דאָקטוירען און דענ־טיסטען, און מיט איהר ברודער (אויך עלטער פון איהר) האָט ער זיך באַקענט, און ס'איז געגוג געווען איינמאָל אַ קוק צו טאָן אויף אָט די פּנים'ער פון די מענשען, האָט מען געקענט זעהן די ליטישקייט זייערע. דאָס ערשטע מאָל, ווען זי, פייגעל הערמאַן, האָט איהם, מאיר'ן, פאַרבעטען ארויפצוקומען צו זיי אויבען, האָט ער עס עפּעס ניט פאַרשטאַנען: וואָס הייסט ער וועט געהן? צו וועמען? ער איז דען זייער גלייכען? נאָר דאָס ערשטע מאָל אַז ער איז ארויפגעקומען צו זיי אין שטוב און זיך באַקענט מיט די מענשען, איז איהם גאַנץ פאַרשטענדליך געוואָרען: טאַקע, פאַרוואָס עפּעס ניט געהן צו אַזעלכע צוגעלאָזטע און ליטישע,

וואָס נעהמען דיך אויף ווי זייערס א גלייכען, און אפילו אויף די פאָטאָגראַפיעס, וואָס ער האָט דאַרטען געזעהן שטעהן אויף דער קאמאָד, האָט ער געזעהן אַלע, וויפיל זיי זיינען דאָרטען געוועזן, אַלע מיט אזעלכע מילדע, לייטישע, גוטמוטיגע פּנים׳ער.

באקענענדיג זיך מיט דער גאנצער פאמיליע, איז איהם ערשט גלאָט געוואָרען אָט דאָס וואָס פון דער ערשטער באקאַנטשאַפט מיט דער מיידעל איז ביי איהם ניט געוועזן אינגאַנצען גלאָט... א בחור בלייבט דאָך א בחור, ווער ער זאָל ניט זיין און צו וואָס פאַר א קלאָס ער זאָל דאָרטען ניט באַלאַנגען, אַז ער זעהט פון א מיידעל פון דער ערשטער באגעגעניש אזוי פיל נאָהענטקייט און צוגעלאָזענקייט, איז לויפט דורך א געדאַנק: „כ׳וויים? אפשר?“ געזעהן אַז אַלע איהריגע זיינען אזוי, איז דאָס איהם געוואָרען פארשטענדליך.

א מעשה שוין פון צוויי יאָהר, און אזוי ציהט זיך עס די באקאנטשאפט זייערע, זיינע מיט איהר, מיט פייגעל הערמאַן, און מיט איהרע אייגענע, און איצט, דאכט זיך, אַז עפּעס געהט צו אַן ענדע... צו וואָס פאַר אַן ענדע?... ער האָט ניט געוואוסט, זיך ניט געקענט אָפּגעבען קיין חשבון נאָך וואָס און צוליב וואָס און צוליב וועמען ער געהט אויפ׳ן וואָקזאָל... וואָס וועט ער דאָרטען זעהן און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט שוין זעהן דאָס וואָס ער וויל (אָדער דאָס וואָס ער ערוואַרטעט) זעהן, וואָס וועט זיך דערמיט ענדערען?... ער וועט אויפהערען צו געהן?... אניט איז ער דען אַהין געגאַנגען?... זיכער ניט! ער האָט געוואוסט, און די גאַנצע צייט פארשטאַנען, אַז ניט זיינע פאַרדינסטען זיינען דאָס וואָס ער האָט א דריסת־הרגל אין דער שטוב אַריין, אַז דאָס איז נאָר א דאַנק דעם וואָס זיי זיינען אַזעלכע מענשען... ווען זיי וואָלטען געוועזן אזוי ווי אַלע מענשען, ווען זיי וואָלטען גע־בלאָזען פון זיך ווי אַלע אַנדערע פון זייער קלאָס, וואָלט ער אַהין אין שטוב קיין אריינטריט ניט געהאַט... אויב אזוי, אַז ער האָט עס די גאַנצע צייט אזוי גוט פארשטאַנען און פארשטעהט עס איצט ניט ערגער, טאָ וואָס באצוועקט אָט דאָס געהן זיינס

אויפ'ן וואָקזאַל?... וואָס געהט ער עפּעס נאָכשפּיאָנירען ווי זי, פּייגעל הערמאַן, וועט זיך שיידען מיט איהר קאָזין?... און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זיך איבערצייגען, אַז יאָ? און וואָס וועט זיין, אַז ניט?...

ער האָט דערזעהן פאַר זיך דעם גאַנצען אונזין... נעמען אין מיטען דערינען אוועקלעגען די אַרבייט און זיך אַוועקלאָזען אויפ'ן וואָקזאַל כדי אונטערקוקען... ניין, ס'איז עפּעס אַ משוגעת.

ער איז שטעהן געבליבען און ביי די זייטען האָבען זיך דורכגעהער געריבען אָן איהם, געהענדיג הין און צוריק אויף דעם שמאָלען טראָטואר. ער איז געשטאַנען ווי אַן איבעריגער פאַר דער גאַס, פאַר דעם העלען, ליכטיגען, וואָכעדיגען טאָג, וואָס איז עפּעס ניט ווי זיינער, ווי ער, דער טאָג, וואָלט אינגאַנצען באַ־לאַנגט צו די אַלע מענשען, וואָס טוען גאָרניט און וואָס די גאַנ־צע פאַרנעמאכץ זייערע און זייערע פאַרדינסטען באַשטעהט פון גאָרניט טאָן... אָט איז פון יענער זייט די בירזשע און עס דרעהען זיך אַרום פיינע אידען, חול־המועד'יג אָנגעטאָן, מיט שטעקלאַך אין די הענט, און מאַכען זיך אַ גאַנץ פיין לעבען דערפון וואָס זיי דרעהען זיך דאָ אַזוי אַרום... און אָט דאָרטען צווישען די אידען מיט בערד און אָהן בערד. דרעהען זיך אַרום אַ פּאָר יונגע צו־ציקעס וואָס זיינען שוין קנאַקערס נאָך איידער זיי זיינען דאָס אפילו. איינער דרעהט זיך דאָרטען מיט אַ פיין שטעקעלע, וואָס איז פון אויבען ביז אַראָפּ באַזעצט מיט מאָנאָגראַמען, און רויי־כערט זיך אַ פּאַפּיראָסעלע מיט אַזאַ צואוואָרפענקייט און גוט־פיהלען זיך, ווי ער וואָלט אַ ליאַדע ווילע געקענט אַרויסשפּייען דאָס פּאַפּיראָסעל פון מויל, ווייל דאָס רויכערען וואָס ער רויכערט איז ניט צוליב'ן רויכערען, נאָר צוליב... אַזוי האָט זיך מאיר'ן געדאַכט און ס'האָט איהם געקרענקט דער געדאַנק, וואָס ווען אָט דער חברה־מאַן וואָלט באַקאַנט געוועזן מיט פייגעל הערמאַן, וואָלט עס שוין אַנדערש געהאַלטען, ווי עס האַלט מיט איהם... אָט ווי פיין און לייטיש דאָס מיידעל מיט אַלע איהריגע זיינען, וועט דאָך ניט איהר און ניט איהריגע איינפאַלען, אַז איהם, מאיר'ן,

קען עפּעס איינפאַלען... און דאָס האָט איהם שמערצליך באַליי־
דיגט...

איז וואָס פּאַרט בלייבט? זאָל ער געהן אויפ׳ן וואָקזאַל, צי זאָל ער ניט געהן?... וואָס פאַר אַ חילוק איז איהם, צי פייגעל הערמאַן וועט אַ כלה ווערען פאַר איהר קאָזין, צי פאַר אַן אַנדער שווארץ יאָהר... פאַר איהם דאָך זיכער ניט... וואָס פאַר אַ לעבען וואָלט ער איהר געקענט געבען? אין בעסטען פאַל, אַזאַ לעבען ווי דער ברודער גיט דער שווענגערין... ביי דער שווענגערין איז אַ גאַנצע מציאה קאַקאַ. זי טרינקט עס אַלע פריהמאָרגען, די שווענגערין, קאַקאַ, און אַלע מאָל ווען זי טרינקט עס איז דאָס ביי איהר אַ גאַנצע מציאה, ווייל דער ברודער, דער מאַן איהרער, שטעהט איבער איהר און היט אָפּ דאָס טרינקען איהרס אַז נאָר זי זאָל טרינקען און זאָל ניט אוועקגעבען די קינדער. דאָרטען איז דאָס גאָר קיין זאַך ניט. פייגעל האָט גאָר פיינט קאַקאַ... די שווענגערין קאָכט אַליין און איז צופרידען, וואָס זי האָט וואָס צו קאָכען, און יענע וועט מסתמא האַלטען אַ דינסט נאָך דער חתונה.

צו וואָס די גאַנצע קאָפּ־דרעהעניש? ס׳האַלט דען דערביי? ביי ניט האַלטען האַלט עס דען? אפילו ביי ניט האַלטען האַלט עס דאָך נאָך אויך ניט... טאָ צו וואָס אָט די ניט גלייכע פאַר־גלייכעניש מיט דער שווענגערין... און אַז אפילו ער זאָל איהר יאָ קענען האַלטען אַ דינסט? אין דעם האַנדעלט זיך דען אין גאַנצען?... ס׳האַנדעלט זיך וועגען דעם, וואָס ער איז ניט איהר גלייכען און ס׳קען ניט געמאָלט זיין... גאָרנישט ניטאָ וואָס צו טראַכטען.

און וואָלט מען כאָטש די צוויי וואָכען וואָס יענער איז דאָר־טען געווען, וואָלט מען איהם כאָטש די צוויי וואָכען געוועזען צורוה געלאָזט. דעם ערשטען אָווענט פון יענעם טאָג, וואָס יענער איז געקומען, האָט פייגעל באַפוילען מיט׳ן דינסט־מיידעל, וואָס איז אַראָפּ צו זיי נאָך אַביסעל שפּענדלאַך, האָט זי מיט איהר באַ־פוילען ער זאָל אַרויפקומען צו זיי... האָט ער גראָד שכל געהאַט

און איז ניט געקומען... כאָטש צוליב וואָס דער גאַנצער שכל? צי האָט ער געמיינט, אַז ער קען זיך דאָרטען עפּעס קאַליע מאַ־כען מיט זיין קומען צי ער קען עפּעס בעסער מאַכען ווען ער וועט ניט קומען... ער האָט ניט געטראַכט וועגען דעם, דער שכל האָט איהם געזאָגט, אַז ער באַדאַרף ניט לויפען אהינצו דעם ערשטען אָוועט, וואָס דער גאַסט איז געקומען, אַז ס'איז רעכט, אַז ער וועט קומען אַ צווייטען מאָל, אַז ס'איז אפילו רעכט ער זאָל זיך גאָר איינגאַנצען ניט ווייזען אַזוי לאַנג ווי יענער דאָרטען וועט גאַסטעווען... אָבער זי האָט איהם ניט געלאָזט רוהען. אויף מאָרגען, ווען זי מיט'ן קאָזין האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט פּאַרפּוצטע ערגעץ אָוועקצוגעהן, האָט זי איהם אַריינגעשריען אין פענסטער אריין:

— קומט אריין צו אונז, מאיר!

און אַזוי ווי זי איז דאָרטען געשטאַנען נעבען קאָזין, אַזוי האָט זי איהם, דעם קאָזין, פאַר איהם, פאַר מאיר'ן, פון דער וויטענס יענעם פאַר איהם פאָרגעשטעלט.

— דאָס איז מיין קאָזין!

מאיר איז דאָרטען אַ פּאָר מאָל געווען פאַר די צוויי וואָכען וואָס דער קאָזין איז דאָרטען צוגאַסט געווען. איינמאָל האָט ער זיך אהינצו אַרויפגעכאַפּט ווען דער בחור־קאָזין איז ערגעץ אָוועק און ער האָט זיך עפּעס נאַריש געמאַכט מיט חכמות... זיך גע־מאַכט פאַר אַ תם, און געפרעגט צי ער איז שוין אַ חתן, דער בחור. מאיר האָט געוואוסט, אַז ניט, נאָר געפרעגט האָט ער עס צוליב דעם, וועלענדיג מיט דער פראַגע באַווייזען, אַז דער קאָזין קען זיין אַ חתן כאָטש ער פאַרמאָגט אַזאַ קוזינע און אַז דאָס מיידעל האָט איהם געענטפערט, אַז ניין, אַז יענער איז נאָך ניט קיין חתן, האָט ער זיך ווייטער געקליגט און זיך געמאַכט צום נאַר מיט זיין קלוגשאַפט:

— מסתמא האָט ער שוין דאָרטען אימיצען!...

דאָס מיידעל האָט איהם דאָ ווידער פאַרזיכערט, אַז ניט, און מאיר האָט אָט די פאַרזיכערונג איהרע פאַרבייגעלאָזט ביים

אויער און האָט זיך ווייטער גערעדט דאָס זייניגע,דאָס וואָס ער האָט געמיינט, אַז אַזוי לוינט זיך איהם איבער עפּעס צו ריידען..

— ער וועט שוין איינמאָל קריגען אַ מיידעל!

ווען מאיר איז אויפ׳ן וואָקזאַל געקומען איז נאָך געבליבען אַכט מינוט ביז׳ן אָפּגעהן פון דער באַהן. ער האָט זיך אריינ־געשטופּט אין לייטישער ענגשאַפט פון ערשטען און צווייטען קלאַס, וואו ערשט־קלאַסיגע און צווייטע־קלאַסיגע פּאַרשוינען האָבען זיך געפּלייסט אויף אַ לייטישען אופן איינס דאָס צווייטע ענג צו מאַכען און אַליין צו זיצען ערשט־קלאַסיג גערוים. מאיר האָט זיך אריינגעשטופּט צווישען די אַלע מיט רוהיגקייט און לייטישקייט פון איינעם, וואָס באַדאַרף ניט פאָהרען, נאָר ווי אַזעלכער, וואָס האָט זיך צייט און האָט ליב צו קומען און אָנ־צוקוקען ווי אַנדערע פאָהרען אוועק און דערפאַר האָט ער גענוג צייט און גענוג געדולד זיך צו שטופּען אין ענגשאַפט אריין. מאיר איז געווען זיכער, אַז צו דער צייט מוזען זיי שוין זיכער זיין דאָרטען אויפ׳ן פּעראָן, דערפאַר האָט ער זיך גלייך געשטופּט צום פענסטער, צום גרויסען וואָקזאַל פענסטער, וואָס איז געווען אַזאַ גרוים ווי אַ שטיק גאַס, אַ שטיק אינדרויסען איינגערעמעלט אין דער דיק־געמויערטער וואַנט. זיך דערשלאָגען צום פענסטער האָט ער גענומען נאָכקוקען, נאָכטשאַטעווען יעדעס פּאָרעל און יעדע איינציגע פּערזאָן, וואָס האָט זיך דאָרטען גערעהט אויפ׳ן פּעראָן הין און צוריק. ער האָט אויך געקוקט אויף קעפּ, וואָס האָבען ארויסגעקוקט פון די וואַגאָנען פענסטער און ענדליך דער־זעהן דאָס פּאָרעל, וואָס ער איז געקומען זעהן.

זי האָט איהם געפיהרט געאָרעמט און ביי יעדען האָט זיך געפיהלט אַ צורודערונג, אָבער פונדעסטוועגען האָט דאָך מאיר אַליץ ניט געקענט אַרויסטראָגען קיין אורטייל צי איז דאָס בלויז דאָס, וואָס עס באַדאַרף זיין, ווען עס פאָהרט אוועק אַ נאָהענטער קרוב, צי ס׳געפינט זיך אַ צומיש נאָך פון עפּעס...

— איינס, צוויי!

דאָס פּאָרעל האָט זיך אָפּגעשטעלט און שטעהן געבליבען

איינס אַנטקעגען דאָס אַנדערע, ווי אין גרייטקייט זיך צו וואַרפען איינס אויף דאָס צווייטע, ווען ס'וועט זיך דערהערען דער דריטער קלונג. מאיר'ן האָט אַזוי אָנגעהויבען קלאַפּען דאָס האַרץ, ווי ער אַליין וואָלט זיך געקליבען אַוועקצופאָהרען. ס'איז געוואָרען טומעלדיג און רעש'דיג, איינס נאָך דאָס אַנדערע זיינען די אָפּ־רייזענדע איינגעשלונגען געוואָרען אין די וואַגאָנעס אַריין און די פענסטער זיינען אַלץ געדיכטע און ענגער אָנגעשטאָפּט גע־וואָרען מיט קעפּ.

ביים דריטען קלונג האָבען זיךביידע ארומגעכאַפּט און ביידע האָבען זיך געטריי צוקושט. איינציייטיג האָט זיך דערהערט דאָס קאָנדוקטאָרשע פּייפעלע און דער בחור, דער קאָזין וואָס האָט נאָר־וואָס געקושט דאָס מיידעל, די קוזינע, און געכאַפּט קושען האָט זיך ארויפגעכאַפּט אויפ'ן אויבערשטען טרעפּעל פון וואַגאָן און דער צוג האָט זיך געריהרט און איז אַוועק, און פון וויטען האָבען זיי איינס צו דאָס אַנדערע געפאָכעט מיט די טיכלאַך, ווי עס האָבען עס געטאָן אַנדערע דאָרטען פון צוג און אַנדערע דאָ אויפ'ן פּעראָן, ביז דער צוג מיט יענע זיינען פאַרשוואונדען. ער, דער קאָזין, צוזאַמען מיט אַנדערע. און דאָ האָט די קוזינע צוזאַמען מיט אַנדערע באַגלייטער אָנגעהויבען צו פאַרלאָזען די פּלאַטפאָרמע...

מאיר איז אַוועק אַ צופרידענער, כאָטש ער האָט ניט באַ־מערקט און ניט געזעהן דאָס, צוליב וואָס ער איז אַהין געגאַנגען און באַגעהרט צו זעהן... און ער האָט פאַרלאָזט דעם וואָקזאַל אַ באַפרידיגטער, כאָטש זיין וואונש איז ניט ערפילט געוואָרען...

---

ס'איז אַריינגעפאַלען מאיר'ן אַן אומזיניגער געדאַנק און וויפיל ער האָט געוואוסט ווי אומזיניג דער געדאַנק איז, האָט ער זיך דאָך ניט געקענט באַפרייען פון איהם.

„אַוועקפאָהרען".

וואוהין? נאָך וואָס און צוליב וואָס? ער האָט געוואוסט פון וואַנען דער געדאַנק איז געקומען צו איהם... דאָס האָט איהם

יענעמ׳ס, איהר קאָזין׳ס אװעקפאָהרען, אָט דעם געדאַנק אריינ־געפאַסט אין קאָפּ אריין. יא, דאָס האָט ער געװאוסט, אָבער װאָס האָט דאָס צו טאָן מיט יענעם? יענער איז דאָך אװעקגע־פאָהרען דערפאַר, װאָס ער איז אהער געקומען. יענער איז גע־פאָהרען אהיים, און װאוהין װיל ער, מאיר, פאָהרען? איין זאַך איז איהם יא קלאָר געװוען: דאָס איז װאָס ער האָט יענעם מקנא געװוען אויף יענעמ׳ס אװעקפאָהרען. ער האָט יענעם מקנא געװוען אויף דער אָפּגעשיידקייט און װייטקייט... אויב ער, מאיר, קען ניט װעקען קיין אינטערעס אין דער מיידעל, פייגעל הערמאַן, מיט זיין נאָהענטקייט, איז אפשר װעט די װייטקייט, דאָס װייט זיין זיינס פון איהר... אָט װעט זי פארבייגעהן דאָס פענסטער װאו זי איז געװוען געװאוינט איהם אַלעמאָל צו זעהן און װעט זיך טראַכטען: אָט דאָ איז געשטאַנען מאיר און געאַרבייט. אָבער דאָס אַליין איז איהם געװוען װינציג. עפּעס האָט ער גע־װאָלט לאָזען נאָך זיך אַ בעסערען אַנדענקען װי דאָס אװעק־פאָהרען זיינס. ס׳הייסט טאַקע אװעקפאָהרען, אָבער זיך נאָר פארלאָזען בלויז אויף דעם, אַז זי זאָל צוליב דעם אַליין איהם געדענקען, האָט ער געפיהלט, אַז דאָס אַליין איז װינציג, אַז מיט דער צייט קען זי טאַקע פארגעסען אָן איהם, ס׳הייסט פארגעסען, אַז ס׳איז װען אַזאַ מאיר ביים פענסטער געשטאַנען און אַזעלכער איז אװעקגעפאָהרען און ס׳איז איהם איינגעפאַלען, ער זאָל איהר לאָזען עפּעס אַן אַנדענק נאָך זיך. ער האָט לאַנג אריינגעטראַכט און באַשלאָסען אויסצוטאָקען פאַר איהר צװיי שעהנע לייכ־טערלאָך.

ער האָט אריינגעאַרבייט נאָך זיין אייגענער ארבייט אין דער נאַכט אריין, אין דער זומערדיגער נאַכט אריין, האָט זיך געגריבעלט אין דער ארבייט, האָט אַלעמאָל געמאָסטען מיט די צירקלען די דיק פון יעדעם „שטאָדטיקעל" און יעדע „האָלקעלע", און אַזוי זיינען אונבאַמערקט איבערגעלאָפען אַנדערהאַלבען שעה אַז ער האָט גאָרניט באַמערקט װי די אַנדערהאַלבען שעה זיינען אװעק. ער האָט גאָרניט געפיהלט, אַז ער טוט אַ פיזישע ארבייט.

די פיזישע אַרבייט האָט זיך ביי איהם אינגאַנצען פאַרוואַנדעלט אין אַ מין הויך־גייסטיגען פאַרגעניגען, און אַ דאַנק דעם האָט ער ניט באַמערקט, ווי אַנדערהאַלבען שעה זיינען איבערגעלאָפען.

אָפּגעשמירט זיי מיט בראָנז, האָט ער זיי געלאָזט טריקענען און אַליין האָט ער זיך דערווייל אָרומגעוואַשען און זיך אויסגעפּוצט און זיי איינגעוויקעלט אין אַ שטיקעל פּאַפּיר, איז ער מיט אַ קלאַפּענדיג הארץ אַרויף צו איהר אויבען און אינגליש שמייכלענדיג האָט ער אָט דאָס פּאָרעל אויסגעוויקעלט פון פּאַפּיר אַרויס און זיי אַוועקגעשטעלט אויף דער קאָמאָד, האָט ער געזאָגט צו איהר:

— דאָס גיב איך אייך אַ מתנה, נאָר מיט דעם תנאי, אַז נאָך דער חתונה זאָלט איהר בענשען ליכט אין זיי.

ס'איז עפּעס געוועזן אַ ביטערער און ערנסטער שפּאַס. ער האָט געוואוסט, אַז זי וועט נאָך דער חתונה, אויב זי וועט בענשען ליכט, וועט זי האָבען זילבערנע לייכטער, און פונדעסטוועגען, אָט יוי ער האָט געוואוסט, אַז דאָס קען ניט זיין, איז דאָך ביי איהם אין הארצען אַזאַ באַגעהר געווען, אַז זי זאָל אין זיינע לייכטער, וואָס ער האָט געמאכט, בענשען ליכט. זי האָט די מתנה צוגענומען בסבר פּנים יפות און טשיקאַווע באַטראַכט די קונציג אויסגעטאָקטע קריגעלאַך, מיט אַלע איבעריגע געטאָקטע קונצען, האָט זי זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס מ'קען פון פּשוט'ן האָלץ מאַכען אַזעלכע שעהנע זאַכען, און האָט איהם ליבליך באַדאַנקט. דאָ איז אָנגעקומען די מוטער איהרע פון קיך און צוגעגאַנגען און באַטראַכט אָט־דאָס פּאָרעל לייכטערלאַך, האָט זי אַ צופרידענעם קוק געוואָרפען אויף מאיר'ן און געזאָגט איהם אַ דאַנק, און גלייך ווייטער, ווי זי וואָלט זיך געזוכט צו ערקלערען, פאַרוואָס זי דאַנקט, האָט זי געזאָגט, אַז די לייכטערלאַך וועלען איהר טאַקע צוניץ קומען אין קיך אַריין. אַזוי קומט איהר אַלע מאָל אויס אָנצושמעלצען די צוויי ליכט פון די בענש־ליכט, קומט אויס אָנצושמעלצען אויפ'ן קוימען... מאיר האָט זיך דערפיהלט אַזוי טיף באַליידיגט און געמוזט אָט־די באַליידיגונג טיף

אין זיך אראָפּשלינגען. ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער איז ווירקליך אַ גרויס נאַרישקייט באַגאַנגען... וואָס איז זי אַ פּי־צעלע מיידעלע, וואָס ער ברייננט איהר אַזעלכע מתנות... און ס'איז געווען אַזאַ האַרץ־ווערטאָג, וואָס ער האָט עס ניט גע־פיהלט מאַכענדיג אָט־די מתנה פאַר איהר, און ס'איז געווען אַזאַ בושה פאַר זיך אַליין, פאַר די שעהנע געפיהלען, וואָס ער האָט געהאַט דערביי, צוגרייטענדיג זיי פאַר איהר און אַריינלייגענ־דיג אין זיי אַזוי פיל מיה און אַזוי פיל ענערגיע און ניט האָבענ־דיג קיין אויסגאַנג, ווי אַזוי אַרום אויסצודריקען זיין טיפען פאַר־דרוס און וועהטאָג האָט ער פּלוצים הויך און גיפטיג אַ זאָג גע־טאָן:

— איהר ווייסט, איך פאָהר אַוועק!

— מאָהלט אייך! — האָט דאָס מיידעל געזאָגט.

דערפאַר האָט די מוטער געגלויבט. זי האָט אויסגעפונען, אַז ער באַדאַרף טאַקע פאָהרען:

— וואָס, ביים ברודער וועט ער זיך עפּעס דערלעבען און ערגעץ אַנדערש געהן צו אַ פרעמדען אַרבייטען קען ער ניט.

און דאָס מיידעל פייגעל הערמאַן האָט איהם פריינדליך גע־קוקט אין די אויגען אַריין און געזאָגט:

— כ'ווייס וואָס, וואָס טויג אייך פאָהרען.

— פאַרוואָס דאַרפסטו איהם אָפּשלאָגען? וואָס איז דיין עסק, וואָס? האָסט מורא דער ברודער זיינער וועט קיין „מענ־שען" ניט קריגען...

הערמאַן איז אָנגעקומען. ער אַליין, דער חשוב'ער איד, הער־מאַן, וואָס מאיר האָט איהם ניט אַנדערש גערופען ווי ר' הער־מאַן, און געמיינט דערמיט יוצא צו זיין אי פאַר'ן אידען, וואָס ער רופט איהם ר', אי פאַר'ן מיידעל, וואָס ער רופט דעם טאַטען איהרען ביי דער פאַמיליע. אַזוי האָט ער געמיינט איז דאָס גוט, אַזוי איז ער יוצא לכל הדעות, כאָטש ביינאַנד מיט דעם, ווי ער האָט געמיינט, אַז ס'איז גוט אַזוי, האָט ער איינצייטיג געמיינט, אַז ס'איז ניט אַזוי אין גאַנצען גוט, ווייל ער האָט נאָך ניט גע־

הערט אַז אימיצער זאָל רופען אימיצען ביי דער פאַמיליע מיט אַ „רב".

— דו ווייסט, טאַטע, ער פאָהרט דאָך שוין אַוועק פון אונז! — האָט די טאָכטער הערמאַן זיך געאיילט אָנצוזאָגען די בשורה דעם פאָטער הערמאַן.

— וואָס־זשע, זיך צו'הרג'עט מיט'ן ברודער?

מאיר האָט זיך פון דאָרטען, פון שטוב, ארויסגערוקט ווען מ'האָט זיך גענומען גרייטען צום טיש. ער איז אוועק פון דאָר־טען אין גאַנצען אַ צופּלאָמטער. ער האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי נאַריש און אומגליקליך ניט געפיהלט ווי אין יענעם אבענד. אראָפּ פון די טרעפּ איז ער שטעהן געבליבען און אריינגעקוקט אין שטוב אריין, האָט ער געזעהן ווי דער ברודער זיינער האַלט זיך מיט'ן קלענסטען קינד אויף די הענט און די שוועגערין שטעהט אָנטקעגען ברודער און אָנטקעגען קינד און בלאָזט אויף אַ הייסע קאַרטאָפליע, וואָס זי איז גרייט דעם קינד אריינצולייגען אין מיילכעל. ס'איז איהם געווען אומעטיג צו קוקען אויף דעם בילד. עפּעס ווי מענשען דרעהען זיך ארום אין אַ שטוב, וואו עס וואַלגערען זיך שפּענער און העלצער און וואַרשטאַטען און ער האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבען קיין רעכענונג, וועלכע שטוב איז איהם נעהענטער צום האַרצען, אָדער פאַרקעהרט, צו וועלכער שטוב ער פיהלט זיך פרעמדער, — צי צו דער, צי דאָרטען, צו דער אויבערשטער שטוב... וואָס איז איהם פרעמ־דער, דאָס זילבער וואָס ער האָט דאָרטען געזעהן ארויפלייגען אויפ'ן טיש, צי דאָ די שפּענער און העלצער וואָס וואַלגערען זיך אין מיטען שטוב... ס'האָט איהם שוין נאָך אַלעמען דערעסען אָט־די צושפּאַלטענקייט... נאָך וואָס? וואָס גיט עס איהם, וואָס וועט ער דערפון האָבען?... דאַרף ער קריכען און פיהלען אַז מ'טוט איהם אַ טובה וואָס מ'לאָזט איהם אהינצו קריכען? אַז מעהר זאָל ער ניט קריכען, וועט ער פאַרשפּאָרען האָבען די טובות און וואָלט ער באמת געווען פאַרליבט אינ'ם מיידעל... ער איז גאָר ניט פאַרליבט אין איהר. ער האָט זיך נאָר איינגערעדט...

איינגערעדט אויך ניט... גאָר ניט, עפּעס אַזוי גלאַט זיך אַזוי ציהט עס איהם... ווען יענע וואָלט זיך געהאַלטען אַזוי ווי אַזעל־כע באַדאַרף זיך אַנטקעגען אַזעלכען ווי ער איז האַלטען, וואָלט אָט־די ציהעניש אויך ניט געווען, וואָלט געווען „אַ גוט־מאָרגען, גוט־יאָהר!“

„איך בין דאָך אַ פערד, אַ פערד בין איך דאָך!“

די שוועגערין האָט דעם פערד אַריינגערופען עסען און מאיר, אַזוי גלייך ווי ער איז אַריין אין שטוב, האָט ער געזאָגט:

— איהר ווייסט, איך קען זיי ניט אָנקוקען אונזערע בעל־הבתים פון אויבען.

— פייגלען אויך ניט? — האָט די שוועגערין שעלמיש אַ פרעג געטאָן.

מאיר האָט צוגעשוויגען און די שוועגערין האָט ווייטער געזאָגט:

— דו שיינסט גאָר אויף, אַז דו דערזעהסט זי. האַלטסט זיך אין איין שפּילען מיט איהר.

— זי שפּילט זיך מיט מיר, ניט איך מיט איהר.

— אפשר איז זי פאַרליבט אין דיר? — האָט דער ברו־דער איהם אַריינגע׳חוזק׳ט.

מאיר האָט זיך אויסגעבאַהאַלטען איין אָבענד און אַ צווייטען. ער האָט ניט געוואָלט זיך דרעהען יענע לייט דאָרטען, די אויבערשטע לייט, וואָס האָבען געוואוינט פון אויבען, פאַר די אויגען, כדי יענע זאָלען איהם פאַרשפּאָרען בעטען אַרויפגעהן צו זיי, און ער זאָל פאַרשפּאָרען אָפּצוזאָגען און געוואָלט אויף אַזאַ אופן אויפהערען צו געהן אַהין און אַז דאָס אויפהערען געהן זיינס צו זיי זאָל דורכגעהן אומבאַמערקט.

אין אַ געוויסען פריהמאָרגען איז זי אַריינגעקומען מיט׳ן גרייטען, גלייך אַריינגעפאַלען מיט דער פראַגע:

— וואָס הערט זיך, ווען פאָהרט איהר?

דער ברודער האָט אויסגעשטעלט אויף איהם אַ פּאָר פאַר־

וואונדערטע אויגען און מאיר האָט זיך גלייך געכאפּט צו פאַר־לויפען:

— וואָס'ער פאָהרען, ווען פאָהרען, ווער פאָהרען?

— אַז מ'קלינגט איז דאָך מסתמא דאָ אַ פּגר — האָט דער ברודער געזאָגט מיט אַ סאַרקאַסטישען טאָן און אַ רוף געטאָן די שווענערין — הער נאַר, ער קלייבט זיך דאָך גאַר אַוועקצופאָה־רען פון אונז, און מיר ווייסען גאַר ניט. אַנדערע ווייסען און מיר ווייסען ניט.

מאיר האָט געזאָגט, אַז ווען ס'וואָלט געהאַלטען דערביי וואָלטען זיי אויך געוואוסט.

— די לעצטע מינוט, הייסט עס!... וואָס־זשע, איך באַ־דאַרף עס גאָר ניט וויסען?

— מיר וועלען איהם ניט לאָזען פאָהרען! — האָט דאָס מיידעל געזאָגט, צושאַרענדיג מיט אַ פיסעל אַביסעל שפּענדלאַך.

די שווענערין האָט עס מיט אַ דיפּלאָמאַטישען אויסוועג גע־וואָלט צונישט מאַכען:

— וואָס דרעהסטו אַ מוח, וואָס? וואוהין פאָהרען, ווען פאָהרען, וואוהין האָט ער צו פאָהרען, וואוהין? ס'שטעהט דאַר־טען אָנגעגרייט פון זיינעטוועגען, מ'קוקט ארוים אויף איהם?

מאיר האָט זיך געפונען שטאַרק געטראָפען פון די ווער־טער. ס'האָבען זיך אָנגעצונדען ביי איהם די אויערען און דער ניט־לאַנג פריש־ארומגעשווירענער און ארומגעראַזירטער קארק און מיט אויגען פאַרדריסיגע און שטעכעדיגע, האָט ער זיך אויסגע־דרעהט צו דער שווענערין און געזאָגט, אַז ווען ס'וואָלט ביי איהם געהאַלטען ביי פאָהרען וואָלט ער זיך שוין דערפאַר ניט אָפּגעשטעלט... ער האָט ניט קיין מורא, ער וועט שוין אין ער־גיץ ניט פאַרפאַלען ווערען און פאַרענדיגט מיט אַזעלכע ווער־טער:

— איהר זאָלט זיך נאַר ניט דרעהען דעם קאָפּ פאַר מיר... איך וועל שוין מיך אַליין פאַרזאָרגען.

דאָס מיידעל האָט זיך קענטיג גאַנץ באַקוועם ניט געפיהלט...

זי איז געווען זיכער, אַז מ׳וויים עס דאָרטען און דאָס וואָס ער האָט זיך שוין אַ פּאָר טעג צו זיי ניט געוויזען, איז געווען אַ באַ־ווייז, אַז ער גרייט זיך טאַקע אין וועג אריין. זי האָט גאָר קיין אויסוועג ניט געהאט ווי זיך ארויסצודרעהען פון דער אונאַנגע־נעהמער לאַגע און זי האָט געפּרואווט ארויסצוקריכען פון איהר מיט טיפּזיניגען שפּאָס: זי האָט צונויפגעקליבען פון דער פאַר־לאָגע עטליכע לאַנגע הילצערנע לאָקשען און האָט איינע נאָך דער אנדערער גענומען וויקלען ארום מאיר׳ס האַלז און ארום איהר האַלז,ביידע העלזער צוזאַמען פאַרדרעהט מיט די לאַנגע לאָקשען־שפּענער און, אָפּגעטאָן די ארבייט, האָט זי געזאָגט, אַז איצט וועט ער שוין ניט אַנטלויפען. זי האָט טאַקע מיט אַ האַלבען ערנסט פאַרזיכערט דעם ברודער און דער שוועגערין מאיר׳ס:

— ער וועט שוין ניט קענען אַנטלויפען... — האָט זי גע־זאָגט.

יאָ, דאָס איז דאָך שוין זיכער געווען אַ שפּאָס און דאָך איז געשעהן עפּעס אויסערגעוועהנליכעס. וואָס מאיר, וויסענדיג, אַז זי שפּאַסט, איז עפּעס אַזוי ווי פאַר׳כשופ׳ט געוואָרען פון דעם איינפאַל, און ער האָט זיך מורא געהאט אַ ריהר צו טאָן, ער זאָל מיט אַ ריהר ניט צורייסען אָט־די שפּענערשע שטריקלאַך, וואָס זיינען געווען שוואַכער נאָך פון שפּינוועבס... ער האָט קיין ריהר ניט געטאָן מיט׳ן האַלז און נאַקען און איז געווען בלוטיג פאַר־אינטערעסירט אָט דעם שפּאָס אָנצוהאַלטען און זיך האַלטען אָן איהם ווי אָן עפּעס גאַנץ ערנסטעס און אין דער פאַר׳כשופ׳טער ראָלע האָט ער זיך געפלייסט צו ציהען פונ׳ם האַלז וואָס לייג־גערע און ברייטערע לאָקשען און זי, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט דאָרטען, האָט געכאַפּט פון אונטער זיינע הענט אָט־די לאָקשען און אַלץ געוויקעלט און געוויקעלט ארום זיך און ארום איהם און געמאָטעט און צונויפגעמאָטעט איהר האַלז מיט זיינעם.

— קיינער בינדט דיר ניט, — האָט דער ברודער געזאָגט, — קענסט זיך פאָהרען געזונטערהייט וואוהין דו ווילסט... מיר פאַר־

דריסט נאָר וואָס דו באַהאַלסט זיך פאַר אונז. דאָס פאַרדריסט מיר, וואָס אַנדערע ווייסען וויסען דאָס און מיר ווייסען דאָס ניט, דאָס אַרט מיר... אָבער ווייטער, — געזונטערהייט...

— וויים איך וואָס! — האָט פייגעל הערמאַן געוואָלט צו־נישט מאַכען דאָס גאַנצע עסק וואָס זי האָט אָנגע'עסק'ט, — ער פאָהרט ניט, ער האָט עס געלאַכט און איך האָב עס איהם אי־בערגעפרעגט אין א געלעכטער.

מאיר האָט זיך אַזוי איינגעהערט אין די ווערטער און ס'איז געווען צו זעהן, ווי ס'האָט ביי איהם איין מאָל און א צווייטען מאָל א ציטער געטאָן די הויט, וואָס האָט צוגעדעקט דעם קינבאַק אונטער'ן אויג און דאָ גאָר פלוצים האָט ער זיך געגעבען א ריס ארויס פון די ארומגעוויקעלטע שפּענער, האָט זיך א ריס געטאָן מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער וואָלט געווען מיט שטריק געבונדען, און אַזוי גלייך ווי ער האָט זיך געגעבען א ריס אָפּ און באַפרייט דעם האַלז זיינעם פון איהרען און פון די שפּענדלאַך האָט ער גיפטיג און האַסטיג געזאָגט:

— יאָ, יאָ, איך פאָהר! נו, איז וואָס, איך האָב פאַר קיי־נעם קיין מורא ניט...

---

אַז די פאַנטאַזיע וועגען אוועקפאָהרען האָט באַדאַרפט אָנ־הויבען צו פאַרווירקליכט ווערען, איז די פאַנטאַזיע געוואָרען אויס פאַנטאַזיע און אַזוי ווי ס'איז געוואָרען אויס פאַנטאַזיע, אַזוי איז געוואָרען אויס ווירקליכקייט. ער האָט זיך אָנגעהויבען צו באַטראַכטען: וואוהין וועט ער פאָהרען? ווער וויים וואָס פאַר א פּלאַנעניש איהם שטעהט דאָרטען ערגעץ פאָר, דאָ איז ער דאָך פאַרט ווי ביי זיך אין דער היים, אפשר נעהמט ער טאַקע ביים ברודער ווינציגער מיט עטליכע רובעל א חודש, אָבער ער איז דאָך פאַרט ביי אייגענע... דאָ איז אויך א פראַגע אויב אפילו שוין יאָ פאָהרען, אויב ער מיינט, אַז ער מוז שוין פאָהרען, ווייל ער אליין האָט עס אויפגעבויט, טאָ צי זאָל ער ווייט אוועק־פאָהרען, צי ס'איז גלייכער וואָס נעהענטער, כדי אַז ס'וועט אויס־

קומען זאָל ער קענען קומען צוריק... יאָ, ס'וואָלט געהאַט אַ שעהנעם פּנים אָוועקפאָהרען און צוריקקומען... מילא, וואָס מאַכט עס אויס, אָנגעוואָרען האָט ער דערמיט גאָרניט, לאָז דאָס אַזוי בלייבען העגגען אין דער לופטען, לאָז מען דענקען, אַז ער פאָהרט ניט ווייל דער ברודער און די שווּעגרין האַלטען איהם אָפּ דערפון. אָבער אַ חוץ אָוועקפאָהרען טוען דאָך מענשען אין אַזאַ פאַל אויך אַנדערע זאַכען, ווען זיי געפינען זיך אין אַזאַ לאַגע ווי ער געפינט זיך. פאַראַן אַזעלכע וואָס פאָהרען גאָר אין גאַנ־צען אַוועק פון דער וועלט, ווען זיי קענען ניט דערגרייכען די גלוסטונג פון זייערע הערצער, טאָ פאַרוואָס זאָל ער ניט אַ טראַכ־טאָן וועגען דעם?... אויב ס'איז גוט אַרויסצולאָזען אַ קלאַנג וועגען פאָהרען (און ניט פאָהרען), איז דאָך נאָך בעסער צו לאָזען הערען, אַז ער קלייבט זיך דאָס לעבען זיך צו נעמען (און ניט נעמען); אויב פאָהרען און ניט פאָהרען איז גוט, איז דאָך שטאַרבען און ניט שטאַרבען נאָך בעסער, דאָס איז פיל, פיל אַ... האַלטסרייכער: „מאיר האָט זיך גענומען דאָס לעבען"; ס'איז גאָר קיין פאַרגלייך מיט דעם, ווי מ'וואָלט געזאָגט: „מאיר איז אָוועקגעפאָהרען". און אויב ס'איז אַזוי געשמאַק און אַנגענעם וועגען פאָהרען צו דענקען, איז דאָך נאָך אַנגענעמער צו טראַכ־טען וועגען נעמען זיך דאָס לעבען; ער וועט איבערלאָזען אַ קוויטעלע אַזוי און אַזוי: אַזוי ווי ער איז שטאַרק פאַרליבט אין פ. ה. און אַזוי ווי ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט זי ניט קענען דערגרייכען, איז דעריבער האָט ער באַשלאָסען זיך נעמען דאָס לעבען... און אפשר וואָלט עס טאַקע געווען אַ פּלאַן צו לאָזען איהר הערען, אַז אַזוי און אַזוי... אפשר ווען ער וועט איהר, פייגעלען, ערקלערען, אַז ער געהט זיך נעמען דאָס לעבען דער־פאַר, ווייל... איז אפשר וועט זי?... זי איז דאָך אַזאַ וואוילע און אַזאַ הארציגע... זי וועט ניט וועלען, אַז איבער איהר זאָל אַ יונגער מענש געהן פון דער וועלט. און וואָס וועט זיין, אַז דאָס וועט זי ניט אָפּשרעקען, אַז זי וועט זיך אויסלאַכען פון איהם, וואָס וועט ער דאַמאָלסט טאָן? דאַמאָלסט וועט ער דאָך שוין

מוזען אַנטלויפען וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט און פאַה־רען האָט ער דאָך קיין חשק ניט, ווייל ער ווייס ניט וואוהין צו פאָהרען איז אפשר טאַקע גלייכער, אז ס'זאָל בלייבען ביי דעם, אז ער האָט טאַקע געהאט בדעה צו פאָהרען, נאָר דער ברודער און די שוועגערין האַלטען איהם אָפּ, נאָר אַזוי גיך ווי זי, דער ברודער און די שוועגערין, ווען איהם אָפּלאָזען, זאָגט ער „זייַ־געזונד” און איז שוין ניט קיין היגער.

דערווייַלע האָט ער באַשלאָסען זיך פאָטאָגראַפירען. דאָס האָט געזאָלט דינען אַלס באַווייז, אַז ער האָט זיין פּלאַן ניט אויפ־געגעבען און דאָס געהט ער זיך פאָטאָגראַפירען צו איבערלאָזען נאָך זיך דאָס בילד זיינס אויף אָן אָנדענק, אזוי ווי דאָס טוען אַנדערע איידער זיי פאָהרען ערגעץ ווייט און אויף אייביג אַוועק... פאַרשטעהט זיך, אַז אין זינען האָט ער דאָ געהאַט מיט'ן בילד ניט קיינעם, נאָר דאָס מיידעל, פייגעל הערמאַן. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי זי וועט איינרעמלען דאָס בילד זיינס און דאָס אוועקשטעלען אויף דעם קאָמאָד, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע ביל־דער און בייַנאַנד מיט'ן קאָזינ'ס בילד... און אַזוי ווי זי האָט זיך שוין פיל מאָל פאָטאָגראַפירט, האָט ער ביי איהר געפרעגט צו וועלכען פאָטאָגראַפער ער זאָל זיך געהן פאָטאָגראַפירען.

זי האָט איהם ביי דער געלעגענהייט געוויזען אַ גאַנצען אַל־בום מיט פאָטאָגראַפיעס, פאָטאָגראַפיעס פון פרעמדע, פון איי־גענע און פון זיך אַליין. אָט דעם אַלבום האָט זי איהם נאָך גאָר ניט געוויזען. דאָ אין דעם אַלבום האָט ער נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל געזעהן איהר קאָזינ'ס בילד אין פאַרשידענע פּאָזעס. אויף איין אָרט געהען זיי איינס נאָך דאָס אַנדערע, פריהער געהט איהר בילד אין איין טאָוועל אַריינגעשטעקט, אין צווייטען געהט דעם קאָזינ'ס בילד, אויף לעצט האָט זי איהם געוויזען איין בילד און זיך צושמייכעלט מיט אַ טרויעריג שמייכעלע און געזאָגט, אַז דער יונגערמאַן איז טויט, אַז דער יונגערמאַן האָט אויסגעטרנוקען גיפט איבער אַ מיידעל... דאָס מיידעל איז טאַקע איהרע אַ קו־זינע, איהר קאָזינ'ס, וואָס איז דאָ געווען, אַ שוועסטער. און איהם

גלייך דאָס מיידעל געוויזען, איבער וועלכער יענער האָט זיך דאָס לעבען גענומען:

— אָט דאָס איז זי!

מאיר האָט זיך ערשט צוגעקוקט און דערזעהן, אַז דאָס מיידעל איז געוואלדיג עהנליך צו פייגלען, האָט ער געזאָגט:

— זי זעהט דאָך אויס אין גאנצען ווי איהר! — און גלייך מיט א טיפער אינערליכער צורודערטקייט צוגעגעבען:

— אפשר וועט מען זיך איבער אייך אויך נעמען דאָס לעבען?

— אפשר? — האָט זי געזאָגט און זאפטיג געלאכט.

גאָר אונערוואַרטעט פאַר מאיר'ן האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט געהן מיט איהם, אַז זי וועט איהם פיהרען צו איינעם א גוטען פאָטאָגראפער, וואָס איז איהרער א גוטער באַקאַנטער. זי האָט איהם יענעם, אָט דעם איהר באַקאַנטען פאָטאָגראפער, אויך גע־האַט דאָ אין אַלבום. איבערגעמישט עטליכע דיקע טאָוולען, האָט זי אויף איהם אָנגעוויזען:

— דאָס איז ער! דאָס איז די פאָטאָגראפיע פונ'ם פאָ־טאָגראפער!

ס'איז שוין גאָר געווען א גרויסער סורפּריז פאַר איהם, אָט־דאָס וואָס זי וועט איהם פיהרען און געהן מיט איהם צום פאָ־טאָגראפער.

געערדט האָט מען וועגען דעם אין מיטען דער וואָך און אָפּגעלייגט האָט מען דאָס אויף שבת. מאיר האָט קוים דערלעבט דעם טאָג, די שעה, די מינוט. ער איז געשטאַנען אין דרויסען און געוואַרט אויף איהר. ער האָט געוואוסט, וואָס זי טוט דאָרטען אויבען, ער האָט געוואוסט, אַז דאָס גרייט זי זיך און פוצט זיך אין וועג אריין מיט איהם צו געהן, איהם צו פיהרען... און אפשר מיינט זי דאָס גופא אויך ניט אינגאַנצען... אפשר?... און ער וויים עם גאָרניט... אפשר געהט זי?... אפשר מיינט זי?... און דאָס קאָן דאָך ניט זיין... ווען ס'וואָלט שוין דערביי האַלטען... און אפשר האַלט עס טאַקע דערביי,

נאָר ער ווייס ניט... זי וואַרט אויף איהם, זי, אז ער זאָל... וואָס זאָל ער?... אפשר האָט זי אומישנע צוגעטראַכט אָט דאָס פיהרען איהם צו איהר באַקאַנטען פאָטאָגראַפער, כדי צו געהן מיט איהם און איהם געבען א געלעגנהייט, ער זאָל איהר פאָרשלאָגען מיט איהר זיך פאָטאָגראַפירען? אליין איז ער געווען אויסגעפוצט פון קאָפּ ביז די פיס, געראַזירט און געשוירען. ער האָט אויסגעזעהען ווי נאָר אזעלכער וואָס געהט זיך פאָטאָגראַפירען. ער האָט אָנגעטאָן נייע שקאַרפּעטקעס און די שיך האָבען ביי איהם געגלאַנצט ווי שפּיגעלאַך.

ווען דאָס מיידעל האָט זיך באַוויזען, איז דאָס פּנים זיינס מיט'ן האַלז און נאַקען אָפּגעגאָסען געוואָרען מיט א געדיכטער רויטקייט. די אויגען זיינען געוואָרען גלאַנציג און שפּיציג, ווי ער וואָלט עטלאַכע גלעזער ווייך אויסגעטרונקען... די ליפּען זיינע האָבען זיך בליציג געוואָרפען און מיט שמייכעל האָבען געציטערט די ווינקלען פון פּנים, מיט א שמייכעל פון א מבולבל'קייט און פון א לאַגע אזעלכע, וואָס איינער, וואָס געפינט זיך אין אזא לאַגע ווייס אליין ניט א וועלכע לאַגע דאָס איז — א גוטע צי א שלעכטע, אָדער ס'איז גוט און שלעכט איינצייטיג... ער האָט געוואוסט, אז דאָס האָט זי זיך פון זיינעטוועגען פאַרפּוצט מיט איהם צו געהן, אָבער ס'וואָלט ניט געווען פאַר איהם אינגאַנצען אומערוואַרטעט, ווען אין דעם מאָמענט כאַפּט זי אַן אנדערען און זי געהט אַוועק מיט'ן אנדערן... זי האָט אזוי געלויכטען, דאָס גאַנצע פּנים איז געווען ביי איהר איין שמייכעל און די אויגען איהרע האָבען געקוקט אויף איהם מיט אזוי פיל מילדקייט און וואַרימקייט און צוגויפ־געגאָסען מיט איהר פּנים און מיט איהר שמייכלען האָט זיך דאָס קלייד איהר'ס; א לייכט, העל־זומער־קלייד, וואָס האָט געמאַכט אויף איהם אזא איינדרוק, אז זי האָט איהר וואָג פאַרלאָרען... איהם האָט זיך געדאַכט, אז ער וואָלט זי געקאָנט אויפהויבען מיט איין האַנט און וואָלט זי געקאָנט אַוועקשטעלען ביי זיך אויפ'ן אַקסעל, ווי ער טוט עס מיט'ן ברודער'ס

מיידעלע... און איינציייטיג און צוזאַמען מיט דער פרייד מיט זיינער האָט זיך עפּעס געמישט און געקלאַפּט א בושה אין זיין גאַנץ וועזען.. עפּעס האָט ער זיך געשעמט און ניט געקענט אָפּגעבען קיין רעכענונג פאַרוואָס און אין וואָס אייגענטליך דאָס שעמען זיך זיינס באַשטעהט. ער האָט זיך געשעמט פאַר די זייטיגע בליקען, וואָס איינער און א צווייטער דורכגעהער האָט געוואָרפען אויף איהם, אויף איהר און אויף זיי ביידען... ווער ווייס, אפשר איז פאַר זיי רעכט געווען, אז דאָס איז חתן־כלה אָדער א יונג פּאָר פּאָלק. און דאָס איז געווען א געוויסע טייל פון זיין שעמען זיך, וואָס ער האָט זיך געשעמט, וואָס יענע מיינען דאָס (אָדער קאָנען דאָס מיינען) און ס'איז ניט און כ'קאָן ניט זיין אָט דאָס, וואָס יענע מיינען...

ער האָט דאָרטען, אין פאָטאָגראַפיע, ביים פאָטאָגראַפער, געטראָפען נאָך עטלאכע פּאָרלאַך, אייניגע וואָס זיינען זיך ערשט געקומען פאָטאָגראַפירען, און א פּאָר פּאָרלאַך, וואָס זיינען שוין געקומען אָפּנעמען זייערע בילדער. א בחור'ל, אָן איידעלס און א דארס, א טרוקענס און, ווי מאיר'ן האָט זיך געדאכט, א קאַלטס, האָט אַרויסגעגעבען די פאַרטיגע פאָטאָגראַפיעס און פאַרשריבען די נייע, וואָס זיינען געקומען זיך פאָטאָגראַפירען. ענדליך איז ער, מאיר, צוגעטראָטען צום טיש און צום בחור'ל, א פאַרשרייבער, און יענער האָט עפּעס אזוי גלייכגילטיג און קאַלט א פרעג געטאָן צי ער וויל אין צווייען, צי אַליין זיך פאָטאָגראַפירען, און אָט די פשוט'ע און גלייכגילטיגע פראגע פון דעם דאָרען בחור'ל האָט איהם געגעבען א יאָג אריין א כוואַליע בלוט אין פּנים אריין און ער האָט מאָמענטאל גע־ענטפערט:

— ניין, אַליין...

אריינגעקומען אין דעם גרויסען גלעזערנעם חדר, וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק ווי א שטיק־אין־דרויסען, אָפּגעצאַמט פון גלאָז, האָט ער דאָרטען געטראָפען שטעהן פאַרגליווערט א פּאָרעל, וואָס האָט אומבאַוועגלאך און מיט אויגען פאַרשטאַרצטע

געקוקט אַנטקעגענאיבער צום גלעזערנעם אויג פון אַפּאַראַט, און דאָרטען,ביים אַפּאַראַט איז געשטאַנען אַ פּאָר פּיס מיט אַ קערפּער פון אַ מענשען און אַ שוואַרץ שטיקעל געוואַנט האָט אָט דעם מענשען צונויפגעגאָסען מיט'ן אַפּאַראַט און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קוקט דער מענש מיט אָט דעם גלעזערנעם אויג אויף דעם פּאָרעל. און נאָכדעם ווי יענער האָט זיך אָפּגעדעקט און אָפּגעטאָן די ארבייט זיינע, איז ער באַלד אַ שמייכלענדער און אַ צופרידענער אַנטקעגענגעגאַנגען זיין מאיר'ס, באַגלייטערין, האָט נאָך פון ווייטענס אויפגעהויבען די הענט און זיי, די הענט, צוגעטראָגען צו איהר אויפגעהויבענער־הייט, און אריינכאַפּענדיג איהר האַנט, האָט ער זי געטרייסעלט, געדריקט און געקוועטשט, און אין דעם אַלעמען איז געווען צו זעהן, אַז ער, דער פאָטאָגראַפער, איז זעהר נאָהענט מיט איהר באַפריינדעט און איינציימיג האָט זיך געשפּירט עפּעס אַ מין לייכטקייט אין דער פריינדשאַפט, אַז ס'איז עפּעס מעהר מאַניער, ווייל אַזעלכער באַדאַרף אַזוי, אַז פאַר זיין פּרנסה פּאַסט זיך עס אַזעלכע מאַניערען. מאיר האָט איהם מקנא געווען, וואָס ער איז אַזעלכער און וואָס אַזעלכען פּאַסען אַזעלכע מאַניערען...

— ווי אַזוי ווילט איהר, אַ העלפט צי אינגאַנצען? — האָט דער פאָטאָגראַפער געפרעגט ביי מאיר'ן.

מאיר האָט אַ קוק געוואָרפען אויף זיינע גלאַנציג־אויס־געפּוצטע שיך און קאַלעמוטנע אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'וואָלט דאַכט זיך גלייך געווען אינגאַנצען זיך פאָטאָגראַפירען, אָט ווייל די שיך גלאַנצען ביי איהם אַזוי. ער האָט אַ קוק געוואָרפען אויף זיין באַגלייטערין און זי האָט אויפגעכאַפּט אָט דעם בליק און איהם געראַטען בעסער אַ העלפט זיך פאָטאָגאַפירען, און דער פאָטאָגראַפער האָט דאָן קונציג באַמערקט:

— ס'איז אַן איבעריגע זאַך... וועל דאַרף עס אייערע הויזען, וועל?...

און מאיר האָט זיך טאַקע געכאַפּט, אַז ס'איז טאַקע אַן

איבעריגע זאַך... אויב אַ שטייגער ער וועט איהר געבען אַ קאַרטע, וואָס דאַרף ער דאַרטען שטעהן ביי איהר אין דער גאַנצער לענג. ס'איז גענוג אַ העלפט... ס'הייסט, אויב זי וועט פאַרלאַנגען זיין בילד צו האָבען וועט אַ העלפט פון איהם אויך זיין איבער גענוג.

און ער האָט גלייך פאַרגעסען, אַז ער האָט אַ אונטערשטע העלפט און זיך פאַרנומען צו פוצען און צו ברייינגען אין אָרדנונג די אויבערשטע העלפט זיינע. ער האָט אָנגעהויבען פון קאָפּ, איז אַריבער צום שניפּס און קאָלנער, נאָכהער האָט ער גענומען ציהען און גלעטען דעם קאַמזייל און דאָס רעקעל און דאַרטען דערווייל האָבען זיך געפיהרט אַ שמועס דער פאָטאָ־גראַפער מיט זיין באַגלייטערין, פייגעל הערמאַן. מאיר האָט אין שפּיגעל געזעהן, ווי דאָס גאַנצע געזיכט איהרס חנ'דעלט זיך און דער גאַנצער קערפּער איהרער האָט געשפּילט אַ שפּיל פון וועלען געפעלען זיין. אַלעס אויף איהר, יעדע גרימאַסע אויף איהר פּנים און יעדער ריהר און יעדער בויג פון איהר קערפּער, האָט אויסגעדריקט צופרידענהייט און אומבאַשטימטע פאַרלאַנגען, און דערביי האָט זי געלאַכט, כאָטש ניט דער פאָ־טאָגראַפער און ניט זי, האָבען ניט גערעדט אַזעלכעס, פון וואָס ס'זאָל זיין צו לאַכען. מאיר איז געוועזן צופרידען וואָס זי פיהלט זיך אַזוי אויפגעלייגט אין דער געגענוואַרט פון דעם פאָטאָגראַפער. ער האָט עפעס אַ מין נקמה אָפּגענומען אין דעם קאָזין איהרען, און שפּעטער מיט אַ פּאָר מינוט, ווען ס'איז אַריינגעקומען אַ נייער פאַרשוין און פייגעל האָט צו דעם (פאַרשטעהט זיך אַ באַקאַנטער איהרער) אַרויסגעוויזען דיזעלבע שפּילעוודיגקייט ווי צו יענעם, האָט מאיר שוין אָפּגענומען נקמה אין'ם פאָטאָגראַפער...

מאיר'ן האָט זיך ביז'ן לעצטען מאָמענט גע'חלום'ט אַ חלום אויף דער וואָהר, אַז ס'קאָן דאָך געשעהן, דאָס וואָס ער אַליין האָט ניט געגלויבט, אַז דאָס זאָל געשעהן... ביז'ן לעצטען מאָמענט, אפילו דעמאָלט, ווען ער איז שוין געשטאַנען ווי אַן

אויסגעגאָסענער אַנטקעגען טונקעלען אויג פון אַפּאַראַט, האָט זיך איהם אַלץ געגעבעלט אין קאָפּ, אַז אָט־אָט וועט זי, פייגעל, צושפּרינגען און וועט זיך אַוועקשטעלען נעבען איהם און...

— רוהיג! רוהיג! — האָט דער פאָטאָגראַפער עטלאַכע מאָל צו צוויי מאָל איבערגע'חזר'ט די ווערטער — פּינטעלט ניט מיט די אויגען! וואָס שפּרינגט עס דאָרטען ביי אייך אונטער'ן אויג, וואָס... קוקט אַהער־צו, דאָ, צו מיר גלייך... רוהיג, רוהיג, פאַרטיג!

ווי שוין גאָר אַ היימישע, ווי נאָר ווען מ'איז נאָהענט באַפריינדעט מיט'ן פאָטאָגראַפער, און נאָך היימישער און נאָך נעהענטער מיט דעם, וואָס האָט זיך פאָטאָגראַפירט, איז זי, פייגעל הערמאַן, צוגעלאָפען צום פאָטאָגראַפער און זיך געהייסען ווייזען דאָס, וואָס זי האָט אָנגערופען „נעגאַטיוו", און גלייך האָט זי איהם, מאיר'ן, אַ רוף געטאָן און איהם אָנגעוויזען אויף אַ שטיקעל גרויער פאַרזעהעניש מיט ווייסע אויגען־לעכלאַך אויף אַ מאַטאָווען גלאָז.

— איהר דערקענט זיך? — האָט זי געפרעגט און געלאַכט.

ס'האָט געמאַכט אויף איהם אַ שלעכטען איינדרוק... ווען ער ווייס ניט, אַז דאָס איז ער, וואָלט ער זיך זיכער ניט דערקענט... נאָר עפּעס איז אויף די ליפּען געווען פון איהם פאַר איהר באַקאַנטעס... עפּעס האָט עס אויסגעזעהען ווי אַלעס אָט דאָס גרויע פאַרשווינדעל, וואָס האָט געזאָלט זיין ער און וואָס דערוויל איז דאָס נאָך ניט און ס'באַדאַרף ערשט ווערען... ס'האָט איהם פאַרדראָסען אויף איהר און באַליידיגט... זי האָט עס ניט באַדאַרפט טאָן! נאָך וואָס האָט זי דאָס איהם געוואָלט זעהן דוקא אַזעלכען און נאָך נעמען איהם דאָס באַווייזען... עפּעס האָט זי איהם קאַליע געמאַכט אינגאַנצען, דעם גאַנצען יום־טוב פון דעם פאָטאָגראַפירען זיך האָט זי איהם קאַליע געמאַכט און באַקומען עפּעס אַ מין זייטיגען און אומדייטליכען באַגריף, אַז ווען זי וואָלט געדעכענט אָדער ווען זי וואָלט

געוואָלט האָבען זיין בילד, וואָלט זי זיך ניט געהייסען ווייזען דאָס פּאַרזעהעניש...

— ס'וועט זיין גוט! — האָט דער פאָטאָגראַפער געזאָגט, באַמערקענדיג ווי דער בחור שטעהט ווי אַן אויסגעצוואָגענער, און דאָ גאָר פּלוצים איז יענער, דער נייער פּאַרשוין, דער זייטיגער, וואָס איז אָנגעקומען און דער וואָס איז קענטיג מיטביידען גוט באַקאַנט געווען, אי מיט פייגלען אי מיט'ן פאָטאָגראַפער, האָט ער זי גאָר פּלוצים אַ שלעפּ געטאָן און געזאָגט:

— קומט, פייגעלע, וועלען מיר זיך ביידע אָפּפאָרטרעטלען!

---

זעקס שטיק האָט ער אָפּגענומען. ס'וואָלט אייגענטליך דריי אויך גענוג געווען. דריי האָט געמיינט פייגלען איינע, דעם ברודער איינע און זיך איינע לאָזען, האָט ער זיך דאָך געהייסען מאַכען זעקס, ווייל זעקס קאָסט גאָר מיט אַ קליינינגקייט טייערער פון דריי.

איין שבת האָט ער זיך פאָטאָגראַפירט און דעם צווייטען שבת האָט ער זיי אָפּגענומען. אַלע איינס ווי איינס, אַלע זעקס ווי ער איינער און, געבראַכט זיי אהיים, האָט ער זיי געוויזען פאַר'ן ברודער און פאַר דער שוועגערין און פאַר'ן ברודער'ס און שוועגערינ'ס קינדער. די אַלע זעקס בילדער זיינען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, יעדער איינער האָט אַלע זעקס באַטראַכט, כאָטש אַלע זיינען געווען איינע ווי די צווייטע. די שוועגערין האָט אָפּגעקליבען פאַר זיך אַ בילד, אָפּגעקליבען איינע אַזעלכע, וואָס זי האָט געמיינט, דאָס די איינע איז מיט עפּעס שעהנער פון אַלע איבעריגע, און האָט גלייך אריינגעטראָגען דאָס בילד צו זיך אין שלאָף־צימער און זי אַוועקגעשטעלט אויפ'ן קיילאַכדיגען טישעלע, וואָס איז געשטאַנען צווישען די בעטען. דאָרטען אויפ'ן טישעלע „איהם" אַוועקגעשטעלט, דאָרטען, וואו די „שוועגערין" איז געשטאַנען נאָך אַלס מוידווייז און דער ברודער בחור'וויז, און ביידע אַלס חתן־כלה צוזאַמען, און ווייטער ווידער אַלס מאַן און ווייב, שוין באַזונדער. מאיר איז מיט איהר

מיטגעגאַנגען, מיט דער שוועגערין, און דאָרטען זיך ביי איהר אַן עצה געפרעגט ווי זיך נוהג צו זיין. ווען איינער וויל אימיצען געבען אַ בילד און יענער, למשל, דער מענש, וועמען דער וויל געבען די בילד, וויל די בילד האָבען, איז ווי באַדאַרף מען זיך פיהרען: צי באַדאַרף יענער, וואָס וויל דאָס בילד האָבען, צי דאַרף יענער בעטען, צי דאַרף דער, וואָס איז גערן יענעם דאָס בילד צו געבען, צי באַדאַרף ער געבען און ניט וואַרטען ביז יענער וועט בעטען?

— אַ?...

די שוועגערין האָט מיט אַ טאָן פון אַ ווייסערקע געענטפערט, אַז אַ מיידעל באַדאַרף מען געבען אומגעבעטען און גלייך דערביי געזאָגט מיט אַ פרעגען און געפרעגט מיט אַ זאָגען:

— וועמען ווילסטו געבען, פייגעל הערמאַן?!

יאָ, אַלצדינג גוט, ווייסט די שוועגערין וועמען ער מיינט, און ער האָט די עצה איהרע אויפ'ן האַנט, אָבער דאָס איז אַלץ גערעדט, אַז מ'ווייסט ביי זיך אַז דאָס מיידעל, אָט די זעלביגע, פאַרלאַנגט פון דיר אַ בילד. ווי איז, אַז זי פאַרלאַנגט ניט? און זיך אַוועקשטעלען אין אַזאַ מין לאַגע פאַר דער שוועגערין האָט ער שוין ניט געקאָנט. איז ווי פאָרט האַנדעלט מען? ווי אַזוי דערוויסט מען זיך עס, צי פייגעל הערמאַן וויל ביי איהם אַ בילד... אויב ס'איז טאַקע אַזוי אָנגענומען, אַז אַ מיידעל באַדאַרף ניט בעטען, נאָר מ'באַדאַרף איהר אַליין געבען, וועט זי דאָך ניט בעטען אפילו ווען... טאָמער וויל זי ניט?

אַזוי ווי ס'איז געווען שבת בייטאָג און די פעדערשטע טיר איז געוועזן בלינד פאַרמאַכט, איז ער אַריין דורך דער הינטערשטער טיר און איז אַריינגעפאַלען אין קיך אַריין. דאָ האָט ער גאָר פּלוצים דערזעהן, ווי אויפ'ן קוימען שטעהט אַ שוואַרץ־יאָהרל, עפּעס אַ פאַרזעהעניש, אַ פאַרסמאַלעטעס און פאַרשמאָלצען פון אויבען ביז אַראָפּ מיט סטעאַרין־חלב, האָט ער גלייך דערקענט, אַז דאָס איז זיין לייכטערל, איינס פון דעם פּאָרל, וואָס ער האָט ערשט צוריק מיט אַ פּאָר וואָכען אַהער דאָ

פייגעל הערמאַן געבראַכט. ער האָט זיך אומגעקוקט און דאָס צווייטע לייכטערל האָט ער דערזעהן ליגען אין שמוציגען עמער... ער האָט געוואָלט געהן צוריק, פאַרהוילען ווערען אין פאַרשוואונדען ווערען, ס'זאָל גאָר קיינער און קיינמאָל ניט וויסען, אַז ער איז דאָ געווען. אין דעם מאָמענט אָבער האָט ער דערהערט פון שטוב פייגעל הערמאַנ'ס קול.

— ווער איז דאָרטען?

און באין ברירה האָט ער שוין געמוזט אריינגעהן. אָבער אריינגעגאַנגען איז ער מיט אַ פעסטען באַשלוס, אַז זיין בילד וועט ער איהר שוין ניט געבען... אויב ער האָט עס נאָך פריהער מיט עטליכע מינוט ניט געוואוסט, אַז ער באַדאַרף עס ניט טאָן, אַז ער באַדאַרף איהר קיין בילד ניט געבען, האָט ער זיך איצט, נאָכדעם ווי ער האָט געזעהן ווי שטאַרק טייער זי האָט געהאַלטען די מתנה זיינע, האָט עס איהם די אויגען געעפענט...

ער איז אריין ווי אַ פרעמדער, ווי אַ נייער, ווי אַ מענש קומט דאָס ערשטע מאָל אריין אין שטוב, וואו מ'קען איהם נאָך ניט, און ער קען נאָך די שטוב מענשען ניט און מ'דאַרף זיך ערשט באַקענען, אָדער דאָס אריינקומען איז לפי שעה עפּעס אַ צופעליג אריינקומען, איינמאָל, דאָס ערשטע מאָל און דאָס לעצטע מאָל.

אין שטוב איז געווען טונקעל פון די פאַרמאַכטע לאָדענס, וואָס מ'האָט פאַרמאַכט לכבוד שבת בייטאָג און לכבוד אַ דרעמעל צו כאַפּען. ס'האָט זיך געפיהלט די שבת־בייטאָגינע שטילקייט און בייטאָגינע שלעפעריגקייט. פייגעל איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דער אָטאָמאַנע מיט אַ בוך אין די הענט. פון איבער'ן טיש האָט מאיר געזעהן דאָס קעפעל איהרס, דאָס העלזעל, די אַקסלען און די הענט מיט'ן בוך... זיך איינגעקוקט אין איהר האָט מאיר דערזעהן ווי די אויגען איהרע זיינען געווען פיל קלענער ווי תמיד און דאָס האָט איהר צוגעגעבען אַ נייעם חן, אַזעלכען, וואָס מאיר האָט נאָך קיינמאָל ביי איהר ניט

געזעהן, און אַט דער נייער חן, האָט זיך איהם געדאכט, איז עפּעס מעהר אינטימער, עפּעס מעהר נעהענטער און מעהר דערגרייכענד ווי אלע חנ׳ען איהרע, וואָס איז איהם ביז אהער שוין באַקאַנט... עפּעס אַ היימישע פייגעל, עפּעס גאָר אַ נאָהענטע, האָט זיך פּלוצים אַנטפּלעקט צו איהם און קוקט אויף איהם מיט אַזוי פיל געמיטליכקייט. און ס׳האָט זיך איהם געדוכט, אַז פאַר דער־אַ, פאַר דער נייער היימישער פייגלען, וואָלט ער געקאָנט עפּענען דאָס הארץ זיינס... גאָרניט, אָהן גאָרניט, אָהן עפּעס, נאָר דערציילען איהר, אַז ער האָט זי ליב, ווי אַזוי ער ליידט פון זיין ליבען זי, ווי אַזוי ער וויים, אַז ער איז ניט איהר גלייכען און ער האָט זי פונדעסטוועגען ליב... ווי אַזוי ער האָט עס צוליב איהר, ווייל איהם איז שווער די ליבע איבערצוטראָגען, אַז דערפאַר האָט ער באַשלאָסען אוועק־צופאָהרען.

פייגעל הערמאַן האָט זיך אויפגעהויבען פון זיינטוועגען און איהם באַגעגענט ווי אַ היימישען און מיט אַ האַלב־שטילען קול פון אַן איידעל קינד, וואָס וויים ווי חשוב צו האַלטען טאַטע־מאַמע, האָט זי געפרעגט ביי איהם:

— איהר האָט שוין די קאַרטעס?

ער האָט ארויסגענומען פון בוזים־קעשענע דעם קאָנווערט און ארויסגעשלעפּט פון קאָנווערט פינף בילדער און זיי אוועק־געלייגט פאַר איהר מיט אַזאַ אוועקלייגאַכטס, ווי ער וואָלט זיי איהר אלע פינף שטיק אוועקגעגעבען און ווען ער וואָלט געקענט וואָלט ער זיך אליין אַ זעקסטער צו די בילדער זיך צוגעלייגט. פייגעל הערמאַן האָט איינע נאָך דער אַנדערער גענומען באַטראַכטען און אויסגעקליבען איינע פון די פינף, וואָס האָט געהאַט אַרום זיך אַ טונקעלערען פאָן, האָט זי זיך געמיטליך און רוהיג געזאָגט:

— אַט די קאַרטע נעם איך פאַר אונז.

און דאָס האָט ערשט ניט געטויגט. ער האָט מיט אלע

חושים זיינע דערפיהלט, אַז דאָס טויג ניט... עפּעס אַזוי, אָהן צערעמאָניעס נעמען אַ קאַרטע, און דער עיקר: „פאַר אונז". ניין, ס'האָט שוין עפּעס גאָר און זעהר שטאַרק ניט געטויגט. געלאָזט פאַר זיך, „פאַר זיי", הייסט עס, איין בילד, האָט זי די איבעריגע פיער אריינגעלייגט אין קאָנווערט אריין און געפרעגט ביי איהם וועמען ער רעכענט צו פאַרטיילען די איבעריגע פיער, און גאָר פּלוצים, מיט אַ טאָן פון פרעגען און אַ טאָן פון זיכערקייט:

— מיין שוועסטער וועט איהר דאָך אויך געבען אַ קאַרטע, יע?

און מאיר האָט זיך דערפיהלט אין אַזאַ לאַגע ווי ניט ער וואָלט געוועזן דער אָריגינאַל פון די בילדער, ווי די בילדער וואָלטען ניט געוועזן פון איהם, נאָר פון אימיצען אַנדערש, און ער האָט עס געבראַכט צו באַווייזען זיי אָט די פינף בילדער, און ער מוז זיי צוטיילען, אָט די פינף, עפּעס ווי אַ אומניצליכע סחורה. אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט גאַנצע פינף שטיק, האָט זי גענומען ביי איהם איינע און דערפאַר, ווייל איהם איז נאָך אַלץ פיר געבליבען, וויל זי פאַר דער שוועסטער איינע...

אַז ס'זאָל זיך אַזוי אויסדרעהען, אויף דעם האָט זיך שוין מאיר גאָרניט געריכט. עפּעס אַזוי גאָרנישטיג, אַזוי וואָסערדיג.

פיינעל הערמאַן האָט נעבען דעם ערשטען בילד, וואָס זי האָט פריהער גענאָמען אָפּגעקליבען פאַר זיך, אוועקגעלייגט אַ צווייטען פאַר דער שוועסטער, און די איבעריגע דריי האָט זי אריינגעלייגט אין קאָנווערט אריין און איבערגעגעבען מאיר'ן אין האַנט אריין. מאיר האָט דעם קאָנווערט מיט די דריי בילדער אריינגעלייגט אין קעשענע מיט אַ געפיהל פון חרפּה, און זיך ניט געקאָנט אָפּגעבען קיין רעכענונג פון וואָס ער ליידט מעהר: צי פון די דריי בילדער, וואָס איהם איז געבליבען, צי פון די צוויי, וואָס ער האָט דאָ ביי איהר אויפ'ן טיש געלאָזט. ער האָט געהאַט אַזאַ נעבעלדיגען איינדרוק, אַז די דריי האָט ער עפּעס אַזוי ווי רעשט פון יענע צוויי באַקומען...

זי האָט אַראָפּגענומען צוויי פון פינף, איז געבליבען דריי... יע, כ'איז איהם געבליבען דריי בילדער, „געבליבען"... צוויי איז אַראָפּגענומען געוואָרען און די צוויי פעהלען איהם ניט און אַז נאָר דערפאַר, וואָס זיי פעהלען איהם ניט, בלייבען זיי דאָ אין שטוב מיט דערזועלבער בלייבעניש און ניט נויטיגקייט פאַר די, ביי וועמען זיי בלייבען, פונקט ווי די דריי ביי איהם, וואָס בלייבען פאַר איהם...

מאיר האָט גאָר פּלוצים אַוועקגעלייגט אַ האַנט אויף די צוויי בילדער, וואָס זיינען אויפ'ן טיש געלעגען און אינגאַנצען אַן אָנגעגאָסענער מיט רויטער פאַרשעמטקייט, געזאָגט:

— אפשר באַדאַרפט איהר זיי ניט?

— וואָס? — האָט פייגעל הערמאַן געפרעגט און איהם אָנגעקוקט.

— איך מיין פאַר אייער שוועסטער... אפשר דאַרף אייער שוועסטער ניט?...

— זאָל אייך ניט אַרען, אַז איך נעם...

— גיט מיר איינע צוריק! — האָט מאיר געזאָגט מיט אַ ציטעריג קול.

— וואָס'י, איהר האָט דען ווינציג?... אייך איז דאָך נאָך געבליבען דריי. וואָס וועט איהר טאָן מיט זיי, וואָס?

— גיט מיר צוריק די קאַרטעס, גיט מיר! — האָט מאיר שוין געזאָגט מיט אַ באַרוישענדען טאָן.

— איהר מיינט איינע!...

— ניין, ביידע!... — האָט מאיר האַרט געזאָגט.

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַן אומפאַרשטענדליכען בליק, זי האָט געמיינט, אַז זי פאַרשטעהט איהם ניט, אַז אפשר מיינט ער ניט דאָס, וואָס ער זאָגט, אפשר האָט ער געמיינט איינע און געזאָגט ביידע.

— מיר ווילט איהר אויכעט ניט געבען קיין קאַרטע?

— ניין! — האט ער געענטפערט.

און זי האט מיטביידע הענט א שאר געטאן ביידע בילדער צו איהם און איינצייטיג געזאגט:

— ניט איז ניט. מיט גוואלט וועל איך ביי אייך זיי ניט געהן רייסען; צופיל כבוד פאר אייך... איך האב געמיינט...

און ער האט אזוי קוקענדיג אויף איהר מיט אלע חושים פון זיינע נערוועז גענומען די צוויי בילדער אין די פינגער אריין און איבערגעריסען אויף דער העלפט, דערנאך אויף פיער און אויף אכטלאך און אויף זעכצענטלאך, געפיצעלט און גע־פיצעלט, און די גאנצע צייט געקוקט אויף איהר, ניט אראפ־גענומען קיין אויג, און דאס גאנצע פנים האט געגליהט, די אויערען האבען געפלאמט און דער האלז און נאקען איז געווען אנגעגאסען מיט בלוט.

— מאיר, איז זייט משוגע געווארען?

און איהם האט זיך געגלוסט זי גראב באליידיגען פאר די אלע שעהנע צערטליכע געפיהלען, וואס ער טראגט דארטען ביי זיך אין הארצען גאנצע צוויי געהענדיגע יאהר, און דערפאר, וואס ער האט זיי געמוזט האלטען, באהאלטען טיף אין זיך, אט די צערטליכקייטען, וואס ער האט געפיהלט צו איהר. ער האט געוואוסט, אז דאס איז דער סוף, אז דאס איז אן ענדע פון א שטיל, טראגיש, אין־זיך־דורכגעלעבטען ראמאן, אז דא, מיט דער סצענע, ווערט אויף אייביג פארזיגעלט און פאר׳חתמה׳ט דאס הארץ; ער האט זי ליב געהאט און דאס איז איהם די איינציגע טרייסט געבליבען, די איינציגע נחמה און נקמה, וואס ער האט אפגענומען אין איהר, וואס זי וויים ניט און וועט עם קיינמאל ניט וויסען, אז ער איז געווען פארליבט אין איהר.

פארלאזענדיג די שטוב, האט ער געוואוסט, אז ער פארלאזט זי שוין אויף אייביג, אבער ס׳האט איהם ניט באנג געטאן. מיט דעם דערווייטערען זיך פון זייער שטוב, האט ער ניט געזעהן, אז ער זאל זיין מעהר דערווייטערט ווי מיט דער נאהענטקייט פון זיין אריינקומען צו זיי און אין אזא פאל איז

פיל גלייכער גאָר אינגאנצען זיך האַלטען פון דערוויטענס... ווען ער וואָלט עס שכל געהאַט. גאָר פון אָנפאנג, וואָלט ער פארשפּאָרט גאנצע צוויי יאָהר אַ נאַר צו זיין... איין טרייסט איז איהם נאָר געבליבען, וואָס קיינער ווייס ניט דערפון און מ'וועט עס ביי איהם קיינמאָל ניט וויסען...